STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05391

DER RAYKHER DALFN

Joseph Ehrlich

Permanent preservation of this book was made possible
by Greg & Nancy Laemmle
in honor of
their children, Gabriel, Nadav & Ezra

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ערליך / דער רײַכער דלפון

יוסף ערליך

דער רײַכער דלפון

ר אָ מ א ן

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך“
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
תל־אביב, תשמ"ד — 1984

יוסף ארליך

הדלפון העשיר

רומן

JOSEF ERLICH

THE POOR RICHMAN

Roman

יוסף ערליך

דער רײַכער דלפון

ראָמאַן

©

Publishing House ISRAEL-Book. Tel-Aviv.
P.O.B 1777

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג אין ישראל
תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4

Printed in Israel 1984 נדפס בישראל,

דפוס „אורלי" — פרידמאַן, תל־אביב, טלפון 372062



תרס"ח — תשמ"ג 1982 — 1908

1

די „קרוין", דאָס קאַפע־הויז איבער דער לענג פון באַלקאָן, האָט זיך געפונען אין ראָג אַלנבי־אחד־העם. אין קאַפע איז פאַרהעלטנישמעסיק געווען גענוג רויִק. מער מענטשן זענען אַוועקגעגאַנגען ווי געקומען. די געבליבענע אין דעם גרויסן פּירקאַנטיקן לאָקאַל, האָבן שוין געהערט דעם זשום פון די ווענטילאַטאָרס. אין לאָקאַל איז אַרײַן אַ גרויקייט, ווי עס זאָל שוין זײַן בין־השמשות. אָבער דורך די אָפענע טירן און פענצטער האָט נאָך געשטראָמט די שײַן פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין געגומען זעצן. די קעלנערקעס מיט זייערע שערצלעך, יעדעס ווי אַ פײַגן־בלאַט, האָבן שוין אויסגעענדיקט זייער טאָג אַרבעט. זיי האָבן צונויפגענומען די ליידיקע כלים, אָפּגעווישט די טישלעך און צונויפגערוקט די בענקלעך.

שטראָם, דער באַלעבאָס פון קאַפע, איז געווען אַ הויכער ברייטבייני־קער ייִד מיט אַ קיילעכיקן קאָפּ אויף אַ הויכן האַלדז. זײַן קערפּער האָט נישט געפּאַסט צו זײַן אויסדרוק פון פּנים. דערפאַר האָט ער געטראָגן אַ גרויסע געצירטע צוגעשוירענע שוין גרויע וואָנצע, וואָס האָט אים צוגעגעבן אָנזען. ער איז געשטאַנען אין מיט לאָקאַל און רויִק באַטראַכט זײַן קאַפע־הויז.

אַ פרויען־קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ טיכל האָט אַרויסגעקוקט פון קיך־פענצטערל. „הער שטראָם, באַשטעלט אַ טאָפּלטע פּאָרציע קאַווע פון אַלע מינים!" האָט אים געזאָגט מינאַ, אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו לאהן: „ווי זעט אויס בײַ דיר?" לאה איז געשטאַנען פון יענער זײַט קילשאַנק און אָנגעסדרט דאָס געבעקס. אַ דיקלעכע פרוי מיט שוואַרצע אָנדולירטע לאָקן האָט נאָר געוואַרט אויף זײַן פראַגע. — „געווען אַ טאָג פון לייזונג. כמעט נישט געבליבן קיין געבעקס" — האָט זי אים געענטפערט.

אויך איר האָט ער ניִשט געענטפערט, נאָר מיט צוויי פינגער זיך צוגעגלעט די וואָנצע. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טישל אין דער זײַט, האָט אַריבערגעלייגט איבער אים די עלנבויגנס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי ער זאָל אַרײַנקוקן אין דעם ליידיקן שטח צווישן זײַנע הענט.

עטוואָס שפּעטער האָט זיך הינטער אים אַוועקגעשטעלט מילקע, אַ נישט דרײַסטע, ווי זי זאָל אויף עפּעס וואַרטן. די הויכע קנאַכיקע פרוי מיט אַ לענגלעכער נאָז און פולע ליפּן האָט געשמייכלט צו זיך אין פאַרלעגנהייט. איר אַוועקשטעלן זיך הינטער אים, איז שטראָמען געווען אויף דער האַנט. אים האָט געלאַנגגווײַליקט דאָס זיצן אַליין, אָן אַ באַוועגונג.

— „מילקע, עס ווערט נאַכט”... האָט ער איר געזאָגט. ער האָט געזוכט אַ טעמע זיך דורכצושמועסן מיט איר.

— נאַכט איז נאָך נישט, אָבער זי דערנענטערט זיך — האָט זי אים געענטפערט, ווי זי זאָל זיך פּשטלען.

שטראָם האָט אַ שנוף געטאָן מיט דער נאָז. אים איז נישט געפעלן איר ענטפער. ער האָט דאָך אַ גאַנצן טאָג געשוויגן און נאָר אויפגעפּאַסט, אַז די געסט זאָלן ווערן געהעריק באַדינט. ער האָט אָבער געדאַרפט רעדן און איר געזאָגט ווי ער זאָל רעדן אין רוים אַרײַן: שוין באַגינען איז געווען הייס. די היץ איז ווי געגליווערט. שווער איבערצוקומען אַזאַ טאָג. דער שווייס רינט פון מענטש ווי ער זאָל זיך צעלאָזן.

מילקעס אויגן האָבן אַ פינטל געטאָן ווי זיי זאָלן זי ברענען. זי האָט אַ פאַרלייג געטאָן די הענט, ווי זי זאָל זיך אונטערהאַלטן דעם בוזעם און געזאָגט מיט אַ קרייענדיק קול: „אַלץ בעסער ווי אויסגיין אין די גאַז־קאַמערן...” שטראָם האָט זיך אַ הייב געטאָן פון בענקל, אָבער איז געבליבן זיצן.

אַן אָנגעטראָגן ווינטל האָט דורכגעלופטערט דעם אָנגעזאַפּטן רוים מיט קאַפעיִן און סיגאַרן־רויך. אין מיטן לאָקאַל איז שטיין געבליבן אַ הויכער פאַרשוין, אַ שלאַנקער, מיט ברייטע אַקסלען, האָט זיך אַרומגע־קוקט, ווי ער זאָל זוכן אַן אָרט זיך אַוועקצוזעצן. ער האָט געמרווזשעט זײַנע גרויסע, בלויע אויגן איבער וועלכע עס זענען געהאָנגען צוויי

געדיכטע און העלע ברעמען. זײַן בלאָנד־געלאָקטער קאָפּ איז געווען צעשויבערט. זײַן פּנים איז געווען אָוואַל און האָט אויסגעזען ווי אַ סקולפּטאָר זאָל עס האָבן אויסגעמײַסטערט. זײַן אייבערשטע ליפּ איז געווען עטוואָס אונטערגעהויבן און האָט צוגעגעבן זײַן אויסזען הארבקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אָבער נישט געזוכט קיין אָרט צום זיצן. ער האָט געוואָלט זען וועלכע טישלעך עס באַדינט רודל די קעלנערקע. רודל, די שאַרמאַנטע, עלאַסטישע פּרוי מיט די הויכע פּיס, וואָס בשעת זי שלײַכט זיך צווישן די טישלעך גיט זי אַ וואָרף מיטן קאָפּ און אירע שוואַרצע געלאָקטע האָר צעשפּרייטן זיך ווי אַ צעעפֿנטער פֿעכער.

ער איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט בײַ איינעם פֿון די טישלעך, ווו זי האָט באַדינט די געסט. ווײַזט אויס, אַז נישט נאָר ער, נאָר אַ סך געסט האָבן געוואָלט דורך איר באַדינט ווערן. ווײַל כאָטש אין קאַפֿע־הויז זענען איצט געווען ווייניק געסט, זענען אירע טישלעך געווען באַזעצט. אירע באַוועגונגען זענען געווען ריטמישע, מלא חן. זײַן בליק האָט זי באַגלייט צווישן די טישלעך. זי האָט געפֿילט זײַן בליק אויף זיך און זי איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט כּסדר אויף זיך אָנגעצויגן דאָס קלייד. שוין אַ לענגערע צײַט, ווי ער קומט אַהער.

ווען זי איז שטיין געבליבן פֿאַר אים מיטן טעצל אין האַנט, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ שטשערקעלע, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים פֿון דער זײַט. ער האָט עס באַמערקט.

— איך וויל אַ ביר און הייס מרדכי... — האָט ער ריזיקירט.

אירע ליפּן האָבן זיך צעוויפּגעצויגן, און איר בליק איז געוואָרן דורכדריגלעך, ווי אָנגעברוגזט, אָבער זי איז נישט בײַגעשטאַנען דעם נסיון: זײַן אויסזען און זײַן שמייכל האָבן געטאָן זייערס.

— איך הייס רודל — האָט זי גוטמוטיק אים געענטפֿערט און איז אַוועק אים ברענגען זײַן באַשטעלונג.

ווען זי האָט פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט דאָס פֿלעשל מיט דעם גלאָז, האָט ער זיך צו איר צוגעבויגן און אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ פֿאַררויטלטע געוואָרט. ער האָט זיך געכאַפּט אויף וואָס זי וואַרט און איר באַצאָלט. זי איז אַוועק. ער, אַ

דורשטיקער האָט געטרונקען שנעל. ווען ער האָט געענדיקט איז ער געבליבן זיצן, ווי אַן איבעריקער. ער האָט נישט געהאַט וואָס מיט זיך צו טאָן. אַמאָל האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט, אַמאָל האָט ער זיי אַרויפגעלייגט אויפן טיש. אַן אַנגעלענטער אין בענקל-אָנלען האָט ער געקוקט אין איין ריכטונג, ווי ער זאָל וואַרטן אויף וועמען. דערנאָך האָט ער גענומען בלעטערן אַ זשורנאַל. ווי ער זאָל אים לייענען. אָבער ער האָט מיט איין אויג אַפּירגעקוקט פון זשורנאַל און באַטראַכט רודלען.

אַ צײַט שפּעטער איז דער זשורנאַל אַרויסגעפאַלן אים פון דער האַנט. רודל מיט דער האַנט־טאַש איבערגעהאַנגען איבערן אָרעם איז אַרויס פון קאַפע־הויז. זי האָט געענדיקט איר טאָג אַרבעט. ער איז אויפגעשפּרונגען און אײַליק איר נאָכגעגאַנגען. מינוטן איז ער איר נאָכגעגאַנגען אויפן גאַס, און געביסן די ליפּן מיט די ציין. זײַנע קינבאַקן זענען געווען בולט. זי האָט דערהערט הינטער זיך טריט און געוווּסט, אַז דאָס זענען זײַנע טריט. זי האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוואַגט זיך אומקוקן. פון נײַגער און איבערראַשונג האָט איר האַרץ געטיאַכקעט. זי האָט פאַרלאַנגזאַמט די טריט. ווען ער האָט איר געזאָגט: אַנטשולדיקט, — איז זי שטיין געבליבן ווי אַן איבערראַשטע. דאָ, אויף דער צעזוניקטער גאַס, האָט זי דערזען זײַן ברוינעם אויסגעהעמערטן ברוסטקאַסטן, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון זײַן צעכראַסטעטע העמד און זײַן צעשויבערטן בלאָנדן קאָפּ.

אַן אַנטציקטע און צערייצטע האָט זי זיך אויסגעגלײַכט און צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— איך וויל שוין לאַנג זיך מיט אײַך טרעפן — האָט ער איר געזאָגט אַ דערמוטיקטער.

— און נישט געוואָגט? — האָט זי איראָניש אים געפרעגט.

— יאָ — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן און צוגעגעבן — איך האָב נישט געוווּסט ווי איך זאָל עס טאָן.

— אַ שלעכטער סימן — האָט זי אים געענטפערט און גענומען גיין. ער נאָך איר.

אַ היפּשע ווײַלע זענען זיי געגאַנגען איינע נעבן אַנדערן און געשוויגן.ביידע האָבן זיך געהאַט וואָס צו זאָגן, אָבער צווישן זיי האָט זיך

נישט געשאַפן דער געוווּנטשענער קאָנטאַקט. ערשט ווען זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און איר געזאָגט:

— איך וויל מיט אײַך אָנקניפּן פרײַנדשאַפט...

דער אויסדרוק פון זײַן פּנים איז געווען אַן ערנסטער, אָבער נישט קיין זיכערער.

— פרײַנדשאַפט קניפּט מען נישט אָן. זי מוז זיך שאַפן — האָט זי אים געענטפערט און זיך אין אים אײַנגעקוקט. זײַן פּנים איז געווען אַ מאַסקע, נאָר זײַנע נאָז־לעפלעך האָבן געפלאַטערט. ער האָט אָפּגעאָטעמט, ווי ער זאָל פון זיך אַראָפּוואַרפן אַ משא. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, צי זי האָט אים אָפּגעזאָגט אָדער ער דאַרף ממשיך זײַן מיט איר.

אויך זי האָט טיף אָפּגעזיפצט. זיך דערשראָקן פאַר זײַן שיינקייט און אים אַ פרעג געטאָן:

— אייגנטלעך, ווער זענט איר? איך שפּאַציר מיט אַ מענטש און ווייס נישט ווער ער איז?

זי האָט דערבײַ געשמייכלט. ער האָט ווידער אָפּגעאָטעמט און זײַנע אַקסלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. אים איז לײַכטער געוואָרן אויפן געמיט, אָבער האָט ווײַטער געשוויגן. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַנעמען און וואָס איר זאָגן. אָבער ער האָט באַלד זיך צערעדט, געוואָלט אָפּפטרן זײַן צווייפל:

— איך שטאַם פון פּאָדאָליע. אַמאָל איז עס געווען פּוילן, איצט רוסלאַנד. די געגנט איז אַ וואַלדיקע. איך האָב געוווינט אין אַ דאָרף. דער טאַטע האָט געהאַנדלט מיט די פּויערים, די מאַמע האָט אָפּגענומען בײַ די פּויערטעס די געבורטן און זיי געגעבן רפואות צו פאַרשידענע חולאתן. איך האָב געלערנט חומש מיט רש״י און אַ פּרק משניות בײַ איטשען דעם דאָרף־שוחט. בײַ אַכצן יאָר בין איך אַוועק אויף הכשרה און געקומען אין לאַנד אומלעגאַל.

זי איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך צוגעהערט צו אים, ווי זי זאָל פילן, אַז דאָס זענען פאַר איר גורלדיקע ווערטער. זי האָט געמרוזשעט די אויגן און געשוויגן. זי האָט שוין פאַרשטאַנען מיט וועמען

זי האָט צו טאָן. אָבער אין געדאַנק האָט זי זיך געזאָגט: אַ פּרעכטיקער מאַן. זי האָט אים געענטפערט:

— איך בין פון בראַטיסלאַווע אין טשעכיע. איך הייס רודל שטיין.

אַז איר פאָטער האָט געפירט אַן אַנגראָ לעדער־געשעפט; אַז זי האָט מאַטורע און זי שפּילט קלאַוויר — האָט זי אים נישט געזאָגט.

ער האָט געשוויגן, איר נישט געענטפערט. ער האָט זיך נאָך כסדר אַרומגעקוקט ווו ער געפינט זיך. ווען ער איז מיט איר אַרײַן אין אַ זײַטיק געסל, זיך מיט איר ווי אָפּגעשיידט פון דעם גאַסן־ווירוואַר און די מענטשן, געוואָלט מיט איר זײַן אַליין. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטערן שטערן — נישט געווען זיכער, צי זי וועט מיט אים וועלן גיין איבער די געסלעך. ער האָט זי געפירט איבער די פאַרשידענע הינטערגעסלעך מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם טראָט.

אַ באַרויִקטער, אַז ער האָט אײַנגעבראָכן איר ווידערשטאַנד און זי וועט זיך מיט אים שוין טרעפן, האָט ער גענומען רעדן ווי צו זיך. אַז ער איז געוווינט צו אַרבעטן, פלעגט אַרומשווימען מיט אַ שיפל איבער די וואַלד־אָזערעס און צונויפגעקליבן די אַרומשווימענדיקע קלעצער, אָבער אַז יידן ווילן און קאָנען אַזוי אַרבעטן, אַקערן די ערד און שלעפן שטיינער אויף די מויערן ווי ער זעט עס דאָ, וואָלט ער זיך נישט פאַר־געשטעלט.

אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און דאַן ממשיך געווען אַ דערמוטיקטער:

„בײַ מיר אין דאָרף האָבן די יידן זיך געהאַט גוט. אָבער אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען יידן געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. נישט געווען ווו צו פאַרדינען אַ גראָשן. דעם יידס לאַגע איז געווען אָן אַן אויסוועג".

ער האָט מיט צוויי פינגער זיך אָפּגעווישט די ליפּן, אַ קוק געטאָן אויף איר מיט איין אויג פון דער זײַט, געוואָלט זען ווי זי האָט אויפגע־נומען זײַנע רייד. זי האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אים געפרעגט:

און ווי איז געווען בײַ אײַך אין די שטעט?

זי האָט געוואָלט וויסן, צי ער איז אַרויסגעפאָרן, געזען.

— איך בין אין די גרויסע שטעט נישט געווען, — האָט ער איר

געענטפערט אויפריכטיק און זי אָנגעקוקט מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגן פון מורא, צי ער האָט זיך נישט פאַררעדט.

זי האָט באַמערקט זײַן צעדרודערונג און אים אַרויסגעהאָלפן: „די וועלט איז גרויס און שיין. אָבער נישט פאַר אונדז יידן. מיר דאַרפן זיך אויפבויען אונדזער לענדל". ער האָט אָפּגעטעטעמט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף הסכמה.

זי האָט אים מיטגעפילט, געוואָלט אים דערמוטיקן און געזאָגט: „אָבער דו קענסט עברית און איך נישט".

— איך וועל דיך לערנען.

זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט, ווי פון אויבן אַראָפּ. זײַן גאַמבע איז געווען אויסגעשטרעקט. ווען זיי זענען צוגעקומען צום ראָג שיינקין, האָט ער זיך פאַרהאַלטן, געוואָלט וויסן, צי זי מיינט צו גיין מיט דער גאַס, אָבער זי האָט אַליין גענומען גיין מיט דער גאַס. זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. גייענדיק האָט זי כסדר זיך אָפּגעשטעלט פאַר די שויפענצטער און באַטראַכט די אויסגעשטעלטע זאַכן. ער האָט געדולדיק געוואַרט אויף איר. זי האָט געשוויגן, אָבער אירע מויל־ווינקלען זענען געווען צונויפגעצויגן, ווי זיי זאָלן זײַן אײַנגעשניטן. אויך צוויי קנייטשן האָבן אַדורכגעשניטן איר ברייטן שטערן. זי האָט יעדע ווײַלע אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי זי זאָל וועלן אים אַדורכקוקן און געוואַרט, ער זאָל רעדן. ער האָט געשוויגן. אָבער אויף דער אַלנבי־גאַס איז ער שטיין געבליבן, זי הינטער אים:

— וווּהין גייען מיר? — האָט ער זי געפרעגט.

זײַן פראַגע האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. זי האָט נישט געוווסט וואָס זי זאָל אים ענטפערן. ערשט ווען זי האָט דערפילט אויפן פּנים דעם ווייע פון ים־ווינטל, האָט זי אים געענטפערט: „צום ים..." זי האָט זיך צעשמייכלט און געגאַנגען ווײַטער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

די נאַכט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן. ווען זיי זענען אַראָפּ אויפן ברעג ים איז רודל שטיין געבליבן און זיך אײַנגעהערט אינעם רויש פון די

כוואַליעס. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער צעהוידעטער ים־פּלאַך. זי האָט אָפּגעאָטעמט און אײַנגעאָטעמט אין זיך די ים־פײַכטקייט.

ער האָט זי אָנגענומען בײַם עלנבויגן און זי אַ פיר געטאָן איבער דער פּליאַזשע, אָבער זי באַלד אָפּגעלאָזט. ער איז נישט געווען זיכער, צי ער האָט עס געדאַרפט טאָן. זיי האָבן געטאָפּטשעט אין די ווייכע אויסגעטרוקנטע זאַמדן, וואָס האָבן זיך איבערגעשיט איבער זייערע פיס. אַ מהלך ווײַטער איז זי שטיין געבליבן, זיך אָפּגערוט. זי האָט דערזען עטלעכע ליגשטולן. אָן צו זאָגן אַ וואָרט איז זי צוגעגאַנגען, זיך אַוועק־געזעצט און אָפּגעאָטעמט. ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

— זעץ דיך — האָט זי אים געזאָגט.

ער האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי געדאַנקט, אָבער זי האָט עס נישט באַמערקט. אַ מידע נאָכן טאָג אַרבעט און דעם שפּאַציר איז זי אײַנגעדרימלט. ער האָט געוואַרט, זי זאָל זיך אָפּרוען און גיין מיט אים ווײַטער. נאָר אײַנזעענדיק, אַז זי וועקט זיך נישט איבער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די הענט, זיך דערפילט איבעריק.

אין דער שײַן פון דער אויפגייענדער לבנה האָט ער דערזען איר אָוואַל ברוין אָפּגעבריענט פּנים און איר קליין פּאַרריסן נעזל, אירע עטוואָס דיקלעכע ליפּן און אירע פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך. זי איז איצט געווען שענער ווי שטענדיק. ער איז געשטאַנען אין דער זײַט אַן אומבאַהאָלפע־נער. באַלד האָט ער גענומען שפּאַצירן אַהין און צוריק, ווי ער זאָל זי היטן, אָבער צום סוף איז ער שטיין געבליבן אומגעדולדיק.

זי האָט לאַנג נישט געדרימלט. ווען זי האָט זיך איבערגעוועקט, האָט זי אים געזאָגט: „אַנטשולדיקט, איך בין מיד און דאַרף מײַן בעט". זי האָט מיט אים געוואָלט זײַן פרײַנטלעך.

— אין בעט איז גוט צוזאַמען — האָט ער איר געענטפערט.

— שוין? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן אַן אָנגעברוגזטע.

זײַנע אַקסלען זענען געוואָרן שפּיציק, זײַן קאָפּ איז אין זיי ווי ליגן געבליבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס.

— הייסע פרישע וורשטלעך! הייסע פרישע וורשטלעך! — האָט

אַ דיקע שטימע געשריגן. דאָס האָט אַ געבוקטע געשטאַלט מיט אַ ווײַסן קאַך־הוט אויפֿן קאָפּ געשריגן. אָן זי צו פֿרעגן האָט ער אַ רוף געטאָן דעם פּאַרשוין און אים געזאָגט: „צוויי פּאַרציעס!" ער איז געווען הונגעריק און אויך געוואָלט פּאַרטושן זײַן אומאָנגענעמע סטיטשקע מיט רודלען.

ער האָט איר צוגעטראָגן אַ פּאַרציע און איר געזאָגט: „מיט אַפּעטיט!" זי האָט אַ שמייכל געטאָן און אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַלס דאַנק. זי האָט אײַנגעביסן די וווּרשטלעך און אַ זאָג געטאָן: „נישט שלעכט!"

— מיט אַפּעטיט! — האָט ער איר נאָך אַ מאָל געזאָגט מיט אַ פֿול מויל. ביידע האָבן געגעסן און געשוויגן.

ווען ער האָט געענדיקט האָט ער זי געפֿרעגט: וואָס טוען מיר איצט?

— איך גיי אין שטוב.

— און איך? — האָט ער זי געפֿרעגט שפּאָסיק.

— נעבעך אַ יינגל, וואָס מען דאַרף פֿירן בײַ דער האַנט — האָט זי אים געענטפֿערט, ווי זי זאָל אים באַדויערן, נאָר שטרענג. ער האָט פֿאַרביסן די ציין, אָבער איר פֿאַרשוויגן.

זי איז אויפֿגעשטאַנען. ס'האָט איר פֿאַרדראָסן, וואָס ער פֿאַרבעט זי נישט אין אַ קאַפֿע־הויז און אויך זײַן רמז וועגן בעט.

אָן צו זאָגן אַ וואָרט האָט זי גענומען גיין. ער נאָך איר. זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. ערשט אויפֿן אַספֿאַלט־וועג בײַם אויטאָ אין דער שײַן פֿון גאַסן־לאָמפּ, האָט זי ווידער אַמאָל דערזען וואָס פֿאַראַ שיינער מאַן ער איז. איר האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם, אָבער זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענט און זי געפֿרעגט: „ווען זעען מיר זיך?"

— איר קומט דאָך אַרײַן אין קאַפֿע — האָט זי אים געענטפֿערט און צו אים געשמייכלט.

דער אויטאָ האָט אַ טראַמביע געטאָן. זי איז אײַנגעשטיגן. ער איז אַוועק מיט זײַן וועג.

2

דער פֿאַרמיטאָג איז געווען אַ הייסער, אָבער די לופֿט אַ טרוקענע. דער הימל איז געווען בלוי און הויך, די זון ווײַט. די טירן און פֿענצטער בײַ שטראָמען אין קאַפֿע־הויז זענען געווען צעעפֿנט. אַ מילד ווינטל האָט פֿון מאָל צו מאָל אַ ווייע געטאָן און אָפּגעפֿרישט די געדיכטע מיט רויך אָנגעזאָפּטע לופֿט אין קאַפֿע.

רודל האָט הײַנט געאַרבעט פֿון גאַנץ פֿרי. זי האָט זיך באַמיט און באַדינט יעדן גאַסט, וואָס האָט זיך צוגעזעצט צו אירס אַ טישל, אָבער אירע באַוועגונגען זענען געווען פֿוילע, איר קערפּער מיד. זי האָט כסדר געקוקט אויפֿן וואַנט־זייגער. זי האָט אויסגעקוקט די שעה ווען זי וועט קאָנען גיין אַהיים. האַלב שוואַרצע רעדער האָבן גערעמט אירע ברויגע קאַרשן־אויגן וואָס האָבן אויסגעזען גרעסער ווי זיי זענען געווען. זי איז געווען נישט אויסגעשלאָפֿן און אָן אויפֿהער געגענעצט. כלים זענען איר געפֿאַלן פֿון די הענט.

די קעלנערקעס וואָס האָבן מיט איר געאַרבעט אין דער זעלבער שיכט, האָבן בײַ יעדער איר אומגעלומפּערטער באַוועגונג זיך איבערגע־קוקט, אָבער קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואַגט זי פֿרעגן וואָס איר האָט פּאַסירט. זי איז געווען די שענסטע און געבילדעטסטע פֿון זיי. זיי האָבן שוין נישט איין מאָל געזען ווי זי איז שטיין געבליבן אַ פֿאַרטראַכטע און מיט אַ מאָל זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט און ווײַטער געטאָן איר אַרבעט. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז זי טרעפֿט זיך מיט מרדכין, דעם שיינעם, וווּקסיקן, בלאָנדן מאַן וואָס קומט סטאַביל אַהער. זיי האָבן אָבער נישט געוווּסט זייערע באַציונגען צווישן זיך. נישט איין מאָל, ווען רודל האָט אים באַדינט און מיט אים געכאַפּט אַ פֿאַרבײַ־גייענדיקן שמועס, האָבן זיי אַ פֿאַרגלײַך געטאָן זי מיט אים און נישט געפֿונען דעם פּאַסיקן ענטפֿער.

אַנומלט, ווען מרדכי האָט פֿאַרלאָזט דאָס קאַפֿע־הויז, האָט ער פֿאַר־בײַגייענדיק אַ זאָג געטאָן רודלען „איך וואַרט דיך אָפּ". די הויכע, קנאָכיקע

צילקע האָט עס געהערט און אַ פרעג געטאָן גבין, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר: „ער זאָל דאָס זײַן דער?" גבי, די קעלנערקע מיט פולע אָרעמס און רויטע באַקן האָט איר געענטפערט: „איך קאָן באַשטיין" און אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז. רודל האָט געהערט דעם שאַרך פון זייערע שושקערײַען און אויך געפילט אויף זיך זייערע בליקן. ווען דאָס איז געשען האָט רודל אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איר שטערן איז געוואָרן צעקנייטשט און זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן. אָבער בדרך כלל האָט זי בײַ אַזאַ פּאַסירונג זיך הויך צעגענעצט און מיט ביידע הענט זיך אויסמאַסירט דאָס פּנים.

אַנומלט איז רודל געקומען צו דער אַרבעט אַן אויפגערעגטע. דער אויבערשטער קנאָפּ פון איר קלייד איז געווען אויפגעקנעפּלט און עס האָט זיך געזען איר בוזעם־שליץ. זי האָט זיך באַוויזן לאַנגזאַם, אָבער אײַליק באַדינט די געסט. זי האָט זיך פאַרטאָן אין דער אַרבעט און געגאַנגען פון איין טיש צום אַנדערן. זי האָט דערלאַנגט, אַראָפּגענומען די כלים, אַראָפּגערייניקט די טישלעך און צונויפגערוקט די בענקלעך. בישט איין מאָל איז זי שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטע מיטן שטשערקעלע אין האַנט אַ פאַרקוקטע, ווי זי זאָל קוקן ווײַט. עס האָט געדויערט ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז מענטשן קוקן אויף איר.

איינמאָל, איז זי אויך שטיין געבליבן אַן אָנגעלעגטע אויף דער וואַנט, ווי זי זאָל באַטראַכטן די מענטשן אין דעם לאָקאַל אָדער געזוכט וועמען. דאָס לעצטע מאָל ווען דאָס איז איר געשען, האָט זי זיך הויך אַ זאָג געטאָן: „הער, מרדכי שפּילט אַ ברוגז" און זיך אומגעקוקט, צי די מענטשן האָבן זי געהערט. דערנאָך האָט זי גענומען אין האַנט דאָס טעצל מיט כלים און זי איז אַוועק אין קיך. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך און געביסן די ליפּן. ווען זי איז אַריבער די שוועל פון דער קיך, האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן. דאָס טעצל איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט. עטלעכע כלים האָבן זיך צעבראָכן. מרים, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער וואַש־שיסל, האָט זיך אומגעקוקט זען וואָס עס איז געשען. איר אויסגעגעסן פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, אירע באַקן האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. זי האָט זיך באַהערשט און נאָר געזאָגט: אוי־וואַ! רודל האָט

געזאָגט: אַ כפּרה! — „אוודאי, יענעמס פּראַצע" האָט מרים איר געענט־פערט, און איז אַוועק צוזאַמענגעמען די שאַרבן. אַ צערייצטע האָט זי אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל ברומען: „פאַראַן געגוג מענער. נישט דער, איז יענער". רודל האָט זי אָנגעקוקט מיט ביטול און איז אַוועק טאָן איר אַרבעט.

רודל גייט אַרום אָן אויפגערעגטע. זי קאָן זיך נישט דעצידירן. זי איז פאַרליבט, זי איז פאַרמאַטערט און נישט אויסגעשלאָפן. שוין עטלעכע וואָכן ווי זי טרעפט זיך מיט מרדכין. ער קומט איצט כמעט נישט צו שטראָמען. ער מיינט, אַז אַזוי באַהאַלט ער אויס זיין סוד פאַר מענטשן. אָבער דעם סוד אַנטפּלעקט זיי רודל מיט איר געמיט. זי פילט אַרום זיך די נעץ, וואָס דאָס לעבן האָט איר פונאַנדערגעשפרייט. זי איז פאַרליבט.

דער געפילדער אין קאַפע־הויז איז געוואָרן רויקער. ס'רוב געסט זענען אַוועק, ווער אַהיים און ווער אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג. געבליבן זענען נאָר די וואָס האָבן געדאַרפט פאַרענדיקן זייער שמועס אָדער ענדיקן לייענען אַן אַרטיקל, צי די, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די אָנגעזאָפּטע לופט מיט קאַפּעין און רויך האָט זיך געלייַטערט. שטראָמס גרויסע געשטאַלט האָט ווי אַריבערגעוירן איבער דעם בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן אין אַ ווינקל. די קעלנערקעס האָבן צונויפגע־רוקט די בענקלעך, אויסגעגליכן און אָפּגערייניקט די טישלעך. רודל האָט זיך פאַרראַכטן די פריזור, זיך אָנגעשמירט די ליפּן און זיך אַוועקגע־זעצט אָפּרוען.

פלוצים האָט אַ שאָטן אַ מיגניע געטאָן רודלען פאַר די אויגן, אָבער נאָך איידער זי האָט באַוויזן זיך אָריענטירן ווער דאָס איז, האָט סטעלע זיך הילכיק צעלאַכט.

— אוי, סטעלע! האָט רודל אַ קוויטש געטאָן אָן איבערראַשטע און אויפגעשפרונגען פון בענקל. זיי האָבן זיך אַרומגענומען. שטראָמס אַלע אָנגעשטעלטע האָבן געקענט סטעלען. שטראָם אַליין, דערהערנדיק איר געלעכטער, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל זי באַגריסן. ער איז געווען צופרידן, וואָס זי איז געקומען זען און זיך אַדורכרעדן

מיט רודלען. דאָקעגן איז ער נישט געווען צופרידן פון רודלס קאָנטשאַפט מיט מרדכין.

— לאָז מיך זען ווי דו זעסט אויס — האָט רודל איר געזאָגט און זי אָפגעמאָסטן פון אויבן אַראָפ.

— דאָס בין איך — האָט סטעלע איר געענטפערט און בײדע האָבן זיך צעלאַכט.

סטעלע איז געווען הויך און שלאַנק. איר גלײַכע נאָז האָט ווי פונאַנ־דערגעטײלט איר אָוואַל פּנים. אירע שאַטינענע האָר זענען געווען פאַר־דרײט אין אַ קאָקס. רודל האָט זי אָוועקגעזעצט און איר געזאָגט: „איך גײ דיר ברענגען אַ קאַווע" — און זי איז אַוועק.

סטעלע שטאַמט פון מונקאַטש. זי האָט דאָרט געענדיקט די העברעיִשע גימנאַזיע. איר פרײַנדשאַפט מיט רודלען ציט זיך פון זײער אָפשטאַם און בילדונג און זײער ערשטער אַרבעט אין לאַנד. זײ האָבן צוזאַמען געוואַשן טעלער אין האָטעל, אָבער סטעלע קען העברעיִש און בוכהאַל־טעריע. זי האָט באַלד באַקומען אַ פּאָסטן. רודל קען נישט קײַן העברעיִש און זי איז געוואָרן אַ קעלנערקע.

רודל האָט פאַר איר אַוועקגעשטעלט אַ שאָל קאַווע און זיך צוגע־זעצט צו איר. „אַ דאַנק" — האָט איר סטעלע געזאָגט. זי האָט אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און זיך אײַנגעקוקט אין רודלען. רודל האָט אַוועק־געקוקט. זי האָט נישט פאַרטראָגן סטעלעס בליק וואָס האָט זי אַדורכגע־נומען.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט סטעלע זי געפרעגט: „ווי האַלטסטו?" רודל האָט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט געפרעגט, אָבער זי האָט איר נישט געענט־פערט. זי האָט נאָר פאַרמרוזשעט די אויגן און פאַרפּרעסט די ליפּן.

סטעלע האָט נאָך אַ זופּ געטאָן פון דער קאַווע און מיט אַ שפּיץ פינגער אָנגערירט רודלס אַן אויערנלעפל. רודל האָט אַ שלײַדער געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל פאַרטרײַבן אַ זלידנע פליג און אַ קוק געטאָן אויף איר. מיט אַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן: „יאָ!" און זיך אַ ווענד געטאָן צו סטעלען: „טראָגסט אַ שײן קאָסטיומל..." אַ ווײַלע האָבן בײדע געשוויגן. סטעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז רודלס זאָג איז נאָר אַן אויסרײד.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דעליקאַט איר געזאָגט: „ביידע זענען מיר עלנט. פאַר מיר דאַרפסטו נישט האָבן קיין סודות...״ זי האָט שוין געוווּסט וועגן רודלס פּלאַנטער.

— ווען איך וואָלט נאָר געוווּסט וואָס דיר צו זאָגן, — האָט רודל איר געענטפערט און זיך פאַררויטלט.

— מיידעלע, איך וועל דיר העלפן — האָט סטעלע איר געזאָגט איראָניש און אַ גלעט געטאָן איר קאָפּ.

רודל האָט איינגעביסן איר אונטערשטע ליפּ און איראָניש געענטפערט; אָבער סטעלע האָט ממשיך געווען: „אייגנטלעך רעדן מיר וועגן אַן אַבסטראַקטן ענין״ און זי האָט געקוקט רודלען גלייך אין די אויגן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי פאָרגעשלאָגן רודלען: „אפשר וואָלטן מיר זיך געטראָפן אין דרײַען?״

רודל האָט אויך איצט געשוויגן.

סטעלע האָט ווידער אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן און ווי אַ שפּאַס געטאָן:

— דאָס איז ער און נישט קיין אַנדערער? צי אָדער ווײַל ער טראָגט הויזן?...

רודלס באַקן האָבן אַ פלאַם געטאָן. זי האָט אָבער סטעלען נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי זי זאָל באַדויערן. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי איר געזאָגט: „סטעלע, איך האָב דיר אַ סך צו זאָגן, אָבער איך מוז און וועל שווײַגן״.

סטעלע האָט געפילט דעם ווייטיק אין רודלס רייד אָבער זי האָט רודלען נישט אָפּגעלאָזט און איר געזאָגט: „דער מאַן איז די סיבה פון דער פרויס סוד״.

— יעדע פרוי איז גיריק נאָך איר מאַן — האָט רודל איר אָפּגעענטפערט און אויסגעבלאָזן די באַקן, ווי איר זאָל האָבן פאַרפעלט אָטעם.

— איך אויך, אָבער נישט מיט דעם ערשטן פון דער רייע, — האָט סטעלע איר געענטפערט, האָט זיך אײַנגעקוקט אין איר און געשמייכלט.
רודל האָט געאָטעמט שווער און געביסן די אונטערשטע ליפּ און צו ענדע געזאָגט: „איך האָב אים ליב און דאָס איז עס!״

די שטילקייט אַרום איז געוואָרן דריקנדיק.

— אויב אַזוי... — האָט סטעלע געזאָגט אַן אויפגערעגטע, אָבער נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. זי האָט נישט געוואָלט זייער שמועס זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ברוגז.

רודל האָט זיך דערווײַל באַהערשט און אַ זאָג געטאָן, ווי צווישן זיי זאָל גאָרנישט האָבן פאָרגעקומען:

— קום מיט מיר עסן.

— יאָ, אָבער דו גייסט צו מיר עסן. צוליב דעם בין איך דאָך געקומען צו דיר — האָט סטעלע איר געזאָגט.

— גוט — האָט רודל איר געענטפערט ספּאָנטאַניש און דערבײַ פאַרצויגן די ליפּן. זי האָט געוווּסט, אַז בײַ איר וועט פאָרקומען דער המשך פון זייער שמועס. סטעלע האָט אָוועקגערוקט די קאַווע־שאָל און זיך אויפגעשטעלט. רודל האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער און האָט געזאָגט:

— יאָ, צײַט גיין עסן מיטאָג.

רודל האָט זיך צוגעגלעט די האָר ,זיך אָנגעשמירט די ליפּן און אײַנגעצויגן דעם גאַרטל אַרום איר גרוי־שוואַרץ געשטרײַפטן טריקאָ־קלייד, אויך סטעלע האָט צוגעקנעפּלט און אָנגעצויגן אויף זיך איר העל־בלוי קאָסטיומל. רודל האָט איר געזאָגט: „ביסט שוין שיין, קום!" — און זי גענומען אונטערן אָרעם. רודל האָט זיך צעשמייכלט, אַ זאָג געטאָן אַן אַלגעמיינעם „שלום" און זיי זענען אַוועק. אַ סך אויגן האָבן זיי באַגלייט.

אין גאַס האָט זיך געטומלט. די אויטאָס און די פוסגייער האָבן אויסגעפילט דעם רוים פון דער גאַס. די מיטאָג־זון אויף דעם גרוילעכן הימל האָט געהיצט. דער הימל האָט איבערגעדעקט די דעכער ווי אַ קופּאָל. סטעלע מיט רודלען זענען געגאַנגען נעבן זיך און געשוויגן. זייער שווײַגן איז בײדן געווען פײַנלעך. צו לינדערן זייער פײַנלעך שווײַגן איז יעדעס מאָל אַן אַנדערע שטיין געבליבן פאַר אַ שויפענצטער און באַטראַכט: אַ קלייד, אַ נאַכט־העמד, אַ קאָמבינעזאָן אָדער שיך. פון מאָל צו מאָל האָט ווער פון זיי אַ זאָג געטאָן: „דאָס געפעלט מיר,

עס איז שיין", אָדער: „עס איז אָן טעם", און זיי זענען געגאַנגען ווײַטער. אַפילו ווען וועד פון זיי האָט געזאָגט אַ מיינונג איבער אַ גאַסן־געשעעניש אָדער אַן אַנגעטראָפּענעם מענטש, האָט דער שמועס באַלד זיך איבערגע־ריסן. צווישן זיי איז איצט נישט געווען קיין קאָנטאַקט. דער שמועס אין קאַפע־הויז איז געווען די מחיצה צווישן זיי.

ביים ראָג פון דער גאולה־גאַס האָט סטעלע אַ נעם געטאָן רודלען אונטערן אָרעם, איר אַ זאָג געטאָן „אָט זענען מיר אין שטוב" און איז מיט איר אַרײַן אין ערשטן געסל לינקס. „יאָ, דאָס איז עס" האָט רודל אַ זאָג געטאָן זיך און אויך איר ווי געענטפערט. סטעלע האָט זי אָנגע־קוקט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס רודל איז אויסן. ביידע האָבן ווײַטער געשוויגן.

סטעלע איז מיט איר אַרײַן אין אַ האַלב־פינצטערן אַרײַנגאַנג, אין וועלכן עס זענען געווען עטלעכע טירן. זי האָט אויפגעשלאָסן איר טיר און פון געוווינהייט אַרײַן די ערשטע אין שטוב. זי האָט שנעל געעפנט די פענצטער־לאָדן. דאָך איז די העלקייט אין שטוב געבליבן אַ גרוילעכע ווי אין אַ וווינונג אויפן פאַרטער.

פאַרמאַטערטע פון דער אַרבעט און פון דעם שפּאַציר האָבן ביידע זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער סאָפע זיך אָפּרוען. נאָך אַ ווײַל האָט סטעלע זיך גענומען פאַרען בײַ דער צוויי־טיריקער שאַנק. רודל האָט זיך אויפגעזעצט. און זיך אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אויף דער וואַנט און באַטראַכט דאָס צימער. סטעלעס וווינונג איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט באַקוועמלעכקייטן. די פענצטער זענען געווען אין דער הייך און שמאָל. דאָס עלעקטרישע לעמפּל מיטן פאַפּירענעם אַבאַזשור איז אַראָפּגע־האַנגען ווי אַ פּיאָן. איבער דער ביכער־עטאַזשערקע איז געהאָנגען אַ פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע פון אירע עלטערן: די מוטער מיט אַ פריזירטן קאָפּ, דער פאָטער מיט אַ צוגעשוירענער באָרד און אַ קאַפּל אויפן קאָפּ. איבער דער סאָפע איז געהאָנגען דעגאַסעס אַ רעפּראָדוקציע „די טענצערין".

רודל האָט דערפילט די שטילקייט אַרום זיך און די אומהיימלעכקייט פון זייער שווײַגן. זי האָט געוואָרט סטעלע זאָל זיך צו איר ווענדן

אָבער צו פאַרמיַידן דעם המשך פון פריערדיקן שמועס, האָט זי געפרעגט סטעלען:

— ווו איז בעסער צו וווינען — נידעריק ווי דאָ, צי אין דער הייך, ווי איך?

— בעסער איז ווי דו, אָבער באַקוועם איז ווי איך — האָט סטעלע איר געענטפערט. אַביסל שפּעטער האָט רודל איר געזאָגט: „צוויי טעכטער זענען אַוועק אין דער וועלט און זיך אַדורכגעשלאָגן".

— מיר זענען ערשט אין מיטן וועג — האָט סטעלע איר געענטפערט און זיך געפּאַרעט וויַיטער. רודל האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט. אַז סטעלע זאָל זיך נישט אומקערן צו זייער איבערגעריסן געשפּרעך אין קאַפע־הויז. סטעלע האָט נאָר געזאָגט: „ווו זענען אונדזערע עלטערן און ווו זענען יענע ייִדן?" און באַלד געפרעגט: „רודל, דו קלערסט נישט בײַטן די אַרבעט?" און צוגעגעבן: „לעאָן שטיינס טאָכטער אַ קעלנערקע..."

רודל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל מיט איר מסכּים זיין, אָבער איר אויך געענטפערט מיט שפּאַס: „איך האָב זיך איַינגע־לעבט בײַ דער אַרבעט. איך בין דאָרט די אינטעליגענטקע און טו אַ פיזישע אַרבעט פון אַ פּראָלעטאַרין". זי האָט זיך פאַרטראַכט און ממשיך געווען: „סטעלע, וואָס עס איז געווען, איז מער נישטאָ. דאָ לעבן מיר אין אַן אַנדער ווירקלעכקייט".

— יאָ, יאָ רודל, אָבער נישט איין מאָל פאַרבענקט זיך צו דער אַמאָליקער היים און צו יענע ייִדן — האָט סטעלע איר געזאָגט.

— וויַיל דו ביסט אַליין און קלײַבסט איבער, זוכסט איבערמענטשן — האָט רודל איר געענטפערט.

— רודל, מיר פּלאַפּלען און איך האָב פאַרגעסן, אַז מיר דאַרפן עסן — האָט סטעלע איר געזאָגט.

— אָבער נאָר עפּעס איבערצובײַסן — האָט רודל זיך געבעטן.

— דו וועסט בײַ מיר עסן ווי אַמאָל אין דער היים — האָט סטעלע איר געזאָגט.

רודל האָט זיך צוריק אויסגעצויגן אויף דער סאָפע און איַינגע־דרימלט. סטעלע האָט געענדיקט גרייטן דאָס עסן און שטיל, אויף די

שפּיץ־פינגער אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. מיטן לעצטן טעלער, וואָס זי האָט אַוועקגעשטעלט, האָט זי אָנגעקלאַפּט איין טעלער אין אַנדערן. דער קלאַנג האָט איבערגעוועקט רודלען. אירע אויגן זענען געווען אויפגע־ריסן. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סאָפע און זיך אַרומגעקוקט. איר בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם געגרייטן טיש. זי איז צו אים צוגע־גאַנגען, ווי זי זאָל זיך אונטערגנבענען און מיט התפעלות אויסגערעכנט: „אַ זופּ פון יאָגורט! בלינצעס! קעז־קניידלעך מיט אַ פלוים אין דער מיט, יאָ?"

— אוודאי — האָט סטעלע איר געענטפערט אַ צופרידענע פון רודלס נחת־רוח און איר געזאָגט: „זעץ זיך צום טיש". ביידע האָבן זיך אַוועק־געזעצט און זיך געקוויקט מיטן טעם פון די מאכלים און געשוויגן. זיי האָבן נישט געוואָלט זיך קאַליע מאַכן דעם טעם מיט עפּעס סתם אַ שמועס. נאָר פון מאָל צו מאָל האָט רודל אַ זאָג געטאָן מיט התפעלות: „אויסגעצייכנט". איין מאָל האָט זי אויך אַ זאָג געטאָן: „פּונקט ווי ביי אונדזערע מאַמעס".

בשעת דעם עסן האָט רודל געזאָגט: „איך ווייס נישט, צי איך וואָלט שוין געקאָנט צונויפשטעלן די מאכלים". סטעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער איר פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַ לייַכטן, אָנגע־וויטיקטן שמייכל.

ווען זיי האָבן געענדיקט עסן איז סטעלע אַוועק צום קיכן־ווינקל און איז באַלד צוריקגעקומען, פאַר ביידן אַוועקגעשטעלט אַן אָמלעט באַשמירט מיט מאַרמאַלאַדע און אַ שאָל מיט קאַווע. רודל, אַן איבער־ראַשטע און צופרידענע האָט אַ זאָג געטאָן: „אויף דעם האָב איך זיך שוין נישט געריכט". זי האָט מיט אַ שפּיץ פינגער אַ לעק געטאָן פון דער מאַרמאַלאַדע.

— מיידעלע, לעק, לעק — האָט סטעלע איר געזאָגט אַ צעשטראַלטע. נאָך דעם, ווי רודל האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ערשטן ביסן האָט זי זיך אַ פרעג געטאָן: ווען האָב איך געגעסן אָמלעט דאָס לעצטע מאָל? זי האָט אָבער נישט געדענקט. ביידע האָבן געגעסן פּאַמעלעך, געגעבן אַ ביס און נאָכגעטרונקען אַ שלונג קאַווע.

פלוצים האָט רודל אַ זאָג געטאָן: „נאָך אַ ביסל וועט מען נישט נישט נאָר געדענקען די אַלע מאכלים, נאָר אויך שוין נישט וויסן ווי מען מאַכט זיי". סטעלע, וואָס האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, האָט איר געענטפערט: „אויף דײַן חתונה וועל איך דיר צוגרייטן אַלע היימישע מאכלים, ווי דײַן מאַמע וואָלט עס דיר געטאָן". רודל האָט קוים אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן וואָס זי האָט געהאַט אין מויל. צוויי גרויסע טרערן אין אירע אויגן־ווינקלען האָבן נישט געקאָנט אַראָפּפאַלן. סטעלע האָט זיך אויף איר דערבאַרעמט און זי אַרומגענומען. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט סטעלע זיך אויסגעגליכן און זי אַ פרעג געטאָן:

— רודל, בעצם ווער איז ער?

רודל האָט אַראָפּגעשלונגען דעם שלונג קאַווע, וואָס זי האָט געהאַט אין מויל און איר געענטפערט האַלב־ערנסט, האַלב־וויציק:

— סטעלע, איך אַליין ווייס נישט ווער ער איז.

— אַזוי גאָר!? — האָט סטעלע זיך פאַרוווּנדערט — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

רודל האָט פאַרביסן די ליפּן און איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע. זי האָט געוווּסט, אַז אין סטעלעס פראַגע איז פאַראַן אַ סך אמת. זי האָט דאָך שוין געקענט מרדכיס כאַראַקטער.

ווען סטעלע האָט צופעליק אָנגערירט מיט איר לעפעלע אַ טעלער וואָס האָט אַ קלונג געטאָן ווי אַ וואַנט־זייגער, האָט רודל אַ ציטער געטאָן פון אויפרעגונג, אָבער זי האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו סטעלען און געזאָגט:

— איך וויל דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב אים ליב.

— פאַר זײַנע אייגנשאַפטן, צי ווײַל ער איז שיין? — האָט סטעלע זי געפרעגט.

רודל האָט אָפּגעטעמט, ווי זי זאָל איבערכאַפּן דעם אָטעם: זי האָט געוווּסט, אַז סטעלע איז גערעכט. אָבער זי האָט איך געענטפערט: „מיר איז שווער אָן אים" און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטע.

סטעלעס פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, געוואָרן גרין און זי האָט איר געזאָגט:

— נאָר מיט ליבע איז שווער צו לעבן. דאָס לעבן איז די משפּחה. די משפּחה־צרות קומען ערשט דערנאָך.

רודל האָט זי אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן. סטעלעס יעדעס וואָרט האָט זיך איר איַינגעקריצט אין געדאַנק. זי איז געבליבן זיצן מיט פאַרביסענע ליפּן. זי האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל איר ענטפערן. צו שטילן איר ווייטיק האָט זי גענומען שנעל עסן איר איבער־געבליבן שטיקל אָמלעט.

סטעלע האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען די אויגן. זי האָט זי באַדויערט און אויך געווען צופרידן וואָס זי האָט איר אַריַינגעזאָגט. רודל האָט געענדיקט טרינקען און זיך אויפגעשטעלט פון טיש. סטעלע איז אויפגעשטאַנען מיט איר. אַ וויַילע האָבן בײדע געשוויגן און אַוועק־געקוקט. בײדע האָבן זיך געפילט נישט באַקוועם. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס זיי זאָלן זיך זאָגן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט. דאָס איז געווען דער שטומער המשך פון זייער נישט פאַרענדיקטן שמועס. זיי זענען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט אומבאַהאָלפענע און נישט געוווּסט וואָס איינע דאַרף זאָגן דער אַנדערער, ענדלעך האָט רודל געזאָגט:

— איך גיי.

— איך וועל דיך אַרויספירן.

רודל איז צו איר צוגעפאַלן. בײדע האָבן זיך געקושט. ווען זיי האָבן זיך אָפּגעלאָזט איז רודל אַוועק צו דער טיר. סטעלע איז איר נאָכגעגאַנגען. אין טונקעלנעם אַריַינגאַנג האָט רודל איר אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל איר אַריבערעדן איבער דער פּלייצע:

— זיַי געזונט. איך וועל דיר אָנקלינגען...

סטעלע איז נאָך געשטאַנען אַ היפּשע וויַילע ווי געוואָרט, רודל זאָל זיך אומקערן, ביז זי איז צוריק אַריַין צו זיך אין שטוב.

3

די צײַט איז נישט געבליבן שטיין. די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן רודלען און מרדכין איז כסדר שטאַרקער געוואָרן. אין קאַפֿע־הויז, וווּ רודל אַרבעט, קומט איצט מרדכי זעלטענער, ווײַל איין מאָל, ווען זיי האָבן אין אַ שפּעטן אָוונט שפּאַצירט אויף אַ זײַטיקער און ליידיקער גאַס, האָט זי אים געזאָגט: „שוין שפּעט, איך דאַרף גיין אַהיים. זיי רעדן אויף מיר אויס גענוג אַזוי אויך".

— ווער? — האָט ער זי געפֿרעגט אָן אויפֿגעבראַכטער.

— די מיידלעך, מיט וועלכע איך אַרבעט, פֿירן אינטריגעס קעגן מיר בײַם באַלעבאַס, באַרעדן מיך, אַז איך שלעפּ זיך אַרום מיט דיר אין די נעכט און קום אַ נישט־אויסגעשלאָפֿענע צו דער אַרבעט.

— וואָס? — האָט ער אַ געשריי געטאָן אָן אויפֿגערעגטער און זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט. זיי זענען שטיין געבליבן און ער האָט זיך אין איר אײַנגעקוקט. ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ פֿון פֿאַרוווּנדערונג און זי געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס מישן זיי זיך אין אונדזערע ענינים?" און געוואַרט ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן אויפֿן וואָרט „אונדזערע", אָבער אַז זי האָט דערויף נישט רעאַגירט, האָט ער מיט כעס איר געזאָגט: „איך וועל צוגיין און זיי אַראָפּזאָגן דעם פּסוק". ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסן, אַז זי קאָן זיך אויף אים פֿאַרלאָזן.

זי האָט אים אײַנגעשטילט: „מרדכי, היט דײַן כבוד. דו ביסט נישט קיין מענטש פֿון דער גאַס. וואָס יאָ, עס איז נישט כדאַי, מען זאָל דיך צו אָפֿט זען אין קאַפֿע־הויז ווען איך בין בײַ דער אַרבעט". אירע רייד האָבן אים הנאה געטאָן. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ. ווי ער זאָל וועלן עפּעס זען אין דער פֿינצטער און איר געזאָגט: רודל, בײדע וועלן מיר היטן אונדזער סוד. דאָס וואָרט „אונדזער" האָט ער איצט געזאָגט מיט זיכערקייט. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און מיט איר געגאַנגען ווײַטער.

שטראָמס קאַפֿע איז אים איצט שוין נישט געווען נייטיק. ער איז

איצט געקומען צו איר אין שטוב. זי האָט געוווינט אין דעם זייטיקן געסל „לכיש". איר וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ קיך און באַקוועמלעכקייטן אויף אַ דאַך. דאָס פיר־שטאָקיקע הויז איז נאָרוואָס געוואָרן אויסגעענדיקט. די טירן און פענצטער האָבן געגלאַנצט. איר דירה איז נישט געווען אָנגעשטעלט: אַ נידעריקער טאַפּטשאַן מיט אַ בונטן אַראַבישן איבערוואָרף, אַ פּירקאַנטיק טישל מיט עטלעכע טאַבו־רעטן, צוויי קליינע פאָליצעס מיט ביכער, צוויי לעמפּ אויף די ווענט און אַ פאַטעפאָן. אויף די ווענט זענען געהאָנגען פאַרשידענע רעפּראָ־דוקציעס. דער פּאָל איז געווען באַדעקט מיט אַ טעפּיך פון ציגן־האָר. אין קאָרידאָר איז געווען איינגעבויט אַ שמאָל שענקל. די דירה האָט אויסגעזען ווי אַ באָמבאָניערע.

טראָץ דעם אונטערשיד אין זייערע כאַראַקטערן, זייער וויסן, מענטאַ־ליטעט און באַנעמען זיך, האָט איינער געגאַרט צום אַנדערן, יעדער צוליב אַן אַנדערע סיבה. זי האָט פאַרלוירן יעדן אינטערעס אין איר אָרום. זי איז מיט איר וועזן געווען ביי אים, אַפילו ווען זי איז געווען ביי דער אַרבעט. אויך ווען זי האָט געזען אַ סימפּאַטישן מאַן, האָט זי אים פאַרגליכן מיט מרדכין. איר סך־הכל איז געווען: מרדכי איז דער שענס־טער. ער האָט עס געפילט. זיין לעבנס־חכמה און דער אינסטינקט האָבן אים געפירט אויף זיין וועג. ער האָט כסדר נאָכגעטראַכט. וואָס ער דאַרף טאָן און ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן. אין זיין באַנעמען זיך מיט רודלען איז געווען אַ סטראַטעגיע. ער האָט געטאָן אַלץ, זי זאָל פילן, אַז זי געהערט אים און אַז ער איז דער וואָס זאָגט און טוט.

ער איז צו איר געקומען כמעט יעדן אָוונט. ווי נאָר זי האָט דערהערט זיינע שווערע טריט, האָט איר האַרץ אַ טיאַך געטאָן. זי איז שטיין געבליבן און געהאָרכט צי ער גייט. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט דער פויסט אין דער טיר און אָן צו וואַרטן איז ער אַריין צו איר, ווי צו זיך אין שטוב. ער האָט צוגעלייגט זיין קאָפּ צו אירן ווי אַ טאַטע טוט עס מיט אַ טאָכטער. זי האָט אים אַ קוש געטאָן. ער איז יעדעס מאָל געקומען מיט אַ פּעקל אין האַנט. ער האָט איר איינגעקויפט אָן צו וויסן וואָס איר איז נייטיק — זיך געפירט מעשה בעל־הבית. זי האָט יעדעס מאָל צעפּאַקט

דאָס פּעקל און באַוווּנדערט, ווי גוט ער קויפֿט אײַן, אַפֿילו ווען אַ זאַך איז געווען צוגעפֿוילט אָדער פֿאַרדומפּן. ער האָט מיט אַ שטאָלץ אויסגעשטראָמט זײַן ברוסטקאַסטן און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער, ווי ער זאָל באַטראַכטן זײַן פֿאַרמעגן.

זי האָט אים געגרייט און געקעכלט אַלע מאכלים וואָס ער האָט ליב פֿון דער היים. זי האָט געזאָרגט, זי זאָל פֿאַר אים האָבן אַ קאַלט גלאָז ביר און אַ געזאַלצן מצהלע. זי האָט אים צוגעגרייט אַ קנאָפּ און אים געצערעוועט די זאָקן. זי האָט עס געטאָן מיט ליבע, געוואָלט אים וואָס מער צו זיך דערנענטערן. אים איז דאָס אַלץ געווען פֿאַרשטענדלעך... אַזוי דאַרף אַ פֿרוי זיך אומגיין מיט איר באַשערטן. ער האָט זיך צו איר צוגעפּאַסט, אָבער אויך זיך געבונטעוועט. ווען ער איז מיט איר געגאַנגען אין קינאָ, האָט זי געוואָלט זען דעם פֿילם. ער איז מיט איר געגאַנגען אויך זען פֿילמען וואָס האָבן אים נישט אינטערעסירט. דערפֿאַר, ווען ער האָט פֿרײַ געענדיקט די אַרבעט איז ער אַוועק אין קינאָ אין קעלער אַליין, ווו ער האָט געזען אַ פֿילם: ווי מען פֿאַרכאַפּט אַ פֿרוי, ווי מען באַפֿאַלט אַ שיף אין מיטן ים, ווי אויטאָס יאָגן זיך, באַשיסן זיך און קערן זיך איבער אָדער פֿאַרן אַרויף אויף אַ וואַנט. אויף די פֿילמען האָבן זיך צעשפּילט זײַנע יצרים און ער האָט מיטגעלעבט מיט די העלדן אויפֿן עקראַן. אין די נעכט האָט ער אויך מיט איר שפּאַצירט, אָבער אין די אָפּגעלעגענע שווין ליידיקע גאַסן. דאָ איז ער מיט איר געווען זיכער, אַז קיינער וועט זיי נישט זען.

זי האָט אין משך פֿון דער צײַט אים דערקענט ווער ער איז. זי איז נישט איין מאָל זיצן געבליבן מיט אונטערגעצויגענע קני, אָן איבערגעבויגענע איבער זיך, צי גאָר ליגן געבליבן אויפֿן פּאָל אָן אײַנגעקאַרטשעטע, אַ פֿאַרטראַכטע. אירע שלייפֿן האָבן געהעמערט, ווי מען זאָל איבער זיי האַקן מיט האַמערס. ווײַל זי האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן און אויך נישט געהאַט קיין כוח דערצו. יעדעס מאָל, ווען זי איז געלעגן מיט אָפֿענע אויגן פֿאַרקוקטע אין דער פֿינצטער, האָט זי פּלוצים דערזען פֿאַר זיך זײַן געשטאַלט. זי האָט מאַכטלאָז פֿאַרוואָרפֿן איר קאָפּ.

זי איז אים געווען איבערגעגעבן און אים געצערטלט. בײַ יעדער

געלעגנהייט האָט זי אַ גלעט געטאָן זײַן פרישע אויסראַזירטע באַק אָדער אים געגליכן זײַן געקנייטשטן שטערן. זי האָט צוגעלייגט איר קאָפּ צו זײַנעם, אים אַ צי געטאָן ביי דער שפּיץ נאָז און אים געמאַכט אַ חנדל. ער האָט דאָס אַלץ אויפגענומען, אַז אַזוי דאַרף עס זײַן. אַזוי פירן זיך געבילדעטע פרויען — האָט ער זיך געזאָגט אין געדאַנק. בײַ די פרויען, מיט וועלכע ער האָט פאַרברענגט ביז איצט, האָט ער עס נישט באַקומען. אָפט נאָך אַזאַ געשעעניש איז ער אַרײַן אין קאָרידאָר און זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל מיט גאווה. זי האָט געזען זײַן אָנגעבלאָזענעם שטאָלץ, אָבער דערבײַ פאַרשמורעט די אויגן און איראָניש געשמייכלט.

טראָץ זייערע קאָנטראַסטן אין כאַראַקטער זענען זייערע באַציונגען כסדר געוואָרן אינטימער. זי האָט זיך איצט נישט געטראָפן מיט אירע באַקאַנטע און אַפילו נישט מיט סטעלען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי אַלע ווייסן אַלץ וועגן זיי און נישט געוואָלט זיך פאַר זיי אַראָפּרעדן.

דער האַרבסט־אָוונט איז געווען אַ קילער, די לופט אַ שווערע ווי זי זאָל ליגן אויף דער ערד. פון מאָל צו מאָל האָט אַ ווינט אַ ווייע געטאָן, ווי ער זאָל אַדורכלופטערן די לופט. מרדכי איז געשטאַנען בײַ אַ ראָג פון אַ הויז אַן אײַנגעקוקטער אין דער ווײַט. ער האָט אָפּגעוואַרט רודלען. זי האָט איצט געדאַרפט ענדיקן די אַרבעט. ער איז נישט אַרײַן אין קאַפע זי נעמען. ער האָט נישט געוואָלט זייער איצטיקע באַגעגעניש זאָל פאַרקומען אין די אויגן פון אירע מיטאַרבעטערינס. ער איז אויך נישט געווען זיכער ווי אַזוי רודל וועט אים באַגעגענען נאָך עטלעכע טעג נישט זײַן בײַ איר. דאָס האָט ער איר אָפּגעטאָן — ער האָט געוואָלט זי זאָל זיך ערגערן פאַרוואָס ער קומט נישט, אַפילו קלערן, אַז ער האָט מיט איר איבערגעריסן. ער האָט געוואָלט זי זאָל ווערן צוגעלאָזענער, אינטימער מיט אים. ווײַל אויך ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער — געווען נישט זיכער מיט איר, צי זי מיינט אים ערנסט. אַן אויפגערעגטער האָט ער פון מאָל צו מאָל אַ גיי געטאָן פאָרויס און באַלד זיך צוריק אַוועקגעשטעלט בײַ דער וואַנט.

— רודל! — האָט זײַן באַס־שטימע ווי איבערגעריסן די פינצטערניש. זי האָט אויפגעציטערט פון איבערראַשונג און פרייד און זי איז צו אים

צוגעפּאַלן. ער האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיט איר געגאַנ־גען ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשען, ווי זי זאָל וויסן, אַז ער האָט געוואָרט אויף איר.

זי האָט זיך אויף אים אָנגעלענט און צאַרט אים אַ פרעג געטאָן: „ווו ביסטו געווען די אַלע טעג?" און אַ קוק געטאָן אויף אים. ער האָט געפילט איר חשד, כאָטש עס איז געווען פינצטער.

— איך האָב געאַרבעט ביז שפּעט און געווען אונטערוועגנס — האָט ער איר געענטפערט צעציטערדיק די ווערטער, ווי ער זאָל זיך פאַר איר קלאָגן, — אָבער איצט גייען מיר שפּאַצירן — האָט ער איר געזאָגט ווי ער זאָל זי טרייסטן.

— ניין, איצט גייט מען צו מיר. איך האָב דיר צוגעגרייט גוטע זאַכן, — האָט זי זיך צו אים צוגעטוליעט, געוואָלט, ער זאָל זי אָרומנע־מען, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן, מיט אויסרעכענונג.

— אָט זענען מיר שוין דאָ, — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן ווי נאָר זיי זענען אַרײַן צו איר אין שטוב. זי האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט און האָט אויפגעקנעפּלט איר ערשטן דעקאָלט־קנאָפּ, ווי איר זאָל זײַן הייס און אים געזאָגט: „אייגנטלעך בין איך נאָך נישט געווען בײַ דיר..." און זיך אין אים אײַנגעקוקט. דאָס האָט פון איר אַרויסגערעדט איר פאַרדראָס און חשד ווו ער איז געווען די עטלעכע טעג.

— יאָ — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן אָבער באַלד זיך באַהערשט — אַ וויכטיקער ענין ווער בײַ ועמען איז... און זיך אוועקגעשטעלט בײַ דער פאַרגלאָזטער טיר. אַ צײַט שפּעטער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַפּטשאַן. ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און זיי געציילט מיט די ליפּן. ער האָט געוואָלט רודל זאָל זען, אַז ער מאַכט חשבונות. זי האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַרײַן אין קיך גרייטן כיבוד.

ווען דער טיש איז שוין געווען סערווירט האָט זי אים פאַרבעטן. ער, וואָס האָט געזען ווי זי גרייט דעם טיש, האָט איצט זי אָנגעקוקט ווי אַ דערשטוינטער און זי געפרעגט: „שוין?"

— שוין צײַט, בײדע זענען מיר הונגעריק — האָט זי אים געזאָגט און אים געוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל צוגיין צום טיש.

— אַהאַ! — האָט ער אַ שנאַלץ געטאָן אַ דערשטױנטער. אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַן אָנגעגאָסן גלעזל קאָניאַק, מאַרינירטער הערינג און ראָזעווע ברויט, מאכלים וואָס ער עסט. די אַלע מאכלים האָט זי געהאַט גרייט אין קילשאַנק.

— לחיים! — האָט ער פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ און אויסגעטרונקען.

— צום געזונט! — האָט זי אים געענטפֿערט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, אָבער צו זען אירע אויגן גליענדיקע מיט ליבע, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צײַט. ער האָט זיך גענומען צו דער אכילה. בײדע האָבן געגעסן, ער מיט אַפּעטיט, זי צוליב געזעל־שאַפֿט, כאָטש זי איז געווען הונגעריק. זײַנע מאכלים זענען נישט געווען פֿאַר איר גומען. אין שטוב איז געווען שטיל, מען האָט נאָר געהערט דעם קלאַנג פֿון די אָנגעשלאָגענע אין די טעלער גאָפּל־מעסער. זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון געדאַנק ווי אַזוי ער האָט זי אָפּגעפֿטערט ווען זי האָט אים געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער האָט זי ביז איצט נישט פֿאַר־בעטן צו זיך; אַ פֿאַראינטריגירטע האָט זי אים געפֿרעגט:

— ווו וווינסטו?

ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ביסן און איר געענטפֿערט: מײַן צימער איז נישט קיין וואַזשנער. איך האָב מײַן געלט אַרײַנגעלייגט אין אויטאָ און זיך נאָך פֿאַרבאָרגט. ערשט איצט זוך איך אַ לײַטיש צימער. ער האָט גערעדט און געגעסן און דאָס האָט געדויערט. זי, מלא חשד, האָט זיך צו אים צוגעהערט. ער האָט געפֿילט, אַז זי איז אים חושד און די גאַנצע צײַט געקוקט אין טעלער אַרײַן. ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט זי אים אַ פֿרעג געטאָן מיט איראָניע:

— אין דײַן נײַעם צימער וועסט דו מיך יאָ פֿאַרבעטן?

— צוליב דעם זוך איך דאָך אַ צימער.

זי האָט זיך איבערגעבויגן און צוגעלייגט איר קאָפּ צו זײַנעם פֿון דאַנקבאַרקייט. דערנאָך האָט זי זיך אויפֿגעשטעלט. זי האָט צונויפֿגע־נומען די גענוצטע טעלער, דאָס באַשטעק, דעם געבליבענעם הערינג

און זי איז אַוועק אין קיך. זי איז באַלד צוריקגעקומען און אים אַוועק־געשטעלט אַ טעלער מיט ברוינע האָדן און עטלעכע קנישעס געפּילט מיט קאַרטאָפֿל.

— איך ווייס שוין, וואָס דו האָסט ליב — האָט זי קאַקעטיש אים געזאָגט און ווי אַ קינד אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. ער האָט דערויף נישט רעאַגירט.

זי האָט געגעסן ווייניק, ווי זי זאָל זיך פֿוילן. ער האָט געגעסן מיט אַ פֿול מויל, זיך געקוויקט מיטן טעם פֿון די מאכלים און נישט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים. ערשט ווען ער האָט דערהערט, אַז דער פּאַטעפֿאָן שפּילט האָט ער אויך באַמערקט, אַז איר אָרט בײַם טיש איז ליידיק.

— די מעלאָדיע געפֿעלט דיר? — האָט זי אים געפֿרעגט אויף דעבוסיס „דער פֿרילינג". ער האָט נאָר אָפּגעפּרײַכט ווי עס זאָל אים פֿעלן אָטעם און געגעסן ווײַטער. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט אַנטציקט פֿון דער מעלאָדיע. זי האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאַטעפֿאָן און געביטן די פּלאַטע אויף באַרטאָקס „די נעץ".

— און דאָס געפֿעלט דיר? — האָט זי אים געפֿרעגט און אים געמאַכט אַ חנדל.

ער האָט גראָד געענדיקט עסן און איר געענטפֿערט:

— איך האָב ליב אַ שטיקל חזנות, יאָסעלע ראָזנבלאַט, סיראָטען.

זײַנע ליפּן זענען געוועזן אויסגעפּעצט. ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז ווי אַ גאַנדז ווען זי דערפֿילט געפֿאַר. איר פּנים האָט זיך אויס־געצויגן און געוואָרן בלייך. איר אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן.

זי האָט צוגענומען זײַן ליידיקן טעלער און אירן מיטן עסן און איז אַרײַן אין קיך. דאָס מאָל האָט זי געלאָזט אויסשפּילן די פּלאַטע.

ווען זי איז צוריקגעקומען מיט די צוויי טעלער קרופּניק אין די הענט איז איר פּנים שוין געווען רויִק, אָבער פֿאַרזאָרגט.

ביידע האָבן געגעסן און געשוויגן. דאָס שווײַגן איז פֿאַר ביידן געווען פּײַנלעך. ביידע האָבן געוואָלט רעדן און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז נישט געווען פֿאָרזיכטיק מיטן

רעדן. אַז זי ווייסט שוין ווער ער איז און אַז ער מוז ביי איר פאַרריכטן זיין רענאָמע און דאָס מוז ער טאָן נאָר מיטן אמת.

אינצווישן האָט ער געענדיקט עסן די זופּ. ער האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ ווי אַ פערד וואָס לאָזט זיך נישט שפּאַנען און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט מיט דער צונג אַ קלאַפּ געטאָן אין מויל. געזוכט די פּאַסיקע ווערטער און איר געזאָגט: „איך פאַרשטיי נישט די גויימס מוזיק. חזנות קען איך פון דאַוועגען. רודל. דו מוזט מיך פאַרשטיין...” דאָס האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל וויסן, אַז ער שטייט מיט איר אויף איין שטופע. זי האָט אָנגעצויגן די ליפּן, ווי זי זאָל פּרווון פייפן און איז געבליבן זיצן אַ פאַרטועגע אין זיך. אַ צייט שפּעטער האָט זי געזאָגט: „דו ביסט גערעכט. יעדער מענטש און זיין מענטאַליטעט, יעדעס פאָלק מיט זיינע מנהגים און זיין קולטור”. ער האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַ צייט לאַנג איז ער געשטאַנען, ווי ער זאָל נישט האָבן מיט זיך וואָס צו טאָן. די צייט איז פאַר אים געווען אַ פּיין. מיט אַ מאָל איז ער צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַפּטשאַן. די קני פון זיינע לאַנגע פיס האָבן אים כמעט געגרייכט ביזן מויל. ער האָט אויסגעצויגן די פיס און זיך איינגעקוקט אין רודלען און באַלד זי געפרעגט מיט אַ הייזעריק קול ווי ער זאָל ברומען:

— ווי לאַנג איז דער שיער זיך אַרומצושלעפּן?

זי איז געבליבן אַן אַ טעם. זי האָט געוואָלט רעדן, אָבער די ווערטער זענען איר נישט אַדורך דורך דער קעל.

ער האָט געמיינט, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט און האָט ממשיך געווען:

— איך בין אַ מאַן און וויל אַ ווייב...

פון אויפרעגונג האָט זיין האַרט קול געציטערט, זיין פּנים געפלאַמט און ער האָט געקריצט מיט די ציין.

איר האָט הנאָה געטאָן זיין באַנעמען זיך איצט. אַ קוים מערקבאַר שמייכעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איר ליפּן־לעפּעלע. זי האָט פאַר־מרוזשעט די אויגן און זיך איינגעקוקט אין אים. זיין שיינקייט האָט זי געקוויקט. מיט אַ מאָל איז זי אויפגעשטאַנען און צו אים צוגעגאַנגען.

זי האָט זיך אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ פֿינגער און אים אַ קוש געטאָן. ביידע האָבן דערפֿילט אַ רויש אין קאָפּ, זיי האָט פֿאַרפֿעלט אָטעם. פֿון ביידן האָט געשלאָגן אַ היץ. ער האָט זיך אָראָפּגעבויגן און זי אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס. זי האָט אַ קרעכץ געטאָן פֿון ווייטיק. ער האָט זי אויפֿגעהויבן ווי אַ קינד, זי צוגעטראָגן און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן טאַפּטשאַן. ער איז געשטאַנען איבער איר ווי אַ צערייצטע חיה און געאָטעמט שווער. אָבער די הענט זײַנע זענען אים געווען ווי געליימט. ער האָט זיי נישט געקאָנט אויסשטרעקן און זי אַרומנעמען. אַ פּחד האָט געצוימט זײַן באַגער.

אין מאָמענט האָט זי זיך באַהערשט. זי האָט זיך אַ קאָלער געטאָן איבערן טאַפּטשאַן און זיך אויפֿגעשטעלט. זי איז אַוועק און איז שטיין געבליבן אין אַ ווינקל ווי אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך פֿאַרזינדיקט. ער האָט נאָך אַלץ געאָטעמט שווער, אָבער זײַן מוח האָט זיך שוין געלײַטערט און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „מילא", און אַ קוק געטאָן אויף איר, צי זי האָט אים געהערט און איז אַוועק צו דער טיר. גייענדיק האָט ער געפֿרײַכט פֿון כעס און גערעדט צו זיך: „אַ פֿאַדלע, אַ מין חיה..." און צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר.

זי האָט געהערט זײַנע טריט אויף די טרעפּ, ווי שטיינער זאָלן זיך קאָלערן און אויך געהערט דעם אָפּהילך פֿון זײַנע ווערטער וואָס האָבן איר נאָך געקלונגען אין די אויערן. זי איז געשטאַנען ווי זי זאָל זײַן צוגעוואָקסן צום אָרט. זי האָט געפֿילט די לאַסט פֿון איר אייגענעם קערפּער, אָבער ווען זי האָט דערפֿילט די שטילקייט איבער זיך, האָט זי זיך אַרומגעקוקט ווי זי זאָל אים זוכן. מיט שלאַבעריקע טריט איז זי אַרויס אויפֿן דאַך.

4

ער האָט רודלען נישט געבערעגגט צו זיך אין שטוב מיט אויסרעכענונג. ער האָט נישט געוואָלט, זי זאָל זען ווי ער וויינט. ער האָט

געוווינט אויף דער שמאַי גאַס אין אַ צווישטאָקיק אַראַביש הויז, אַרומ־גענומען מיט אַ פּלויט פון שטיינער. ער האָט געוווינט אין דער הייך אויפן שטאָק. הילצערנע טרעפּ האָבן געפירט צו אים. דער הויף איז געווען פאַרלייגט מיט אַלט אײַזן און פאַרשטעלט מיט פאַרשידענע ווע־גענער. אויך מרדכיס אויטאָ איז דאָרט געשטאַנען.

זײַן צימער איז געווען גרויס און נידריק. די סטעלע — געוועלבט, די געקאַלעכטע ווענט — כראָפּאַטע און פּײַכטלעך. אין שטוב איז געשטאַ־נען אַן אײַזערן בעט באַדעקט מיט אַ קאָץ. אַן אַלט, איינטיריק און געפאַרבט שענקל, אַ גרויסער טיש און צוויי בענקלעך. אויף איינעם פון די שמאָלע, לאַנגע, האַלבקײַלעכיקע פענצטער איז געלעגן אַ טראַנ־זיסטאָר וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ באַטעריע. דער שטיינערנער פּאָל איז געווען גליטשיק. דאָס צימער האָט אויסגעזען ווי ליידיק.

מרדכי האָט נישט געהאַט אַ שטענדיקן אַרבעטס־פּלאַץ. ער איז מיט זײַן טענדער געשטאַנען אויף דער הערצל־גאַס. סוחרים, וואָס האָבן געדאַרפט איבערפירן סחורות האָבן אים גערופן. די סוחרים האָבן גערן געהאַט מיט אים צו אַרבעטן און ער האָט גוט פאַרדינט. דאָס אָפּגע־שפּאָרטע געלט האָט ער געהאַלטן אין באַנק. די קענטשאַפט מיט רודלען האָט אים צוגעגעבן גאווה און זיכערקייט. ער איז איצט געגאַנגען אַ שטאָלצער מעשה בעל־הבית. די שאָפערן, זײַנע קאָנקורענטן, וואָס זענען מיט אים געשטאַנען אויף דער גאַס האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט כבוד. ער איז געווען אַנדערש ווי זיי. האָבן אים טאַקע גערופן „דער בלאָנדער". זיי האָבן גערן געהאַט מיט אים זיך אַדורכשמועסן אָדער אַ קיי טאָן. אָבער לעצטנס, פון זינט ער גייט אַרום מיט רודלען, האָבן זיי זיך פון אים דערווײַטערט. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז ער מײַדט זיי אויס.

דער מאָרגן איז געווען אַ גרויער, דער הימל טונקל. דער רעגן איז ווי געהאַנגען אין דער לופט. ווי נאָר מרדכי איז אַנגעפאָרן האָט ער אָוועקגעשטעלט און פאַרלאָשן זײַן טענדער, און זיך אַרומגעקוקט. די גאַס איז געווען ליידיק. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. ער האָט אויך איצט זיך געפילט איינזאַם. די פרויען, וועלכע

ער האָט געקענט פון דער אַרבעט, איינע אַ סוביעקטין אין אַ שפּיִז־געשעפט, די צווייטע האָט אויפגענומען אויגן אין צעריסענע שטרימפּ. די דריטע האָט שפּאַצירט מיט אַ קינד — אַלע זיי האָט ער איבערגע־לאָזט. די מענער, מיט וועמען ער אַרבעט, האָבן זיך פון אים דערווייַטערט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך ביז אין ראָג. דאָ האָט ער זיך פאַרקערעוועט אין אַ געסל. דער רעש פון דער קנייַפּע האָט אים פאַרהאַלטן. ער איז געשטאַנען בייַ דער צעפּראַלטער טיר, געצווייפלט, געטראַכט, צי זאָל ער אַרייַנגיין.

אין דער קנייַפּע האָט זיך געטומלט. די שטאַם־געסט, טרעגער, שאָפערן און פּאָרמאַנעס, קרעמפּע, באַלייַבטע יידן מיט דיקע, אויסגעאַר־בעטע הענט, זענען געזעסן מיט צענומענע קני אויף בענק, אַרום לאַנגע טישן. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען און גערעדט הויך. אָפּגערוקט פון טומלענדיקן המון זענען געזעסן צוויי אירע, וואָס האָבן געקוקט אין גאַס אַרייַן און געשוויגן. ליפּע מיט אַ פאַררוקטן קאַשקעט און זשאַק מיט אַ טעמבל־קאַפּעלוש אויפן קאָפּ. זשאַק האָט געהאַט אַ געשפּאָן. זייַן פערד איז געווען אַ שימל, וואָס ער האָט אָפּגעהיטן ווי זייַנע אויגן. ער האָט געפירט נאָר לאַנגע לאַדונג: ברעטער, רערן, בעלקעס, שינעס און געהייסן זיך גוט באַצאָלן. ליפּע איז געווען אַ שותּף צו אַן אויטאָ, וואָס האָט געברענגט צעמענט פון חיפה. יעדער פון די שותּפים האָט געאַרבעט אַ טאָג איבער אַ טאָג. ביידע, ליפּע און זשאַק האָבן געקענט מרדכין.

— „אהאלאַן" (זיי געבענטשט)! — האָט זשאַק אַרויסגעשריגן צו מרדכין. נאָר ליפּע האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ פרעמדן. מרדכין האָט פאַרדראָסן ליפּעס באַנעמען זיך צו אים. די קנייַפּע איז געווען אַ לאַנגער שמאָלער זאָל מיט אַ דאַך, וואָס איז געלעגן אויף קראַקוועס. אַ פונאַנדערגעשפּרייטע פּישער־נעץ איז געווען די סטעלע. ביי דער אַרייַנגאַנגס־טיר אַנטקעגן האָט זיך געפונען דער גרויסער — אויף האָלץ־קוילן — אויוון. פון פאָרנט איז געשטאַנען דער באַרטיש מיט די פלעשער געטראַנקען און אַ גרויס פאַס ביר אין דער זייַט. כאָטש די טירן מיט די פענצטער זענען געווען צעעפנט איז די לופט געווען אַדורכ־געזאַפּט מיט אַלקאָהאָל, ניקאָטין, און קאַפעיִן־ריחות. עס האָט זיך

אויך געפילט דער סוואַנד פון געפּרעגלטן אייל און געברענטע האָלץ־קוילן.

ערשט איצט האָט מרדכי געענטפערט זשאַקן: „חאַמדולעלאַ" (גאָט צו דאַנקען) און אַ פרעג געטאָן ליפּען: „דו דערקענסט שוין נישט קיין מענטשן? האָסט געוווּנען ס'גרויסע געווינס?"

— ווער עס רעדט — האָט ליפּע אים געענטפערט, ווי ער זאָל אַדורכשטופּן די ווערטער דורך די ציין.

מרדכי האָט פאַרצויגן די ליפּן. די גאָמבע זיינע איז געוואָרן בולט און ער האָט אַ פרעג געטאָן: „ליפּע, וויפל בין איך דיר שולדיק?"

— מיר גאָרנישט, איך דיר אַוודאי נישט — האָט ליפּע אים געענטפערט און ער האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, ווי ער זאָל אין אים אַריינקוקן.

מרדכי האָט אָוועקגעבויגן דעם קאָפּ ווי ער זאָל אונטערשטעלן אַן אויער און אים געזאָגט: „אויך דאָס ווייב האָב איך דיר נישט צוגענומען".

ליפּע האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אַ פאַרוווּנדערטער און מיט אַ שמייכל איבער זיין ברייט פּנים אים געענטפערט: „אַ מאַקע דיר, פּרווו!"

זשאַק האָט מיט ביידע האַנט־פּלאַכן זיך אַ קלאַפּ געטאָן איבער די קני און זיך צעלאַכט אויפן קול. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיטן אַרבל פון העמד אָפּגעווישט די ליפּן און אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל רעדן צו זיך: „ווו מענער דאַרט נקבות" און מיט אַ פינגער זיך אַ קראַץ געטאָן דעם האַלדז.

— זשאַק, דו ביסט אַ היימישער יאַט, — האָט ליפּע אים געזאָגט.

זשאַק און מרדכי האָבן נייגעריק אים אָנגעקוקט. ליפּע האָט פאַרזשמורעט די אויגן און זיך געקלאָגט פאַר זשאַקן: „ווען דאָס זאָל נישט זיין מרדכי, וואָלט איך אים אָנגעשפּיגן אין פּנים".

זשאַק האָט אַ קוק געטאָן אויף מרדכין. מרדכיס פּנים איז געוועזן רויט פון כעס און באַליידיקונג. אָבער ליפּע האָט ממשיך געווען מיט אַן איינגעהאַלטענעם צאָרן: „צוזאַמען אַרומגעפאָרן מיט אַ פּאַס, גערייניקט דזשאַרעס, צוזאַמען געגראָבן הייזער־יסודות, אים געפירט לערנען שאַ־

פעריי. געהאָלפן אים קויפן דעם טענדער. מיט אים געגעסן פון איין טעלער; נאָר ווען ער פירט זײַן נקבה אונטערן אָרעם, גייט ער דיך פאַרבײַ ווי ער קען דיך נישט"... ער האָט מיט דער צונג זיך אָפּגעווישט די ליפּן און זיך אײַנגעקוקט אין מרדכין ווי ער זאָל אים פרעגן: וואָס זאָגסטו איצט?

מרדכי האָט געשוויגן אָבער ליפּע האָט אָ צי געטאָן זשאָקן בײַם קאָלנער פון העמד און געזאָגט: „ער מיינט, אַז ער האָט שוין געכאַפּט דעם רבונו של עולם בײַ דער באָרד. אָבער מרדכי איז אַן אייגענער. אַ יאָט וואָס וואַלגערט זיך נישט אין די גאַסן".

— ליפּע, דו פאַרשוואַרצט מיר ס׳פּנים אומזיסט און פאַר נישט, — האָט מרדכי אים געזאָגט און פאַרקריצט די ציין פון כעס.

— נאָר איך? זיי נישט? — האָט ליפּע אים אַ פרעג געטאָן און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אַ פיר געטאָן איבער אַלע וואָס זענען געזעסן אַרום די טישן.

מרדכי האָט געשוויגן און געביסן די ציין. זײַנע קינבאַקן זענען געווען בולט. עטוואָס שפּעטער האָט מרדכי אים געענטפערט: „ליפּע, איך בין דיר געבליבן טרײַ. ווען די צײַט וועט קומען וועסטו עס וויסן".

ליפּעס שוואַרצע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן פון פרייד און ער האָט אַ זאָג געטאָן אַ צופרידענער: מרדכי, דו ביסט אַן אייגענער. אָבער זיך אַראָפּרעדן האָב איך געמוזט". ער האָט מרדכין אונטערגעשטעלט די האַנט און זיי האָבן זיך אײַנגעקלאַפּט די הענט.

— בראַוואָ! — האָט זשאַק אויסגעשריגן.

די אַרומזיצערס האָבן זיך אַרומגעקוקט. אין דעם מאָמענט איז אין טיר שטיין געבליבן אַ הויכער דאַרער פאַרשוין מיט גומענע שטיוול אויף די פיס און רימען אַרום די לענדן.

— מרדכי אַ נאַגלע (נאַקאַלאַ, אַראַביש: איבערפירן!).

מרדכי האָט אַ קוק געטאָן ווער עס רופט אים און אַ זאָג געטאָן: „מען דאַרף גיין פאַרדינען".

— אַן אַ „שהכל"!? האָט זשאַק אים געפרעגט.

— נעם אַ האַלב טוץ ביר אויף מײַן חשבון, — האָט מרדכי אים געזאָגט און ער איז אַוועק צוזאַמען מיט דעם פּאַרשוין.

5

רודלס באַקן זענען איצט גרין און אײַנגעפאַלן. זי גייט אַרום אַ פּאַרטראַכטע און שווײַגט. אַ סך מאָל הערט זי אַפילו נישט וואָס מען רעדט צו איר. די אויגן אירע זענען אונטערגעהאַקט, זי קאָן זיך נישט שענקען פאַר וואָס זי האָט אַזוי געהאַנדלט יענעם אָוונט בײַ זיך אין שטוב, ווען מרדכי האָט זי אַרומגענומען. אַנומלט אין זי געשטאַנען בײַ איר פאַרגלאָזטער שויבן־טיר און אַרויסגעקוקט אויף דעם ליידיקן דאַך. זי האָט דערפילט די שטילקייט איבער זיך און אויך געזען אין דער ליכט־שײַן פון צימער ווי שאָטנס באַוועגן זיך. „אַ צעפּעסטעט מיידעלע" האָט זי צו זיך אַ זאָג געטאָן אויפן קול. פון כעס האָט זי געביסן די נעגל. אָבער אויך דאָס האָט איר נישט געהאָלפן. אַפּט האָט זי אַ טופּע געטאָן מיט אַ פוס און געשריגן: „אַ חוצפּהניק! וואָס בין איך פון גאַס?! ער מיינט אַז איך בין איינע פון זײַנע אַ סך?" זי האָט געוואָלט זיך באַרעכטיקן, אָבער באַלד דערנאָך האָט זי באַהערשט אַן אַפּאַטיע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַפּטשאַן מיט די הענט צווישן די קני אַ פאַרטראַכטע און געזען מרדכין פאַר זיך.

אויך ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געביסן די ליפּן ביז בלוט און אַפילו פאַרנאַכלעסיקט זײַן אַרבעט. ער האָט זיך געשלײַכט איבער די אָפּגעלעגענע געסלעך און געשוויגן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ, כּסדר זיך אָפּגעטרייסלט פון זײַנע געדאַנקען.

איין טאָג האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף איטשקען דעם בעל־עגלה. ער איז געווען אַ נידריקער, שוואַרצהאַריקער, נישט־ראַזירטער פאַרשוין מיט אַ שראַם אויפן שטערן. מרדכי איז שטיין געבליבן. איטשקע מיט זײַן לאַנגער בײַטש איז אויך שטיין געבליבן. ער האָט אָנגעקוקט מרדכין און אים געזאָגט: „מרדכי, אַ פערד האָט אַ גרויסן קאָפּ, זאָל ער טראַכטן".

— אַן אייזל בלייבט אַן אייזל — האָט מרדכי אים געענטפערט מיט סאַרקאַזם.

— אַזוי גאָר? — האָט איטשקע זיך געוווּנדערט אָבער ממשיך געווען: — אויך דערוואַקסענע באַנאַרישן זיך?

מרדכי האָט אים שוין נישט געענטפערט. ער האָט אים געלאָזט שטיין און איז אַוועק ווײַטער. איטשקע, אַן איבערראַשטער איז אויך געגאַנגען זײַן וועג.

מרדכי איז אַרומגעגאַנגען אַן אַ קאָפּ. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מיט איר צוריק אָנקניפּן באַציונגען. ער האָט דאָך נישט געוואָגט צו איר צוגיין. אָבער ער האָט איר נאָכגעפאָלגט: צי זי איז בײַ דער אַרבעט, צי זי גייט פון דער אַרבעט אַהיים, צי זי טרעפט זיך מיט וועמען. ער האָט שעהען לאַנג זיך געדרייט פאַר איר אַרײַנגאַנג, געוואָלט זען, ווער עס קומט צו איר. ער האָט אויך געוואָלט, זי זאָל וויסן, אַז ער האָט זי אויפן אויג. דער ענין איז אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז ווען ער האָט אין אַ מיטן טאָג זי דערזען גיין אין גאַס, איז ער מיט זײַן טענדער צוגעפאָרן הארט צום טראָטואַר, ווי ער זאָל וועלן אויף איר אַרויפפאָרן. זי, אַ דערשראָקענע. איז אַוועקגעשפּרונגען אין אַ זײַט אָן אַן אָטעם. עטלעכע טעג שפּעטער איז אַ יונגערמאַן אין אַ גראַנאַטענעם אָוועראָל מיט אַ צאָן־ראָד אין האַנט אַרײַן צו שטראָמען אין קאַפּע און אויפן קול אויסגערופן: „מרדכי ברעזין!..” דער מענטש האָט זיך אַרומגעקוקט צי מרדכי איז דאָ און ער איז צוריק אַוועק. אַ היץ האָט באַגאָסן רודלען. איר פּנים איז געוואָרן רויט און באַלד בלייך. אַ צעטומלטע האָט זי מיטן שטשערקעלע גענומען ווישן דאָס טישל, בײַ וועלכן זי איז געשטאַנען.

איין טאָג, ווען ער האָט זי דערזען אין גאַס, האָט ער גענומען טראָמביען מיטן אויטאָ אַ סיגנאַל און איז איר נאָכגעפאָרן. זי איז געגאַנגען און כסדר זיך אומגעקוקט וואָס עס געשעט. נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער צוגעפאָרן מיט זײַן טענדער צו איר הויז און אַ לענגערע צײַט געטראָמביעט אָן אויפהער. זי האָט אויפגעציטערט פון איבערראַשונג. איר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס טוט מרדכי. באַלד האָט זי זיך צעלאַכט

אויפֿן קול און זי איז אַרײַן אין קיך זיך פֿאַרען. די שכנים פֿון אַרום האָבן אַרויסגעקוקט פֿון די פֿענצטער, געוואָלט זען, וועמען דער שאָפֿער רופֿט.

אין אַ בין־השמשות אין קאַפֿע בײַ שטראַמען האָט מען נאַרוואָס אָנגעצונדן ס׳ליכט. מרדכי איז אַרײַן מיט נאָך אַ פֿאַרשוין. מרדכי, דער היכער, בלאָנדער מאַן אין אַ בלויען אָנצוג, ווײַס אויסגעשטײַפֿט העמד און טונקעלן קראַוואַט האָט געצויגן אָנזען בײַ די געסט. רודל איז געבליבן אָן אָטעם. זײַן פֿאַרטנער, אַ נידעריקער ייִד מיט שוין גרויע האָר און מיט אַ בײַכל האָט נעבן אים אויסגעזען ווי זײַן באַדינער. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ טיש אין מיטן לאָקאַל און באַשטעלט בײַ מילקען צוויי קאַוועס. זי האָט אָנגענומען די באַשטעלונג ווי זי זאָל נישט וויסן ווער ער איז. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף רודלען וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט אַ גאַסט.

מרדכי האָט זיך צוגעבויגן צו דעם ייִד און גערעדט מיט אים שטיל, ווי זיי זאָלן זיך סודן. פֿון מאָל צו מאָל האָט ווער פֿון זיי געגעבן אַ זופּ פֿון דער שאָל. ווען די האָבן געענדיקט רעדן האָט דער ייִד באַצאָלט און זיי זענען אַוועק. מרדכי האָט זיך באַנומען ווי ער זאָל נישט קענען רודלען.

רודל איז געבליבן ווי געליימט. די קאָליר אויף איר פּנים האָט כסדר זיך געביטן ביז זי איז געבליבן בלייך און האָט נישט געקאָנט אויפֿהייבן די אויגן און נישט אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן די פֿיס ווי אַ זקנה איז אַרײַן אין טואַלעט און זיך צעוויינט. ווען זי האָט זיך באַהערשט, האָט זי זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים און זיך אומגעקערט באַדינען די געסט. אירע מיטאַרבעטערינס האָבן אַוועקגעקוקט. זיי האָבן נישט געקאָנט איר קוקן אין די אויגן.

אין אַ נאָכמיטאָג, די לופֿט איז געווען פֿאַרנע, דער הימל פֿאַר־וואָלקנט און נידריק, ווי ער זאָל ליגן איבער די דעכער. פֿון ים האָט זיך געטראָגן אַ הוילער אָפּהילך פֿון די כוואַליעס וואָס האָבן זיך צונויפֿגע־שלאָגן, ווי ווען מען שאָקלט אויס אַ געוואַנט. רודל האָט זיך געשלײַכט איבער די גאַסן. זי האָט נישט געהאַט וווּ זיך אַהינצוטאָן און אויך נישט

געהאַט מיט װעמען אַרויסצורעדן אַ װאָרט. אין אַ געװיסן מאָמענט איז זי שטיין געבליבן פאַר אַ ברייט שױפֿענצטער און באַטראַכט די נײַע אויסגעשטעלטע ביכער.

פּלוצים איז סטעלע אַ צעיאַכמערטע אַרויפגעפאַלן אויף איר און זי געקושט.

— זע נאָר, זע! — האָט רודל געמורמלט אָן איבערראַשטע. זי האָט הײַנט געהאַט איר אורלויב־טאָג פון דער װאָך. סטעלע װידער, איז נאָך דער אַרבעט אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן אָפּעסן, דערנאָך איז זי אַרײַן אין דעם ביכער־געשעפט זיך אויסקלײַבן אַ בוך צום לייענען. װען זי האָט דורכן פענצער דערזען רודלען איז זי צו איר אַרויסגעלאָפן. גליקלעכע האָט איינע די צװייטע אָנגעקוקט. אָבער זייער התלהבות האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און איז באַלד פאַרגאַנגען. אַ װײַלע האָבן זיי געשװיגן און זיך באַטראַכט. קיינע פון זיי האָט נישט געװאָלט אָנהייבן צו רעדן. סטעלע האָט זי נישט געװאָלט פרעגן, רודל האָט נישט געװאָלט איר דערציילן. אָבער לאַנג האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן.

סטעלע האָט די ערשטע זיך אַ װענד געטאָן צו איר:

— װאָס זעט מען דיך נישט? װוּ ביסטו אַהינגעקומען?

— דו װייסט דאָך װאָס בײַ מיר קומט פאָר, פאַרװאָס מאַכסטו דעם אָנשטעל? — האָט רודל איר געענטפערט מיט סאַרקאַזם.

סטעלע האָט זיך געפילט געטראָפן פון איר ענטפער, אָבער זי האָט איר פאַרשװיגן און איר נאָר געזאָגט: גוט!

זיי זענען געגאַנגען און געשװיגן, יעדע באַזונדער איז געװען פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. מיט אַ מאָל האָט סטעלע זי אַ פרעג געטאָן:

— װער פון אונדזערע קאַנטן איז געקומען אין לאַנד?

— נאָך דאָס זאָל איך װיסן? — האָט רודל געענטפערט.

— האָסט זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשן, לעבסט װי אַ נאָנע, האָסט מורא אַרויסשטעקן דעם קאָפּ װי אַ מויל־קעפל, — האָט סטעלע איר פאַרגעװאָרפן.

— יאָ, יאָ, לאָך פון מיר. כ'װעל זען װי דו אין מײַן לאַגע װעסט זיך פירן — האָט רודל איר אָפּגעענטפערט אַ פאַרביטערטע.

— מיר אײַלט זיך נישט זוכן א מאַן. איך קאָן וואַרטן — האָט סטעלע איר געענטפערט.

— ביז אין גרויען צאָפּ? — האָט רודל זי געפרעגט און באַלד איר געזאָגט — אנטשולדיק!

— דאַרפסט זיך נישט אַנטשולדיקן. נאָר זאָגן וועל איך דיר עטלעכע ווערטער, ווײַל איך בין איבערצײַגט, אַז איך דאַרף זיי דיר זאָגן. איך וואַרט אויף מײַן ס׳גאַל. דו מײנסט, אַז נאָר שאָנקייט איז גענוג... און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף רודלען פון דער זײַט, ווי אירע רייד האָבן געווירקט אויף איר.

רודל האָט איר נישט אָפּגעענטפערט. זי האָט איר נאָר געזאָגט: אַלע וועגן פירן קײַן רוים. אָט זענען מיר ווידער ביי שטראָמען... זי האָט זיך צעלאַכט און זיך פאַרהאַלטן, סטעלע מיט איר.

— קום אַרײַן טרינקען אַ קאַווע אויפן בעל־הבית חשבון — האָט רודל איר פאַרגעשלאָגן. זי האָט סטעלען גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַרײַן אינעווייניק.

די טישן זענען געווען באַזעצט. די ווענטילאַטאָרס האָבן געאַרבעט און דורכגעלופטערט די אָנגעדראָלטע לופט. די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון פריש געבריטער קאַווע. שטראָם, דער הויכער, ברייט־ביינעקער בעל־הבית האָט זיך געשלײַכט צווישן די טישלעך און געקוקט, צי די געסט ווערן געהעריק באַדינט. גבי, די קעלנערקע מיט די קײַלעכיקע אָרעמס, אַ סאַברע, וואָס רעדט גוט עברית און אַ צעבראָכענעם יידיש, האָט רודלען באַגריסט מיט אַ קאָפּ־שאָקל. רודל האָט איר געענטפערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל און אָנגעוויזן סטעלען אַ טישל. בײדע האָבן זיך אוועקגעזעצט. גבי האָט זיי אוועקגעשטעלט צוויי קאַוועס און זיי געזאָגט: לבריאות! סטעלע האָט די ערשטע פאַרזוכט די קאַווע, זיך אַ קוויק געטאָן אַהה... און זיך אַ ווענד געטאָן צו רודלען:

— די קאַווע שמעקט ווי ביי אונדז אַמאָל...

— שטראָם איז דאָך אַ יעקע — האָט רודל איר געענטפערט און אויך אָפּגעטרונקען פון איר קאַווע און אַ פרעג געטאָן סטעלען: אפשר כדאי באַשטעלן אויך אַ קרעם־שניט?

— נאָר פֿאַר דיר, איך וויל נישט — האָט סטעלע איר געענטפֿערט.

מרדכי, וואָס איז די גאַנצע צײַט זיי נאָכגעגאַנגען, איז איצט אויך אַרײַן אין קאַפֿע. ער איז שטיין געבליבן געגנוג ווײַט פֿון זיי, אָבער זיי אַנטקעגן. רודל האָט אים דערזען די ערשטע. זי האָט אויפֿגעציטערט, געוואָלט צו אים צוגיין, אָבער זי איז געבליבן זיצן. איר פּנים איז אַמאָל געוואָרן רויט און אַ מאָל בלייך פֿון כּעס און בושה און זי האָט געסאָפּעט, ווי איר זאָל שווער זיין אָטעמען. סטעלע האָט באַמערקט די פֿאַרגע־קומענע ביי איר ענדערונג. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט זען, פֿאַר וואָס איר איז דאָס געשען. זי האָט אים אויך דערזען און אַן אויפֿגערעגטע אַ זאָג געטאָן: „אָט איז ער!"

— ווער? — האָט רודל געפֿרעגט.

— דײַן קאַוואַליר — האָט סטעלע איר געענטפֿערט אַ צערייצטע.

— פֿון וואַנען ווייסטו? — האָט רודל זי אַ פֿרעג געטאָן אַ פֿאַר־שעמטע און דערשלאָגענע.

— וואָס מיינסטו דיר, דו ביסט ביי מיר הפקר? איך ווייס אַלץ און מוז וויסן אַלץ וועגן דיר — האָט סטעלע איר געענטפֿערט.

— יאָ, יאָ, — האָט רודל געזאָגט און אַ זיפֿץ געטאָן.

סטעלע האָט אַ קוק געטאָן אויף רודלען, באַלד אויף מרדכין און זי איז געבליבן אַ צערודערטע. מרדכי האָט געטראָגן שמאָלע האָקי־הויזן און אַ בלויע קורטקע איבערגעהאַנגען איבער די אַקסלען. זײַן בלאָנדע טשופּרינע איז געוואָרן צעשויבערט. ער איז איצט געוואָרן שענער ווי שטענדיק. רודל, וועלכע האָט אָבסערווירט סטעלען, האָט צוגעמאַכט די אויגן. איר האַרץ האָט געטיאַכקעט. זי האָט זיך באַהערשט און אַ ווענד געטאָן צו סטעלען ווי זי זאָל זיך מיט איר רייצן: וואָס זאָגסטו איצט?

סטעלע האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי זי זאָל איר באַדויערן. מרדכי, וואָס האָט זיי נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון אויג האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי באַרעדן אים. ער איז אויפֿגעשטאַנען און אַ גיי געטאָן פֿאָרויס און זיך אַ ווענד געטאָן צו סטעלען מלא כּעס: „רעדט

זי נישט אָן! דאָ זענען אַלע גלײַך, אויס יחסנים!" ער האָט געבײַלט די פויסטן און איז געווען רויט פון כעס.

רודל און סטעלע זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר די געסט. ער האָט געקריצט מיט די ציין, געפּרײַכט און איר געזאָגט:

— רודל, דו וועסט חתונה האָבן נאָר מיט מיר! איך וועל קיינעם נישט צולאָזן צו דיר!

דערהערנדיק זײַנע רייד און איר נאָמען האָט רודל אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן, צי די אַרומיקע האָבן געהערט און ווי זיי רעאַגירן. קיינער האָט נישט רעאַגירט, נאָר שטראָם איז צו אים צוגעגאַנגען און שטיל אים געזאָגט: „אָן אַוואַנטורעס, איר שטערט די געסט..." און פון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף רודלען. סטעלע און רודל זענען געזעסן איינגעהויקערט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האַלב פאַרמאַכטע אויגן. מרדכי האָט געביסן די ליפּן און געבײַלט די פויסט, געוואָלט ענטפערן שטראָמען, אָבער ער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז עס איז אים נישט כדאי און ער איז אַוועק צו דער טיר.

שטראָם האָט אַ קוק געטאָן אויף רודלען. ער האָט זי באַדויערט. פון פאַרדרוס האָט ער זיך אַ רײַב געטאָן די גאָמבע, ווי ער זאָל זיך קראַצן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צי די געסט זענען נאָך אויפמערקזאַם און ער איז אַוועק. רודל און סטעלע, פאַרשעמטע, האָבן אויך זיך אַרומגעקוקט, צי די געסט קוקן נאָך אויף זיי. אָבער די געסט האָבן זיך שוין אומגעקערט צו זייערע ענייִנים. ביידע, רודל און סטעלע האָבן דערפילט אַ לײדיקייט אַרום זיך כאָטש דאָס קאַפע־הויז איז געווען געפּראָפּט מיט געסט. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און אײַליק אַוועק צו דער טיר. די בליקן פון די אָנגעשטעלטע האָבן זיי באַגלייט. מרים מיט די פליישיקע באַקן, וואָס האָט ווי שטענדיק אויך איצט אַרויסגעקוקט מיט אירע פאַרלאָפענע אויגן פון קיך דורכן באַשטעל־פענצטערל, האָט געזאָגט: „אַ גאָלדענע מויד און זיך פאַרפּלאָנטערט מיט אַזאַ יונגאַטש!..."

— דו גייסט צו מיר שלאָפן, — האָט סטעלע איר געזאָגט שוין אויפן גאַס. רודל, אַ דערשלאָגענע, האָט איר נישט געענטפערט. סטעלע

האָט זי געגומען אונטערן אָרעם און מיט איר אָוועק אַהיים. נישט נאָר אויפן וועג צו איר האָבן בײדע געשוויגן; אויך בײַ סטעלען אין שטוב האָבן זיי צווישן זיך אויסגעוועקסלט נאָר עטלעכע ווערטער. זיי זענען אויך געבליבן וואָך אויפן געלעגער. אײנע איז געלעגן נעבן דער אַנדערער, געפילט דער צווייטערס קערפּער און געשוויגן.

ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן טאָגן איז רודל אַראָפּ פון דער סאָפע. זי האָט זיך שנעל אָרומגעוואַשן און אָנגעטון. אַ פאַרשעמטע, מיט אויסגעוויצטע, ווי וואַנזיניקע אויגן, האָט זי סטעלען אַ זאָג געטאָן: אַ דאַנק, און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

סטעלע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געלעגן מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש און נישט געוואַגט צו איר רעדן, האָט זיך אײַנגעקאַרטשעט און זיך צעכליפּעט.

6

דער מאָרגן איז געווען אַ טריבער. דער פאַרוואָלקנטער הימל האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּגענוצטער קאָלירטער געוואַנט. אַ דין רעגנדל האָט פון מאָל צו מאָל אַ שפּריַי געטאָן, ווי ער זאָל באַזאָלצן דעם אַרום. אַן אָנגעיאָגטער ווינט האָט באַלד אים פונאַנדערגעטריבן. ווי נאָר רודל איז אַרויס פון סטעלען איז זי שטיין געבליבן אויף דער גאַס. זי האָט טיף אײַנגעאָטעמט אין זיך די מאָרגנפרישקייט און איז געגאַנגען ווײַטער.

זי איז געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנדערער, אָן אַ ציל. זי האָט אפילו נישט געדענקט, אַז זי האָט אַ דירה אין וועלכער זי קאָן אוועקלייגן דעם קאָפּ. זי האָט דערצו אויך נישט געהאַט קײַן כוח. זי האָט געשפּאַנט אָן צו טראַכטן, נישט געזען די מענטשן און אויך נישט דעם טומל פון אָנהייב טאָג. זי האָט פאַר זיך נאָך אַלץ געזען די נעכטיקע סצענע אין קאַפע־הויז. פון אויפרעגונג איז דער מוח אירער געווען טעמפּ. זי האָט נישט געדענקט וואָס מרדכי האָט איר געזאָגט, זי האָט נאָר איצט

געזען מרדכיס בליק פול מיט האַס. זײַן בליק איז איר געבליבן שטעקן אין האַרץ. עס האָט איר געשטיקט די בושה.

זי האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן אַ מאָל מיט אַ שנעלן און אַ מאָל מיט אַ קלײנעם, אײַנגעהאַלטענעם טראָט און נישט געוווּסט וואָס זי דאַרף טאָן. אָבער אַז זי איז שטײן געבליבן אין ראָג גאַס און זי האָט פון ווײַטנס דערזען די שילד מיט דער אויפשריפט „די קרוין", האָט זי אויס־געשטרעקט דעם האַלדז, אַרויפגעקוקט. אין מאָמענט איז איר קלאָר געוואָרן ווער זי איז און וואָס זי דאַרף טאָן. זי איז מיט אײַליקע טריט אַוועק אַהין.

אין קאַפע האָט געברענט דאָס ליכט. איר שײַן האָט פונאַנדער־געטײלט די שאָטנס, וואָס האָבן זיך ווי געשאַרט. די לופט דאָ איז געווען אָן אויסגעשטאַנענע. די קאַפע און ניקאָטין־ריחות האָבן נאָך נישט באַ־וויזן זי אַדורכזאַפּן.

רודל איז שטײן געבליבן אויף דער שוועל און זיך אַרומגעקוקט.

— שלום רודל! — האָבן אַלע דרײַ: לאה, מרים און גבי זיך מיט איר דערפרײט. זײ זענען געווען זיכער, אַז זי איז געקומען צו דער אַרבעט. זי האָט זײ נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געגאַנגען ווײַטער. זי האָט אַפילו נישט באַגריסט די עטלעכע געסט וואָס זענען שוין געזעסן. אָבער דעם בעל־הבית האָט זי שוין פון ווײַטנס געזאָגט: „שלום, הער שטראָם!" ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ לאַך געטאָן. ער האָט זיך מיט איר דערפרײט און איר געזאָגט: „שלום, פרײַלײַן רודל!" ווי עס זאָל גאָרנישט געהאַט פּאַסירט נעכטן. ער האָט איר אויך אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט, זי זאָל זיך צו אים צוזעצן. זי איז שטײן געבליבן נעבן אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט אָפּגעאָטעמט און אים גע־זאָגט, ווי זי זאָל אים איבערבעטן: „הער שטראָם, איך בעט־ײַדע דעם אײַנצידענט פאָן געסטערן".

שטראָם, מיט זײַן קײַלעכיקן קאָפּ האָט זיך עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן אויפן בענקל און איר געענטפערט: „עס פּאַסירט, ניכט שלים" און אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטערן שטערן. אַ ווײַלע האָבן בײדע געשוויגן, ווי געוואָלט איבערקומען די אומהײמלעכע צײַט. מיט אַ מאָל

האָט רודלס קאָפּ זיך אַראָפּגעלאָזט ווי דער נאַקן זאָל זיך איר האָבן אײַנגעבראָכן און מיט אַ טרוקענער האַרטער שטימע אים געזאָגט: „איך קינדיק די אַרבעט"...

— „קינד מײַנס, וואָרום דען?" — האָט ער פּאַטערלעך און אַ דערשטוינטער זי געפרעגט.

רודל האָט אינצווישן זיך באַהערשט און אים געענטפערט שוין צערייצט: „איך האָבע מיך פערפּודלט, עס גייט ניכט אַנדערש" און געפּרוווט שמייכלען. שטראָם האָט פאַרצויגן זײַן אונטערשטע ליפּ און איז זיצן געבליבן אַ פאַרטראַכטער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אויפגע־הויבן דעם בליק. איר געקוקט גלײַך אין די אויגן און איר געזאָגט: „ג־ו־ט", צעציענדיק דאָס וואָרט און באַלד צוגעגעבן: „קאָמע פערביי דיך אָפּרעכנען".

רודל האָט אָפּגעטעמט און אים געזאָגט: „הער שטראָם, אאוף ווידער־זען" און זי איז אַוועק. שטראָם האָט איר נאָכגעקוקט און עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אויך אירע מיטאַרבעטערינס וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זייער שמועס, זענען געבליבן דערשטוינט. רודל איז אַרויס מיט דער הינטערשטער טיר אָן זיי צו זאָגן „שלום".

שוין אַ חודש צײַט כמעט ווי רודל אַרבעט אויף איך נײַעם אַרבעטס־פּלאַץ. דעם זעלבן טאָג נאָך איז זי אַוועק אין אַרבעטס־אַמט בעטן אַרבעט. דער פאַרטיילער, אַ הויכער, דאַרער, קנאָכיקער פּאַרשוין, מיט אַ בײַכל ווי אַ פּויקל און אַ פּאַרלאָשענעם ציגאַר צווישן די ליפּן, האָט זי אָנגע־קוקט און זי אויסגעפרעגט פּרטים. ער האָט זי פאַרשריבן און איר געזאָגט, זי זאָל יעדן טאָג זיך קומען פאַרשרײַבן און פרעגן, צי עס איז דאָ אַרבעט. זי איז אַוועק. אָבער ער האָט זי צוריקגערופן: „חברטע רודל, קומט צוריק" ווען זי איז פאַר אים שטיין געבליבן האָט ער אַ נישט זיכערער איר געזאָגט: „אויף בן־יהודה, ראָג קרן קיימת עפנט מען אַ קאַפעטעריע „אַביס" — וואָס דאָס איז געגוי, ווייס איך נישט. צי דאָס וועט זײַן אַן אַרבעטס־פּלאַץ, ווייס איך אַוודאי נישט. נאָר אַזוי, ווי איר מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, גייט צו, שטעלט אײַך פאַר פאַר פרוי קליפּשטיין און מיר וועלן זען וואָס עס איז דאָרט דאָ צו טאָן. אַן אַרבעטס־צעטל

גיב איך אײַך נישט, זאָגט נאָר, אַז גוריון, דער סעקרעטאַר, האָט אײַך געשיקט".

זי האָט אים געזאָגט „אַ דאַנק" און זי איז אַוועק.

רודל איז אַרײַן אין „אַביס". איר האָבן אַ שלאָג געטאָן אין נאָז די ריחות פון די פרישע פאַרבן אין לאָקאַל. די קאַפעטעריע איז געווען אַ גרויסע קראָם מיט עטלעכע טישלעך צו זיצן. געהאַט אַ שויפענצטער מיט געבעקס, אַ בופעט מיט אַן עספּרעסאָ־מאַשין און אַ קיך נאָך דער קראָם. איר איז אַנטקעגן געגאַנגען אַ הויכע, פליישיקע פרוי אין אַ קלייד ביז די קנעכל. זי האָט געהאַט אַן אָוואַל מאַט אינטעליגענט פּנים. אירע האָר, וואָס זענען אַמאָל געווען בלאָנד זענען שוין געווען גרויליק. זי האָט אויך געהאַט אַ פולן בוזעם, אויף וועלכן עס זענען געהאַנגען ברילן אין אַ גאָלד־געפּאַסט רעמל. די פרוי האָט נאָר אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט.

רודל האָט זיך איר פאָרגעשטעלט: „רודל שטיין" און איר געזאָגט נאָך וואָס זי איז געקומען.

די פרוי האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי האָט געהערט און זי געפרעגט מיט אַ הילכיקער שטימע: „איר קענט דאָס פאַך? און וואָס פאַר אַ בילדונג האָט איר?"

רודל האָט זיך אויסגעגליכן. זי איז העכער און שלאַנקער געוואָרן און דרייסט איר געענטפערט: „איך בין אַ געניטע קעלנערקע און באַזיץ מאַטורע".

— יאָ, — האָט די פרוי אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל באַשטעטיקן רודלס רייד און זי געפרעגט: „פון וואַנען שטאַמט איר?"

— פון טשעכיע — האָט זי איר געענטפערט. דערבײַ איז די הויט פון איר פּנים געוואָרן ווי דורכזיכטיק.

— אַזוי, אַזוי, — האָט די פרוי איבערגעחזרט צוויי מאָל דאָס וואָרט. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געזאָגט רודלען: „איך אָרדן ערשט אײַן די קאַפעטעריע, אָבער איר קאָנט שוין מאָרגן קומען צו דער אַרבעט און העלפן".

רודל האָט אַ קלער געטאָן, צי זי זאָל אָננעמען איר פֿאָרשלאָג, אָבער איר געענטפֿערט „גוט!"

די באַציונגען צווישן פֿרוי קליפּשטיין און רודלען האָבן זיך אײַנגעשטעלט. די קליפּשטיין שטאַמט פֿון לאָדזש, דאָרט האָט איר מאַן געפֿירט אַ טעקסטיל־פֿאַבריק. אין קריג איז איר פֿאַמיליע: זי, איר מאַן און אַ זון פֿאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ. געבליבן לעבן איז נאָר זי. איר איז געבליבן אַ געלט־קאָנטע אין דער שווייץ. די קאַפּעטעריע האָט זי געעפֿנט, זי זאָל האָבן באַשעפֿטי־קונג. אָבער זי האָט נישט געאַרבעט. גאַנץ פֿרי, ווי נאָר זי איז געקומען צו גיין, האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבער דער קאַפֿעטעריע, צי אַלץ געפֿינט זיך אויפֿן אָרט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויך בענקל מיט דרײַ פֿיס, מיט אַ דײַטש אָדער ענגליש בוך אין האַנט. זי האָט זיך פֿאַרלייגט איבער איר דינער, לענגלעכער נאָז די ברילן, די פֿיס אירע אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטאַפּל פֿון בענקל און געלייענט. ווען זי איז מיד געוואָרן לייענען האָט זי גענומען באַטראַכטן די קליענטעלע. ווער פֿון זיי האָט איר געזאָגט „שלום", האָט זי אים געענטפֿערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. איר איז פּשוט נישט געווען כדאַי צו ענטפֿערן.

געוואַשן די כלים האָט לונה, אַ הויכע, לײַביקע פֿרוי, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און אַ מויל גאָלדענע ציין. געפֿירט דאָס געשעפֿט האָט רודל. זי האָט געפּרעסט די קאַווע און צוגעגרייט אַ קוכן לויט דעם גאַסטס באַ־שטעלונג און אויך גענומען געלט. אַ מאָל, אַ מאָל, ווען די קליפּשטיינס אויגן זענען מיד געוואָרן פֿון לייענען, האָט זי זיי אַוועקגענומען פֿון בוך און געקוקט ווי רודל באַדינט די געסט, אָדער זיך צוגעהערט וואָס עס רעדן די געסט, וואָס האָבן גערעדט הויך. ווען דאָס איז איר נמאס געוואָרן האָט זי נאָר אַ זאָג געטאָן איין וואָרט: „יאָ" און ווייטער געלייענט.

צווישן די צוויי פֿרויען מיט אַלע זייערע קעגנזאַצן: כאַראַקטער, אָפּשטאַם, מענטאַליטעט, — האָט זיך געשאַפֿן אַ געמיינזאַמקייט. אָבער צו אַ ברייטערן שמועס, וואָס זאָל זיי דערנענטערן, איז ביז איצט נישט געקומען. ביידע האָבן אָפּגעהיטן די דיסטאַנס צווישן זיך. יעדע באַזונדער

האָט געשוינט איר כבוד. מער ווי צו אַ וואָרט־אויסטויש, וואָס האָט באַגרינדעט אַ צופאַל אָדער אַ געשעעניש, איז צווישן זיי נישט געקומען. בדרך־כלל האָט גערעדט די קליפּשטיין; „זי שפּילט די ראָלע פון אַ מאַדאַם און רעדט ווי אַ מאַרק־ייִדענע", „גייט אויסגעפּוצט ווי עפּעס רעכטס און ווי דאָס באַנעמט זיך". זי האָט נישט פאַרטראָגן קיין גראָב־קייט. זי האָט עס פּשוט געפּילט ווי אַ פיזישן ווייטיק. רודלס הסכמה צו דעם אַלעם איז געווען נאָר אַ שמייכל. אויף אַ קליענט, וואָס האָט זיך נישט פּאַסיק באַנומען, האָט די קליפּשטיין אַ זאָג געטאָן „ווי אָרדינער".ביידע, זי און רודל, זענען געווען ערנסט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איינע האָט זיך געשעמט פאַר דער צווייטער.

נישט איין מאָל האָט איינע געגעבן דער צווייטער אַ רמז מיט אַן אָפּגעהאַקטן זאַץ וועגן זייער אַמאָל. ביידע האָבן זיי פאַרשוויגן זייער פאַרגאַנגענהייט. אָבער טראָץ זייער שווײַגן האָט די קליפּשטיין שוין געוווּסט וואָס פאַר אַ יוגנט רודל האָט געהאַט. זי האָט מיט איר פרויען־און מוטער־אינסטינקט געוווּסט, אַז רודל שטיקט אין זיך אַ סוד, וואָס זי באַהאַלט פאַר אַ פרעמד אויג. זי האָט עס אויך פאַרשטאַנען פון איר מעלאַנכאָליע, פון אירע אויגן־לעפּלעך ציטער, ווי אַזוי זי בלײַבט שטיין אַ פאַרטראַכטע, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי זי זאָל קוקן ווײַט. ווען אין די מאָמענטן האָט זיך צו איר געוואָנדן אַ קליענט, האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי ער זאָל זי האָבן איבערגעוועקט. ווען די קליפּ־שטיין האָט עס באַמערקט, האָט זי פאַרצויגן די ליפּן אירע וואָס האָבן אַ ציטער געטאָן, אָבער זי האָט באַלד געלייענט ווײַטער.

די קליפּשטיין האָט אויסבאַהאַלטן איר חשד, אַזוי ווי רודל איר סוד. זי האָט נישט געוואָלט און נישט געוואָגט זיך אַרײַנרײַסן זיך מיט אירע געדאַנקען אין רודלס געפילן. אָבער אין אַ פרימאָרגן, ווען אַ גוט־אויסזעענדיקע פרוי, אין רודלס עלטער, האָט שטייענדיק אויסגע־טרונקען אַן עספּרעסאָ און ביים אַוועקגיין איר געזאָגט: שלום, רודל! — האָט די קליפּשטיין נישט אויסגעהאַלטן און זי געפרעגט: אַ באַקאַנטע?

— ווייס איך וואָס! — האָט רודל אָפּגעפּטרט.

— אָבער דו האָסט יאָ באַקאַנטע און ידידות — האָט די קליפּשטיין זי נישט אָפּגעלאָזט.

— יאָ און נישט — האָט רודל איר געענטפערט און גענומען צונויפ־שטעלן די גלעזער אויפן טאָמבאַנק.

די קליפּשטיין האָט זי מער נישט געפרעגט. אָבער זי איז נישט געווען זיכער, צי די קליענטין איז נישט רודלס אַ באַקאַנטע.

נאָך דעם זעלבן אָוונט נאָך דער אַרבעט — רודל האָט פאַרשלאָסן די טיר פון דער קאַפּעטעריע, די קליפּשטיין האָט אויף איר געוואַרט. ווען רודל האָט איר דערלאַנגט די שליסלען, האָט די קליפּשטיין איר געזאָגט: „קום מיט מיר" — און גענומען גיין. רודל איז איר נאָכגעגאַנגען אָן איבערראַשטע פון איר אײַנלאַדונג. צו ווײַזן איר אַז זי איז איר נאָענט האָט די קליפּשטיין זי גענומען אונטערן אָרעם.

די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע און אַ ווינטיקע. די ווינטן האָבן געטרוקנט די פײַכטקייט פון דער פאַרגאַנגענער רעגנדיקער נאַכט. ביידע זענען געגאַנגען און געשוויגן. זיי זענען געגאַנגען ווי אַ מאַמע וואָס שפּאַצירט מיט אַ טאָכטער, אָבער איינע האָט געוואַרט, אַז די אַנדערע זאָל אָנהייבן רעדן. מיט אַ מאָל האָט די קליפּשטיין זיך צערעדט: „ווען מען זאָל מיר מיט יאָרן צוריק געווען זאָגן, אַז איך וועל שפּאַצירן אין אַן אויסגעשטערנטער קילער נאַכט אין תל־אביב, וואָלט איך דעם מענטש אָנגעקוקט ווי אַ וואַנזיניקן..."

אַ ווײַלע האָט רודל געשוויגן. אַן אומרויִקע האָט זי באַפרײַט איר אָרעם פון דער קליפּשטיינס און איר געזאָגט: „געווען אַ וועלט־מלחמה..."

— יאָ, יאָ, און פאַר אונדז ייִדן אַ שואה, — האָט זי רודלען ווי אויסגעבעסערט.

אַ צײַט האָבן זיי ווידער געשוויגן. אַ לײַכטער ווינט האָט געשמיסן זייערע פּנימער. מיט אַ מאָל האָט די קליפּשטיין אַ זאָג געטאָן ווי זי זאָל זי פרעגן: „און וואָס איז מיר געבליבן פון מײַן משפחה? געבליבן איינע אַליין ווי אַן אַלטער צאָן אין מויל..." האָט זי זיך אַליין געענטפערט.

רודל האָט נישט געוווּסט וואָס זי זאָל איר זאָגן. ערשט שפּעטער האָט די קליפּשטיין ממשיך געווען: „ביי אונדז אין שטוב איז אין יענע

יאָרן געשטאַנען אין סאַלאָן אַ פליגל. די באָבע פון דער מאַמעס זײַט האָט גערעדט פראַנצויזיש..." זי האָט אָפגעטעמט און גערעדט ווײַטער נאָר פּאַמעלעך, ווי זי זאָל ציילן די ווערטער. „אָבער מײַן מאַן איז געווען אַ וועבער וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און אַ מענטש מיט געפילן און כאַראַקטער..." זי האָט איר דאָס געזאָגט מיט דער כוונה, אַז אויך רודל זאָל איר אַנטפּלעקן אירע סודות.

קליפשטיין האָט עס דערגרייכט. איצט האָט רודל זי גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט אין איר דערפילט די נאָענטע פרוי, מיט מאַמע־געפילן, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט.

— דאָס לעבן איז נישט איינפאַך — האָט זי איר געזאָגט. — אויך איך האָב זיך באַקענט מיט אַ מאַן, אַן אַרבעטס־מענטש און דער שענס־טער אין מײַנע אויגן... — שוין שטיל האָט זי צוגעגעבן ווי זי זאָל עס זיך אַליין זאָגן, נאָר שנעל — און זיך אָפּגעריסן פון אַלע...

זי האָט באַדויערט איר אָפנהאַרציקייט, אָבער געפילט, אַז זי האָט אויסגעדריקט אירע געדאַנקען וואָס האָבן זיך בײַ איר צונויפגעקליבן, וואָס זי האָט געוואָלט דערשטיקן און געליטן.

זיי האָבן שפּאַצירט פּאַמעלעך. דער וועג און די צײַט איז זיי פאַר־שווונדן. מיט אַ מאָל האָט די קליפשטיין זיך באַפרײַט פון רודלען און זי איז שטיין געבליבן. רודל מיט איר. „דאָ וווין איך" — האָט די קליפשטיין איר געזאָגט. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנטפלאַך אויף רודלס אַקסל און איר געזאָגט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט: „גיי נאָך דײַנע האַרץ־געפילן, אָבער פאַרליר נישט דעם קאָפּ..." און איר אויסגעשטרעקט די האַנט.

רודל האָט מיט ביידע הענט געדריקט איר האַנט. ביידע האָבן אוועק־געקוקט און געשוויגן. יעדעס וואָרט איז זיי געווען איבעריק. באַלד האָט די קליפשטיין אַ גלעט געטאָן רודלס באַק, איר געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און זי איז אַרײַן צו זיך אין הויז.

רודל האָט זיך אויסגעדרייט און געגאַנגען צוריק. דער אָנגעטראָ־גענער ווינט האָט זי אַ טרײַב געטאָן פאָרויס.

7

די קאַפּעטעריע „אַביס" פּראָספּערירט. אין דער קורצער צײַט וואָס זי עקזיסטירט האָט זי זיך דערוואָרבן אַ קליענטעלע. די אַרט קאַפּעטעריע איז געווען אַ נײַעס אין שטאָט. די ווו דער קליענט באַדינט זיך אַליין. געהאָלפֿן דערצו האָט די געגנט, דער דורכגאַנג צום ים און די סיטואַציע באַפֿעלקערונג. דער ווינטער איז געווען אַ פֿאַררעגנטער. די מענטשן זענען גערן אַרײַנגעגאַנגען אויסטרינקען אַ הייסן עספּרעסאָ אָדער אַ קאַווע. די פֿרוי קליפּשטיין מיטן פּאַרקעמטן קאָפּ, די גאָלדענע ברילן אויף איר נאָז און מיט דעם בוך פֿאַר די אויגן, איז פֿאַר די געסט געווען אַן אַטראַקציע. זיי האָבן זיך אויך גערן געלאָזט באַדינען פֿון רודלען. דאָס הויכע, שלאַנקע, שאַרמאַנטע מיטן שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ, פֿרײַלײַן. זי האָט זיי באַדינט מיט אַ שמייכל און געשוויגן. זי האָט זיי נאָר געענטפֿערט אויף זייערע פֿראַגן. אָפֿט האָבן בײדע, זי מיט דער קליפּשטיין, זיך איבערגעקוקט, אָבער זייער בליק איז געווען אַ קאַלטער, ווי צוויי פֿרעמדע זיך פֿרויען.

רודל מיט איר פֿאַרריסן נעזל איז געווען מיד און פֿאַרזאָרגט נישט פֿון דער אַרבעט, ווי פֿון איר ערגער און רוגז: זי איז געווען אומרויִק. זי האָט אָפֿט אַוועקגעריסן איר קאָפּ פֿון דער קאַווע־מאַשין און מיט דערשראָקענע אויגן זיך אַרומגעקוקט איבערן לאָקאַל און אויך אַ קוק געטאָן אין גאַס אַרײַן. ווי זי זאָל וועמען אויסקוקן. זי האָט מורא געהאַט, מרדכי זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז זי אַרבעט דאָ און ער וועט קומען איר שטערן. אירע טעג האָט זי אויסגעפֿילט מיט דער אַרבעט, אָבער די אָוונטן זענען פֿאַר איר געווען אַן אָפּקומעניש. זי איז אין ערגעץ נישט געגאַנגען און מיט קיינעם זיך נישט געזען. צו דער אַרבעט איז זי געגאַנגען צופֿוס, זי זאָל נישט טרעפֿן אין אויטאָ מענטשן, מיט וועלכע זי זאָל מוזן רעדן. איר וועג איז געווען פֿון שטוב צו דער אַרבעט און צוריק אַהיים. שוין אין דער פֿרי איז זי געגאַנגען צו דער אַרבעט מיט געאײַל, זי זאָל זיך נישט דאַרפֿן אָפּשטעלן מיט וועמען עס איז. זי האָט

כסדר זיך אומגעקוקט, צי מרדכי גייט איר נישט נאָך. ווען זי האָט אים אַמאָל געזען פון ווײַטנס איז זי מיט אימפעט אַוועק אַהיים. אַנומלט, ווען דאָס איז איר ווידער געשען, איז זי אַרײַן אין שטוב אָן אָן אָטעם. אַ פאַרמאַטערטע און איבערגעשראָקענע האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן טאַפּטשאַן און אַזוי, אין די מלבושים איבערגעשלאָפן די נאַכט. צומאָרגנס איז זי נישט געגאַנגען עסן און אויך פאַר זיך נישט געקאָכט. זי האָט געגעסן טרוקנס. זי האָט אויך נישט גענומען קיין ביכל אין האַנט, זי האָט נישט געקאָנט קאָנצענטרירן זיך. ווען זי האָט יאָ געפּרוווט לייענען האָט זי יעדע עטלעכע בלעטלעך געמישט צוריק, זיי געלייענט נאָך אַ מאָל.

אין אָן אָוונט האָט זי דערפילט די ליידיקייט אַרום זיך. איר איז געוואָרן נמאס דאָס זײַן נאָר מיט זיך. זי האָט פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָסן איר טיר און זי איז גיך אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ. אויף דער גאַס איז זי שטיין געבליבן און אָפּגעאָטעמט. די קילע לופט האָט זי אָפּגעפרישט. זי איז אַרײַן אין קינאָ „אופיר“ אָן צו וויסן וואָס פאַראַ פילם עס שפּילט. דער פילם האָט שוין געשפּילט. זי האָט געזען, ווי אַ באַן קומט אָן, אַ מאַן וואַרט אָפּ אַ פרוי וואָס שטייגט אויס. זיי צעקושן זיך. זי נעמט אים אונטערן אָרעם, ביידע גייען אַוועק גליקלעכע. זי האָט שוין נישט געקאָנט אײַנזיצן, האָט אָפּגעזיפצט און איז צוריק אַרויס אין גאַס.

נישט איין מאָל האָט זי זיך אויך אַרומגעדרייט איבערן צימער מיט פאַרלייגטע איבערן בויך הענט און געפילט די פײַכטקייט אין איר נישט געהייצטן צימער, אָבער נאָך ערגער איז געווען די ליידיקייט אַרום זיך און דאָס נישט האָבן וווּ זיך אַהין צו טאָן.

אין אַ שבת פאַר מיטאָג, די לופט איז געווען דורכזיכטיק נאָכן לעצטן רעגן. די אָנעמישע ווינטער־זון האָט כסדר זיך אָפּגערוקט פון אונטער די שיטערע וואָלקנס. אירע שטראַלן זענען פאַמעלעך, פאַמעלעך לענגער געוואָרן, ווי זיי זאָלן פּרוּוון זייער כוח.

רודל האָט געשפּאַנט איבער דער דיזענגאָף־גאַס. זי איז געגאַנגען און געקוקט, ווי זי זאָל זוכן באַקאַנטע צווישן די פאַרבײַגייער. מיט אַ מאָל איז זי שטיין געבליבן און אַ געשריי געטאָן „אוי!“ איר אַנטקעגן

איז געשטאַנען סטעלע. זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך צעקושט. אָבער זיי האָבן זיך באַלד אָפּגעלאָזט, ווי יעדע פון זיי זאָל האָבן אָנגערירט אַ זאַך וואָס בריט. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען זיך אַנטקעגן אומבאַהאָלפענע. איינע האָט באַטראַכט די אַנדערע אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

סטעלע איז געווען די, וואָס האָט איבערגעריסן דאָס שווײַגן.

— ביסט גוט געשלאָפן די נאַכט? — האָט סטעלע זי געפרעגט, ווי זיי זאָלן האָבן נעכטן זיך געזען. אָבער זי איז רויט געוואָרן פון בושה. זי האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין פאַר איר נאַרישער פראַגע.

— איך טו נישט מער נאָר אַרבעט און שלאָף, — האָט רודל איר געענטפערט און איז בלייך געוואָרן. זי האָט באַדויערט איר ענטפער. אָבער ביידע האָבן אײנאײנעם גענומען גיין און שווײַגן, ווי צוויי זיך פרעמדע מענטשן.

— לאַנג זיך נישט געזען — האָט סטעלע איר געזאָגט.

— יאָ, אַזוי איז דאָס לעבן — האָט רודל איר געענטפערט.

— אָבער עס מוז נישט אַזוי זײַן — האָט סטעלע רעאַגירט מיט פאַרדרוס.

עס האָט אַ ביסל געדויערט ביז רודל האָט איר געענטפערט:

— איך האָב געביטן מײַן אַרבעטס־פּלאַץ — און זי איז איבער־געגאַנגען אויף אַן אַנדערער טעמע.

— איך ווייס, איך אינטערעסיר זיך מיט דיר — האָט סטעלע איר געענטפערט. זי האָט געזען ווי רודל איז רויט געוואָרן פון איבעררעאַשונג און האָט ווײַטער גערעדט:

— אַ סך חברטעס ווי דו האָב איך נישט, כאָטש דו מײַדסט מיך אויס און האָסט סודות פאַר מיר...

רודל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען צו וואָס סטעלע צילט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אַרײַנפירן זי אין אירע ענינים, איבערהויפּט וועגן איר ברוגז מיט מרדכין. סטעלע האָט זי אָנגעקוקט אַ דערשטויינטע. איר איז נישט געפעלן רודלס אַרט רעדן, איר צוריקגעהאַלטנקייט און איר הולך. דאָס שוואַרצע פּאַסיקל אַרום

רודלס גרינעם זשאַקעטל איז געווען פֿאַרדרייט. דער אויבערשטער קנאָפּ אירער איז געווען אויפֿגעקנעפּלט. זי האָט פֿאַרשטאַנען אין וואָס פֿאַראַ מצב רודל געפֿינט זיך.

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. רודל איז געגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. זי האָט זיך געשעמט פֿאַר זיך אַליין ווי אַזוי זי רעדט צו סטעלען. נאָר פּלוצים האָט זי אַ זאָג געטאָן: איך בין באַליידיקט, כ'בענק און בין אָפּגעריסן פֿון לעבן...

סטעלע האָט גערעדט שטיל און ווי זי זאָל ציילן די ווערטער:

— געמיינט, אַז דו אַרבעטסט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ. אין אַן אַנדערער סביבה מיט אַנדערע מענטשן און ביי אַזאַ באַלעבאָסטע, האָבן זיך אויך געביטן דיינע באַגריפֿן.

אַ צעהיצטע איז רודל ווי אונטערגעשפּרונגען און איר אַ זאָג געטאָן מיט אַ האַרטער שטימע: „זיי געזונט!" און זי איז אַוועק.

סטעלע איז געבליבן מיט אַן אָפֿן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן. זי איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע ווי אַ געליימטע און איז אַוועק.

מרדכי האָט אינצווישן דער צייט אויך געביטן די אַרבעט. ער שטייט שוין נישט אויף דער הערצל־גאַס און וואַרט אויף אַ נאַגלע ווי אַלע דאָרט שאָפֿערן, נאָר האָט איצט אַ סטאַבילן אַרבעטס־פּלאַץ. ער צעפֿירט מיט זײַן טענדער די פּאַפּיר־פּראָדוקציע פֿון דער פֿאַבריק „רעקס". ער אַרבעט אַ סך, מאַכט יעדן טאָג איבערשעהען און פֿאַרדינט גוט, אָבער מיט זײַן פֿרײַער צייט האָט ער נישט וואָס צו טאָן. ער האָט נישט ווו אַרײַנצוגיין פֿאַרברענגען. אויך מיט פֿרויען טרעפֿט ער זיך איצט נישט. דערפֿאַר איז ער אַן אָפֿטער אַרײַנגייער ביי חיימען און ביי כלבן. אָפֿט, אין מיטן טאָג, ווען ער פֿאָרט פֿאַרביי די תל־אביב־יפֿו־גאַס מאַכט ער אַן אומוועג און גייט אַרײַן צו כלבן. דאָס איז נאָר אַ קראָם, וואָס כלב האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַ רעסטאָראַן און איז שטענדיק איבערפֿולט מיט עסערס. דאָרט האָט ער געגעסן אַ שאַרפֿע ברוינע זופּ מיט שוואַרצע בעבלעך, אַ טעלער רײַז באַלייגט מיט קלעצלעך לונג און פֿאַרטרונקען מיט אַ פֿלאַש ביר. אַ זאַטער איז ער געפֿאָרן ווײַטער.

אין אָוונט, אַן אַרומגעוואַשענער און איבערגעטוענער קומט ער צו

חימען. זײַן רעסטאָראַן געפינט זיך אין אַ זײַטיק געסל אין דרום פון שטאָט. דאָס איז אַ לאָקאַל, אין וועלכן מען גייט אַראָפּ מיט צוויי טרעפּ. דער לאָקאַל איז אַ פּירעקיקער, גרויס ווי פיר גרויסע צימערן, הויכע. די פענצטער זענען שמאָלע און לאַנגע. די צוויי טירן זענען גרויס און ברייט ווי אין אַ פאַבריקס־זאַל. איבערן זאַל שטייען צעשטעלט טישלעך מיט מאַרמאָרענע פּלאַטן מיט בענקלעך אַרום. פון דער סטעליע הענגען אַראָפּ עטלעכע לעמפּ מיט פאַרצעלײַ־אַבאַזשורן וואָס פאַרטונקלען די ליכט. די לופט איז אַדורכגענומען מיט די ריחות פון די געקאָכטע מאכלים, וואָס קומען פון קיך. אויף דער רעכטער וואַנט בײַם אַרײַנגאַנג שטייט אַ פּאָליצע מיט פלעשער געטראַנק. פאַר דער פּאָליצע שטייט די פאַרגלאָזטע קילשאַנק מיט די אויסגעסדרטע מאכלים. אויף דער קילשאַנק איז פאַראַן אַן אויסגעבויגענער געניקלטער קראַן, ווי אַ האַלדז בײַ אַ שוואַן — דער ביר־קראַן. צווישן דער קילשאַנק און דער פּאָליצע איז געשטאַנען חיים, ווי ער זאָל זיך דאָרט געפינען אייביק. חיים איז אַ מיטלוווקסיקער, ברייט־ביייניקער ייד מיט אַ פליישיקער נאָז און גאָלן קאָפּ ווי אַ טעלער און מיט געזונטע הענט. ער האָט באַדינט זײַנע קליענטן די טרעגערס, פאַר־מאַנעס, שאָפערן און אַרבעטער פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער ווענדט זיך צו זיי און זיי צו אים אויף „דו", בײַ די פאַרנעמען, אַלע האָבן זיך געקענט.

פאַר מרדכין איז דער רעסטאָראַן געווען זײַן היים. דאָ האָט ער זיך געפילט היימיש צווישן אייגענע. דאָ האָט ער געקאָנט אָפּעסן, אויס־טרינקען אַ גלעזל אָקאָוויט און פאַרבײַסן מיט אַ געשמאַקן פּופּיק אָדער לעבער, צי אַ גוט שטיקל הערינג. דאָ האָט ער באַקומען אַ פאַרציע גאַלער און אַ טעלער געהאַקטע לעבער מיט ציבל. אַ טעלער געשמאַל־צענע פערפל מיט אַ שטיק קישקע. אַ הייסן, פעטן קרופּניק, אַ טעלער יויך מיט לאָקשן און צוקער־באָבעס. אַ געבראָטן פערטל גענדזונס און אַ קאַלט גלאָז ביר פון פאַס מיט אַ גרויסן קאָלנער שוים. דאָ האָט ער אַלע געזאָגט „שלום", אָבער ער האָט זיך די מי געגעבן, ער זאָל זײַן אָפּגעזונדערט און נישט איינער פון דער חברה. אויף זײַן „שלום" האָבן זיי אים געענטפערט אויך נאָר מיט אַ קאָפּ־שאָקל אָדער מיט אַ ברום

אונטער דער נאָז. אָבער זיי האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט. זיי האָבן שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט נישט בלייבן קיין סתם שאַפער. ער האָט טאַקע געזוכט מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן זיינע הכנסות.

אַן אויסנאַם ביי אים איז געווען ליפּע. צו אים האָט ער זיך באַצויגן פריינטלעך. ווי נאָר מרדכי האָט אים דערזען האָט ער אים שוין פון ווייטנס באַגריסט און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל זיך צו אים צוזעצן. ליפּע, דער הויכער, ברייטביייניקער, מיט שוואַרצע האָר און אויגן, האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי טעכטערלעך און האָט געוווינט אין צענטער שטאָט. דאָ אַהער איז ער געקומען צו די מענטשן פון זיין ס׳גאַל, מיט וועמען ער אַרבעט. מיט ליפּען איז מרדכי געזעסן ביי אַ גלאָז ביר אָדער ביי אַ טעלער עסן און גערעדט שטיל. ליפּע איז געווען אַ סוחרס אַ זון און האָט געשטאַמט פון באָכניע, אַ שטעטל אין גאַליציע. ער האָט לייכט געמאַכט אַ חשבון און אויך פאַר־שטאַנען אַן ענין.

אין יענע טעג איז מרדכי אַרומגעגאַנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ אַ פאַר־זאָרגטער. זיינע באַקן זענען געווען אַנגעצויגן, זיין פּנים ווי לענגער. ער האָט געביסן די ליפּן. זיינע קינבאַקן זענען געווען בולט. זיין בלאָנדע טשופּרינע איז איצט געווען נאָך מער צעשויבערט, ווי אַ סטויג היי. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיך. ער האָט געזוכט רודלען און נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך, טראָץ אַלע זיינע באַמיִונגען. יעדן צווייטן־דריטן טאָג האָט ער אָפּגעוואַרט יחזקאלן, ער זאָל אים זאָגן, צי רודל איז געווען. אַריינגיין צו שטראַמען אין קאַפע האָט ער נישט געוואַגט. יחזקאל, אַ נידריקער, מיט איינגעפאַלענע נישט־ראַזירטע באַקן, צעפלאַטש־טער נאָז און אַ גאָלן קאָפּ האָט איצט געוואַשן כלים ביי שטראַמען. ווי נאָר ער האָט דערזען מרדכין האָט ער אים שוין פון ווייטנס אַ זאָג געטאָן „לא״, ווי ער זאָל צערייבן דאָס וואָרט מיט די ציין. אָפט האָט ער נאָך צוגעגעבן: „יאָ קאָלב״ (דער הונט). מרדכי איז אַוועק אָן צו זאָגן אַ וואָרט.

מרדכי האָט זיך געשלייכט איבער די גאַסן. אַמאָל, ווי ער זאָל שוין

נישט האָבן קיין כוח צו שלעפּן די פּיס; אַמאָל זיך געאײַלט, ווי דער אימפּעט זאָל אים יאָגן. ער איז אויך אַרומגעפּאָרן מיטן טענדער איבער די גאַסן און געזוכט רודלען. עס זענען געווען אָוונטן ווען ער איז געגאַנגען פון איין קאַפע־הויז אין אַנדערן און זיך אַרומגעקוקט, צי רודל אַרבעט נישט דאָרט, אָבער יעדעס מאָל איז ער שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, מאַכטלאָז. אים איז נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז זי קאָן אַרבעטן אין צפון פון שטאָט. אָן אויפגערעגטער און אַ צעט־רייסלטער איז ער אָפּט ליגן געבליבן אויף זײַן געלעגער און באַטראַכט זײַן לאַגע, וואָס ער דאַרף טאָן. אָבער ער איז יעדעס מאָל געקומען צום אויספיר, אַז נאָר מיט רודלען, דאָס געבילדעטע פרײַליין, וועט ער קאָנען מאַכן זײַן קאַריערע. רודל איז געוואָרן זײַן אַמביציע מער ווי זײַן ליבע. אים איז נישט אָנגעשטאַנען וואָס זײַנע באַקאַנטע ביז איצט פרײַלײַנס וואָס האָבן געגאַרט צו אים, דעם הויכן ברייטבייניקן בלאָנדן מאַן, זאָלן זיך דערוויסן, אַז ער איז געוואָרן אָוועקגעשטעלט פון אַ קעלנערקע, כאָטש זי איז שיין און געבילדעט. נישט איין מאָל האָט ער בײַם סך־הכל פון זײַן מצב זיך אַ זאָג געטאָן אויפן קול: „איך בין שענער פון איר".

נאָך דער אַרבעט האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט רייניקן זײַן טענדער, אָבער ער האָט די אַרבעט איבערגעריסן און אין די אַרבעטס־בגדים אָוועק אין שטאָט זוכן רודלען. ער האָט זי געוואָלט געפינען און זיך געשראָקן פאַר דער רגע ווען ער וועט זי טרעפן. טראָץ דעם האָט ער צענדליקער מאָל געשפּאַנט פאַר איר הויז, אויף איר געטשאַטעוועט, אָבער יעדעס מאָל זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט, אַ צערייצטער און פאַרשעמטער איז ער נישט איין מאָל צו איר אַרויף און האַסטיק, מיט כעס געקלאַפּט אין איר טיר. זי האָט געהערט און געוווסט, אַז דאָס קלאַפּט ער, אָבער אים נישט געעפנט. איר האַרץ האָט געטיאַכקעט ווי עס זאָל זיך איר אָט אָט אָפּרײַסן. ער איז אָוועק אָן אויפגערעגטער און מיט פאַרבײַלטע פויסטן, אָבער שטיל, מענטשן זאָלן אים נישט זען.

איין אָוונט האָט מרדכי געענדיקט פריער די אַרבעט. ער איז שטיין געבליבן אַ פאַרטראַכטער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און זיך אַ זאָג געטאָן ווי ער זאָל אַדורכזײַען די ווערטער דורך די ציין: „שוין בין־השמשות,

ווידער אָוועק אַ טאָג און דו, מרדכי, ביסט נאָך אַלץ ווי אויפן וואַסער״. אים האָט געקרענקט וואָס אין זייער לעצטן שמועס, האָט ער נישט געזאָגט ליפען וועגן רודל איז. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס טראָץ זיי זענען חברים, איז ער מיט אים נישט אויפריכטיק און נישט אָפנהאַרציק. אַ בייזער האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט ווי מבטל געווען זיינע רייד און זיך אַ זאָג געטאָן „עה!״ ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין טענדער און אַוועקגעפאָרן.

ביי חיימען אין רעסטאָראַן האָט זיך געטומלט. איין קול האָט גערעדט העכער פון אַנדערן. אינעם געפילדער האָט מען נאָר געהערט דעם געקלאַנג פון צונויפגענומענע טעלער, פלעשער, גלעזער און דאָס קלינגען פון די גאָפּל־מעסער. חיים איז ווי געשפרונגען צווישן די טישלעך — באַדינט די קליענטן.

מרדכי איז פאַרויסגעגאַנגען פאַמעלעך און געקוקט פון אונטערן שטערן, וואָס עס טוט זיך. מיט אַ מאָל האָט אַ קול אים אַ רוף געטאָן: „מרדכי!״

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ צופרידענער אים געענטפערט:

— איי, ליפע! — איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט זיך צו אים צוגעזעצט. אַ ווײַלע האָבןביידע געשוויגן. מרדכי האָט געהאַט אויפן געוויסן זייער לעצטן איבערגעריסענעם שמועס.

— חיים! אַ לעבער מיט קאַרטאָפל און אַ גרויסע ביר! — האָט ליפע באַשטעלט פאַר מרדכין און געזאָגט צו אים — איך עס אויך דאָס.

ליפע האָט זיך איינגעקוקט אין אים, געוואָלט מרדכי זאָל רעדן. מרדכי האָט אַפילו נישט אויפגעהויבן די אויגן, נאָר אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים אויף זיין באַשטעלונג.

ליפע איז הײַנט געקומען צו חיימען צוליב מרדכין און אויף אים געוואַרט. ער האָט געוווּסט אין וואָס פאַרא לאַגע מרדכי געפינט זיך. ער האָט אויך געקענט זיין כאַראַקטער און נישט געוווּסט מיט וואָס דאָס אַלץ קאָן זיך ענדיקן. ער האָט אים באַדויערט. ער איז דאָך צוזאַמען מיט מרדכין אַרויס צו זייער ערשטער אַרבעט אין לאַנד. חיים אויף זיינע נידריקע פּיס איז שטיין געבליבן פאַר זיי, ווי ער זאָל האָבן אַרויסגעוואַקסן

פון דער ערד. פון זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט האָבן זיך ווי אַראָפּגעגליטשט צוויי טעלער מיט עסן. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס גלאָז ביר, אוועק־געלייגט דעם גאָפּל מיטן מעסער און אָן צו זאָגן אַ וואָרט איז ער פאַרשוווּנדן.

אי מרדכי אי ליפּע האָבן געשוויגן. מרדכי האָט מיט אַ לאַנגן שלונג אויסגעטרונקען כמעט אַ העלפט פון זײַן ביר און מיט אַ שטיקל ברויט זיך אָפּגעווישט די שוים פון די ליפּן. אָבער געגעסן האָט ער פּאַמעלעך, ווי ער זאָל זיך פוילן און אָן אַפּעטיט. ליפּע האָט געוואָלט איבעררייסן זײַן שטימונג און גענומען אים אויספרעגן: דו ביסט צופרידן פון דײַן טענדער? ער איז פּאַקאָוונע? ביסט מיט אים נישט צו אָפּט אין גאַראַזש?...

ער האָט אים געפרעגט איין פראַגע נאָך דער אַנדערער ווי ער זאָל אים עקזאַמינירן. מרדכי האָט געגעסן פּאַמעלעך, ווי ער זאָל צעקוועטשן דעם ביסן אין מויל. אויף יעדער פראַגע האָט מרדכי אים געענטפערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל יאָ אָדער ניין.

דער טומל אין זאַל איז כסדר געוואַקסן. מענטשן זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען. אַלע זענען זיי געווען מענער. זיי האָבן צונויפגערוקט און פונאַנדערגערוקט די טישלעך און די בענקלעך. ליפּע האָט פאַרשטאַ־נען, אַז מרדכין פאַרדריסט אויף זיך אַליין, פאַר וואָס ער האָט זיך צו אים אַזוי באַצויגן. אָבער ער האָט געוואָלט אים העלפן און אים געזאָגט: „מרדכי, איך האָב צו דיר נישט קיין פאַרדרוס. איך בין דיר אַ ברודער און איך וועל דיך נישט לאָזן פאַלן".

ליפּעס רייד האָבן צענומען מרדכיס כעס. זײַן פּנים האָט געפלאַמט. ער האָט געקריצט מיט די ציין. זײַנע קינבאַקן זענען געווען בולט, ווי זיי זאָלן זײַן אָנגעשוואָלן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרוווּרף:

— יאָ, מרדכי, דאָס ביסטו...

ליפּע האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט, אים באַדויערט און פאַרשטאַנען. אָפּצורײַסן אים פון זײַנע מחשבות האָט ער אים געפרעגט: „ווי זעט זי אויס? זאָלן מיר נישט זוכן אַ נאָדל אין זאַק אַפילו ווען ער איז ליידיק".

מרדכי האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ דערשטוינטער אים אַנגע־

קוקט. ער איז געווען איבערראַשט פון זײַן פראַגע און פון וואַנען ער ווייסט. — ווער האָט דיר געזאָגט — האָט מרדכי געפרעגט.

— איך בין זיך משער — האָט ליפע אים געענטפערט און אים אָנגעקוקט.

מרדכי האָט פאַר זיך ווי דערזען רודלען און זיך צערעדט ווי עס זאָל פון אים אַרויסרעדן: „זי איז הויך, שלאַנק און באַחנט. זי האָט געטאָקטע פיס און אַ שוואַרצן, געלאָקטן קאָפּ..."

ליפע איז זיצן געבליבן אַ פאַרגאַפּטער. טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זײַן גרויסן שטערן. ווען ער האָט זיך באַהערשט האָט ער אַ שטאַמל געטאָן: „איך ווייס וווּ זי אַרבעט..." נאָר אַז ער האָט דערזען ווי מרדכי פיבערט, ווי זײַנע נאָז־לעפלעך פלאַטערן און ער פינטלט מיט די אויגן, האָט ער געזאָגט: „און אפשר איז עס נישט זי?" מרדכי האָט אים אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און איז געבליבן אַן אומבאַהאָלפּע־נער. ליפען האָט אַ צי געטאָן ביים הארץ. ער האָט נישט געקאָנט זען און איבערטראָגן ווי מרדכי זעט איצט אויס.

— קום, פאָר מיט מיר, וועסט זען, — האָט ליפע אים געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט. מרדכי נאָך אים. גייענדיק צו דער טיר האָט ליפע אַ זאָג געטאָן: „חיים, פאַרשרײַב!" און זיי זענען אַוועק אין גאַס.

געפירט דעם טענדער האָט ליפע. ער האָט געזען, אַז מרדכי איז איצט נישט מסוגל עס צו טאָן. זיי האָבן געשוויגן. בײדע זענען זיי געווען דערשיטערט, איינער האָט נישט געוואָגט אָנקוקן דעם אַנדערן. ליפע האָט געקוקט פאַראויס ווי ער פאָרט, מרדכי אין זיך אַרײַן. ער איז געזעסן אַן אײַנגעקאָרטשעטער ווי אַ חיה, וואָס לויערט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ליפע אײַנגעהאַלטן דעם אויטאָ. ער האָט אים אָוועקגעשטעלט אין אַ זײַט און געזאָגט מרדכין: „קום!" בײדע זענען אויסגעשטיגן און זענען אַוועק. ליפע איז געגאַנגען דער ערשטער און כסדר זיך אומגעקוקט ווי ער גייט. מרדכי איז געגאַנגען נאָך אים.

נישט ווײַט פון דער אַרײַנגאַנגס־טיר זענען זיי שטיין געבליבן. ליפע, ווײַל ער האָט נישט געוווסט וואָס ער דאַרף טאָן ווײַטער, מרדכי — ווי

עס זאָל אים האָבן אָפּגענומען די הענט מיט די פֿיס. די ליכט פֿון אינעווייניק האָט זיי געבלענדט.

— דאָס איז זי... — האָט מרדכי אַ שטאַמל געטאָן, ווי ער זאָל קרעכצן און זיך צוגערוקט צו דער וואַנט, רודל זאָל אים נישט זען. ליפּע האָט אָפּגעטעמט און אײַנגעטעמט אין זיך די נאַכט־קילקייט. די פֿיס האָבן זיך אונטער אים געבראָכן פֿון אויפֿרעגונג און מידקייט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער שטיל זיך געפֿרעגט: וואָס ווייטער?

מרדכי איז געקומען צו זיך. ער האָט זיך אָװעקגעריסן פֿון דער וואַנט און זיך געגרייט אַ שפּרונג טאָן, אַרײַנלויפֿן אין קאָפּע צו רודלען. ליפּע האָט עס דערזען און אים אַרומגענומען מיט בײדע אָרעמס, אים אײַנגעהאַלטן און געפֿרעגט: „ווילסט מענטשן זאָלן זיך צונויפֿלויפֿן?"... און אים אָװעקגעפֿירט אין אַ זײַט.

מרדכיס פּנים איז געװען רויט ווי רוי פֿלייש. ער האָט געפֿרײַכט ווי אַ קעסל וואָס זידט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און פֿאַרמאַכט די אויגן. ליפּע איז געשטאַנען אים אַנטקעגן און געוואַרט. ווען מרדכי האָט זיך באַרויִקט האָט ליפּע אים אַ פֿרעג געטאָן: „מען קאָן שוין מיט דיר רעדן?" מרדכי האָט אים אָנגעקוקט מיט פֿאַרלאָפֿענע און אויסגעזעצטע אויגן און געשוויגן.

— מרדכי, איך וועל מיט איר רעדן — האָט ליפּע אים געזאָגט, ווי ער זאָל זיך בײַ אים בעטן. מרדכי האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינ־טער, ווי ער זאָל ערשט איצט האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס עס האָט פּאַסירט און וואָס עס דאַרף נאָך פּאַסירן. אָבער אַלץ נאָך געשוויגן.

מיט אַ מאָל האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן שטיל ווי אַ הילפֿלאָז קינד: גוט! ליפּע האָט אים אַרומגענומען מיט בײדע אָרעמס. אַ צײַט לאַנג זענען די צוויי גרויסע ברייטבייניקע מענער געשטאַנען אַרומגענומען, ביז ליפּע האָט אים געזאָגט: „קום, מירן אַהיימפֿאָרן". זיי זענען אַוועק צום טענדער.

8

דער אָוונט צומאַרגנס איז געווען אַ קילער, דער הימל אויסגעשטערנט און גרוי, די לופט פּייכט. ליפּע אין אַ גרויען אָנצוג און אַ גאָלף־סוועטער פון דעד זעלבער קאָליר, איז אַריין אין דער קאַפּעטעריע „אַביס״. ער איז שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג און באַטראַכט רודלען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן לאָקאַל וואָס איז געווען כמעט פול, און געזוכט אַן אָרט צום זיצן. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קליין און ליידיק טישל וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט און זיך אַוועקגעזעצט. פון דאָ האָט ער געקאָנט בעסער באַטראַכטן רודלען. ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן בענקל זיין אָוונט־צייטונג און קאַפּעלוש און ער איז אַוועק באַשטעלן.

— אַן עספּרעסאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן רודלען און זיך אין איר איינגעקוקט. זי איז געבליבן מיט אויפגעריסענע אויגן פון איבעררא־שונג. זי האָט אים צוגעגרייט דאָס שעלעכל קאַווע און עס אים דערלאַנגט. ער האָט איר באַצאָלט און מיטן שעלעכל קאַווע צוריק אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין אָרט.

אין דער קאַפּעטעריע האָט זיך נאָך געטומלט, אָבער דער רעש האָט זיך פּאַמעלעך שוין איינגעשטילט. מער מענטשן זענען אַוועקגעגאַנגען ווי געקומען. ליפּע איז געזעסן ביי זיין שעלעכל קאַווע און געטרונקען פּאַמעלעך. פון איין זופּ ביז צום אַנדערן האָט געדויערט. ער האָט אין צווישן זיך אַרומגעקוקט און אויך אַ קוק געטאָן אין גאַס אַריין. פון מאָל צו מאָל האָט ער אַריינגעקוקט אין דער צייטונג און דורכגעלייענט אַ קעפּל פון אַן אַרטיקל. ער האָט געוואַרט אויף דעם געהעריקן מאָמענט, ער זאָל קאָנען אַ שמועס טאָן מיט רודלען. עד האָט אַלץ אָבסערווירט און זיך געהיטן, ער זאָל נישט ווערן אויפפאַלנדיק די מענטשן, נאָר רודל זאָל אים זען.

רודל איז געוואָרן נערוועז. ווען ליפּע האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, האָט עס איר עפּעס אַ טיאַך געטאָן אין האַרצן און זי האָט פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ בליק אויף אים בגניבה און זיך באַמיט דערמאָנען,

צי זי האָט דעם מענטש שוין ערגעץ וווּ געזען. זי האָט זיך אויך געפרעגט אין געדאַנק: וואָס וויל ער פון מיר? זי האָט אויסגעקוקט די מינוט, עס זאָל ווערן זיבן אַזייגער, זי זאָל קאָנען פאַרמאַכן די קאַפעטעריע און גיין אַהיים.

די ערשטע, וועד עס האָט באַמערקט ליפען איז געווען די קליפּשטיין. זי האָט אויף אַ ווײַלע אָוועקגעלייגט דאָס בוך און אים באַטראַכט. זי איז געווען איבערצײַגט, לויט זײַן באַנעמען זיך, אַז ער איז פּאַראַינטער־רעסירט אין רודלען. אין צווישן איז די קאַפעטעריע געוואָרן כמעט ליידיק. די אַנגעוואָרעמטע דורך די מענטשן לופט האָט זיך געקילט. ער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם און האָט ווידעראַמאָל פונאַנדער־געשפּרייט די צייטונג, ווי ער זאָל אין איר לייענען. אויך רודל האָט זיך אַנגענומען מיט כוח. זי איז צוגעגאַנגען און גענומען אַנשטעלן די טישלעך און צונויפשטעלן די בענקלעך. זי האָט געוואָלט ליפּע זאָל פאַרשטיין, אַז אויך ער דאַרף שוין גיין. אָבער ווען זי איז צו אים צוגעגאַנגען און פון אים אָוועקגענומען דעם אַשנבעכער, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: „איך בין מרדכיס חבר. איך וועל וואַרטן אין דרויסן...“

אַ הײַך האָט זי באַשיט און זי האָט זיך באַגאָסן מיט שווייס. איר פּנים האָט באַקומען אַלע קאָלירן, רויט, ווײַס און גרין. זי האָט געאָטעמט האַסטיק און אים נישט געקאָנט ענטפערן. אויך די קליפּשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געקליבן גיין אַהיים. אָבער זי האָט באַמערקט, אַז רודל שטייט נעבן ליפען און ער זאָגט איר עפּעס. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט ביידע האַנטפלאַכן זיך אָפּגעגלעט די באַקן, ווי זי זאָל גאָרנישט האָבן באַמערקט. ליפּע האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס אויף דער גאַס. רודל האָט אָפּגעעטעמט. זי האָט אָוועקגעשטעלט אַ פּויסט אויף אַ טישל, זיך אויף איר אָנגעלענט און פאַרמאַכט די אויגן. ווען זי האָט זיך באַהערשט האָט זי ממשיך געווען די אַרבעט.

רודל האָט פאַרשלאָסן די טיר פון דער קאַפעטעריע. די הענט האָבן זיך איר געטרייסלט. זי האָט אָוועקגעגעבן די שליסלען דער קליפּשטיין. זי האָט רודלען געזאָגט „אַ גוטע נאַכט“ און איז אײַליק אַוועק. זי איז

געוועז זיכער, אַז רודל איז אָפּגערעדט מיט דעם מאַן וואָס איז געזעסן אין ווינקל און זי האָט איר נישט געוואָלט שטערן.

רודל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטע און האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן וואָס זי זאָל טאָן, ווען ליפּע איז פאַר איר שטיין געבליבן ווי אויסגעוואַקסן פון דער פינצטער, האָט זי זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון אים.

— איר זייט מסכים זיך איבערגיין ? — האָט ליפּע זי געפרעגט. זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי זי זאָל נישט וויסן ווער ער איז און וואָס ער וויל. אָבער ווען ער האָט זי געבעטן גיין, איז זי מיט אים געגאַנגען.

אַ צייט זענען זיי געגאַנגען און געשוויגן איינער אָפּגערוקט פון אַנדערן, ווי זיי זאָלן זיך זיין פרעמד. די פינצטער האָט אויף זיי געדריקט. זיי האָבן געפילט אונטער זיך דעם טראָטואַר. שפּעטער האָט ליפּע זיך אַרומגעקוקט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיך ווער פאַרבייגע־שלייכט. אָבער ער האָט זיך אַ װענד געטאָן צו רודלען ווי ער זאָל פאַרזעצן זייער שמועס: „איך מיט מרדכין קענען זיך פון די ערשטע טעג ווען מיר זענען געקומען אין לאַנד. מיר זענען חברים און זענען זיך נאָענט ווי ברידער. אַ צייט לאַנג האָבן מיר צוזאַמען געהאָרעוועט ביי די שווערסטע אַרבעטן...״

רודל האָט אים נישט געענטפערט. זי האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי זי זאָל קוקן ווי זי גייט. ליפּע האָט זי פאַרשטאַנען. ער האָט אויך אַ קלער געטאָן, צי זי איז אים נישט חושד אין אַן אינטריגע. ער האָט זיך פאַר איר באַרימט און דערמיט אויך פאַרטיידיקט מרדכין: „איך האָב מער באַוויזן ווי מיין חבר מרדכי. מיר האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן, אָבער איך האָב אַ פּרוי מיט צוויי טעכטערלעך. מרדכי וויל נעמען אַ מוסטער פון מיר...״ און זיך צעשמייכלט.

ערשט איצט האָט זי אין גיין זיך צוגערוקט נענטער צו אים און אים געפרעגט, נישט דרייסט און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם:

— איר זענט פון איין געגנט ?

— מיר זענען פון זעלבן לאַנד, נאָר ער פון פּאָדאָליע און איך פון גאַליציע — האָט ער איר געענטפערט.

— איך ווייס אַפילו נישט ווו דאָס געפינט זיך — האָט זי אים געזאָגט און אַ הייב געטאָן די אַקסלען פון פאַרוווּנדערונג.

ליפע האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איר נישט געדאַרפט דערציילן דאָס אַלץ. ער איז געווען זיכער, אַז זי ווייסט דאָס אַלץ. זיי זענען געגאַנגען און ווידער געשוויגן. זי איז אים ווי נאָכגעגאַנגען. ער האָט זי געפירט איבער די זײַטיקע געסלעך, פאַרלענגערט דעם וועג, אָבער ער האָט ממשיך געווען: „צוזאַמען אָנגע־הויבן. צוזאַמען געהאָרעוועט, אַפילו בײַם זעלבן פאַך...״

— יעדער אין לאַנד האָט מיטגעמאַכט — האָט זי אים געענטפערט.

ליפע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכים, נאָר אויך געזאָגט: „אָבער מיר האָבן זיך נישט פאַרפרעמדט און נישט דערווײַטערט״.

— אויך איך געדענק אים — האָט זי אַ זאָג געטאָן און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטע.

— זיכער צום גוטן — האָט ער איר געזאָגט. זײַן קול איז געווען ווייך און ער האָט געוואָרט אויף תשובה. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיי אַ בלענד געטאָן אין די אויגן דאָס ליכט פון דער קאַפע, וואָס זיי זענען פאַרבײַגעגאַנגען.

— אפשר זעצן מיר זיך צו? — האָט ער געפרעגט נישט דרייסט. זי האָט אים אָנגעקוקט און שטיל, ווי זי זאָל אים בעטן, געזאָגט: „איך בין נישט אָנגעטון, כ'בין מיד און האָב נישט קיין געמיט...״ גייענדיק האָט זי צוגעגעבן: „איך בין נישט אַזוי מיד, ווי אויפגערעגט...״ און אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זיי זענען געווען נאַס.

ער האָט דאָס אַלץ געזען און געזאָגט ווי זיך:

— עס איז קיינעם נישט לײַכט, איבערהויפּט אַ פרוי אַליין. אָבער דער מענטש מוז זײַן געפאַסט און דעצידירט...

זי האָט אים באַלד נישט געענטפערט. ערשט שפּעטער האָט זי אים געזאָגט:

— דאָס איז געזאָגט, ווען דער מענטש האָט מיט זיך צו טאָן און נישט ווען ער דאַרף דעצידירן וועגן אַ צווייטן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט מרדכין און איר געענטפערט:

— אין לעבן מוז מען אײַנגײן אויף קאָמפּראָמיסן. איך פֿאַרבײַג, אויך מײַן פֿרוי איז מוותר און מיר קומען אויס.

זי האָט אַ שלונג געטאָן, ווי זי זאָל אַראָפּשלינגען אַ ביסן און אים געענטפֿערט: „דאָס דאַרף מען פֿאַרשטיין". זי האָט נישט געזאָגט „בײדע".

ליפּע איז געוואָרן ערנסט, זײַן פּנים אויסגעצויגן, ער האָט געשוויגן, נישט געוואָלט פֿאַרפּלאָנטערן זיך אין געשפּרעך. זײ זענען געגאַנגען פּאַמעלעך און געשוויגן. ער האָט נאָכגעטראַכט וואָס זי האָט אים געזאָגט. זי האָט געאָטעמט שווער און געפֿילט ס׳האַרץ פֿון מורא און בענקשאַפֿט. מיט אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דאָס לעבן איז אַ קאַרוזעלע. ווער עס כאַפּט זיך אַרויף, דער דרייט זיך מיט..." און אַ קוק געטאָן אויף איר.

— אָבער דערצו דאַרף מען זײַן געשיקט — האָט זי אים געענטפֿערט.

ער האָט זי אָנגעקוקט אַן איבערראַשטער. ער האָט פֿאַרשטאַנען וועמען זי מיינט און איר געזאָגט: „מרדכי איז אַן אַרבעטס־מענטש און האָט אַ גוט האַרץ..."

— אָט דאָס איז אַ חבר! — האָט זי סאַרקאַסטיש אים געזאָגט. ער האָט איר פֿאַרשוויגן.

— איך קען אויך מרדכין — האָט זי גערעדט ווי מיט באַדויער.

— רודל — האָט ער זיך צו איר אַ ווענד געטאָן. געוואָלט מיט איר ווערן באַעקנט און אויף איר ווירקן — איך ווייס, וואָס צווישן אײַך איז פֿאָרגעקומען.

זי האָט אים אָנגעקוקט. איר פּנים האָט געפֿלאַמט.

— רודל, ער לײַדט און וויל זיך מיט דיר איבערבעטן. געשען וואָס עס איז געשען — האָט ער איר געזאָגט, ווי ער זאָל זי בעטן, זי זאָל מרדכין מוחל זײַן.

זײַנע ווערטער האָבן אויף איר געווירקט. זי האָט אַ העשע געטאָן און מיט דער האַנט זיך פֿאַרשטעלט די אויגן, זי זאָל זיך נישט צעוויינען און איז שטיין געבליבן, ער מיט איר, און זיך אומגעקוקט וואָס עס איז געשען.

— אָט בין איך אין שטוב — האָט זי אים געזאָגט.

בײדע זענען זײ געוואָרן אויפגעטרייסלט, בײדע האָבן זײ געפֿילט

און געזען דעם ליידיקן רוים פון דער גאַס, אין וועלכער נאָר זיי צוויי האָבן זיך געפונען. דער ליידיקער רוים איז געווען אימהדיק. בײדע האָבן געוווּסט, אַז זיי מוזן זיך שיידן, אָבער קיינעם פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט אָנהייבן אַ באַשלוס.

מיט אַ מאָל האָט ליפּע זיך אַ ווענד געטאָן צו איר, ווי ער זאָל ציילן די ווערטער:

— אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש און לויט אַן איינמאָליקע געשעעניש דאַרף מען אים נישט אורטיילן — ער האָט אָפּגעוואָרט און צוגעגעבן: רודל, טרעף זיך מיט אים...

זי האָט די הענט אירע זיך איבערגעלייגט איבער די ברוסטן און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטע, אײַנגעקאָרטשעטע פרוי. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַ שטאַמל געטאָן ווי זי זאָל קײַען די ווערטער: „זאָל ער קומען..." זי האָט שוין נישט געהאַט מער קײַן כּוח מיט זיך צו קעמפן.

מרדכי האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן אין שטוב, וואַרטן אויף ליפּען. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען. אַמאָל הינטער זיי, אַמאָל פאַר זיי, אָבער כּסדר זיך געהיטן, זיי זאָלן אים נישט באַמערקן. איצט, אַז ער האָט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט ליפּען, איז ער אַרויס פון איר אַרײַנגאַנגס־טויער. ער האָט זיך צו זיי צוגעשטעלט און געזאָגט: „איך בין דאָ!"

בײדע, רודל און ליפּע זענען געבליבן געפּלעפּט. מרדכי האָט נאָך פריער באַשלאָסן, אַז ער מוז די נאַכט זען רודלען און מיט איר רעדן, ווי דער ענין זאָל זיך נישט ענדיקן. אָבער אַז ער איז געשטאַנען אַנט־קעגן, האָט ער פאַרלוירן זײַן קוראַזש און די זיכערקייט. ער איז געשטאַ־נען ווי אַן אומבאַהאָלפן ייִנגל און נישט געוווּסט וואָס ער זאָל איר זאָגן. ער האָט אָבער אָפּגעשאַצט, אַז זײַן פּרעסטיזש שטייט אין קאָן. ער האָט זיך צו איר צוגערוקט און געוואָלט איבערלייגן זײַן אָרעם איבער אירע אַקסלען. רודל, וועלכע האָט די גאַנצע צײַט אים באַטראַכט ווי אַ היפּנאָטיזירטע און שווער געאָטעמט, האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זײַן האַלדז און איז הענגען געבליבן אויף אים. ער האָט זי אַרומגענומען און זי געדריקט צו זיך.

ווען ער האָט זי אַראָפּגענומען פון זיך, האָט ער זי אָנגענומען בײַ דער האַנט ווי אַ קינד. זי האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ מיידעלע וואָס פאַרענטפערט זיך פאַר דער מאַמען.

ליפּע האָט די גאַנצע צײַט שטיל זיך צוגעקוקט צו זיי, ענדלעך האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן:

— ליפּע, איך פיר זי אַהיים. מאָרגן טרעפן מיר זיך און באַשטימען אַלץ וועגן דער חתונה...

ער איז שוין ווידער געווען מרדכי, דער וואָס באַפעלט און באַשליסט ווי שטענדיק. רודל האָט זיך צעווײנט אויפן קול. דער אָפּהילך פון איר געוויין איז אין דער ליידיקער גאַס געווען יאָמערלעך.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן ווי אין חלל אַרײַן. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און מיט איר אַוועק.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ליפּע זיי געענטפערט און איז אַוועק אַהיים.

9

דער ווינטער איז געווען צו ענדע. די לופט אַ טרוקענע, אַ לויטערע שוין. די ווינטן מילדע, כאָטש דער מלקוש איז נאָך נישט געהאַט אַראָפּ. אויך דער הימל איז שוין געווען אַ לויטערער און הויך.

רודל מיט מרדכין וווינען אין זייער נײַער דירה אויף דער קאָנגרעס־גאַס. זיי וווינען אין אַ צוויי־צימערדיקער־וווינונג אין אַן אָפּיצינע, בײַ די פּרעסלערס. דאָס איז אַן אַלטע, אײַנגעזעסענע משפּחה וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד. די פרוי, חנה, איז אַ הויכע, באַלײַבטע, מיט אַ בויך און פון צעקנייטשטן פּנים קוקן אַרויס גוטמוטיקע יִידישע אויגן. פּרעסלער איז אַ ייִד אַ גברן מיט געדיכט גרויע, צוגעשוירענע וואָנצעס אויפן ברייטן פּנים. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט מרדכין. ער איז אים געפעלן און האָט אים פאַרדונגען די דירה.

דאָס איז שוין אַן אַלטע הײַזקע. מיט אַן אויפגעהויבענעם דאַך

פון דאַכעלקעס. דער טינק אויף די װענט כראַפּאַטע. די טירן, פענצטער — הויכע און שמאָלע, די סטעלעס פון האָלץ און נידריק. זיי האָבן אַהער מיטגעברענגט אַלץ װאָס רודל האָט געהאַט אין איר פריערדיקער װוינונג, זיי האָבן נאָר צוגעקויפט אַ טאָפּלט־סאָפע. איר איז די סאָפע נישט געפעלן. בײַם אײַנהאַנדלען זי האָט רודל אים געזאָגט: „עס װעט אונדז נישט זײַן באַקװעם...״

— מען דאַרף שפּאָרן דעם גראָשן. מיר דאַרפן זיך אַרויפאַרבעטן — האָט ער איר געענטפערט און דערבײַ אַפילו נישט אויפגעהויבן די אויגן. אַזוי איז אויך געשען װען ער האָט איר מיט אַ װאָך פריער צװויסן געטאָן מיט גרויס חשיבות: „רודל, איך האָב געדונגען אַ דירה אויף דער קאָנגרעס־גאַס. אויף איר פראַגע: פאַר װאָס דווקא דאָרט? האָט ער איר געענטפערט: „אין דער געגנט פיל איך זיך װי צװישן אייגענע און עס איז מיר נאָענט צו דער אַרבעט״. רודל איז געבליבן שטום. זי האָט געװוּסט, אַז דאָס איז נאָר זײַנס אַ תּירוץ. ער האָט געדונגען די דירה װײַל דאָ קאָסט ביליקער דירה־געלט.

געבראַנגט אַהער האָט ער זי פון אונטער דער חופּה. ער מיט ליפען האָבן אַלץ צוגעגרייט. דער רב פרײַמאַן אויף דער יהודה הלוי־גאַס האָט בײַ זיך אין שטוב זיי געגעבן חופּה וקדושין. דער רב, אַ מיטלװוּקסיקער דאַרער ייד מיט אַ קורצער באָרד, מיט גרויע שוין קעמפּקעס האָר האָט אויך געהאַט געדרייטע פּיאות װי פּלעשעלעך. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן פּלושענעם קאַפּעלוש, װאָס האָט אויסגעזען װי אַ דיניצע. ער האָט זיי נישט נאָר געגעבן חופּה וקידושין, נאָר אויך געבראַנגט פאַר רודלען צװיי עדות, ביידע לײַביקע יידן מיט בערד, װעלכע האָבן געקענט איר פאָטער, דעם שטאָט־גביר לעאָן שטיין. זיי האָבן אויך זי געדענקט נאָך אַלס קינד. פון מרדכיס צד זענען געװוען ליפּע און לאָזער, אַ טרעגער פון דער הגשר־גאַס. לאָזער האָט געשטאַמט פון מרדכיס קאַנטן און געװוּסט װער ער איז. בײַ דער חופּה זענען געװוען אַנװעזנדיק אַ מנין יידן, שוין אַרײַנגערעכנט די פיר עדות.

דער רב האָט געזאָגט די ברכות. מרדכי האָט געזאָגט הרי את. ער האָט צעבראָכן דאָס גלאָז און זיך צעקושט מיט רודלען. זי איז געשטאַנען

ווי פֿאַרשטיינערט. די רביצין, אַ הויכע, געניוג שלאַנקע פֿרוי מיט אַ שוואַרצער שאַל איבער איר גרויען קאָפּ, האָט געטיילט שטיקלעך לעקעך. דער רב האָט דערלאַנגט די גלעזלעך ווײַן. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעשטעלט בײַם טיש אויבן אָן און פֿייערלעך געבענטשט דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק. „זאָל אײַך זײַן מיט מזל, צו וואָס איר וועט זיך נעמען. איר זאָלט דערלעבן נחת פֿון קינדער און קינדס־קינדער און זיך עלטערן אין פֿריידן!" דער מנין ייִדן האָט געזאָגט „אמן!" דער רב האָט אויפֿגעהויבן זײַן כּוס און געזאָגט: לחיים! און אַלע האָבן אים הויך אויפֿן קול געענטפֿערט: „לחיים, לחיים!"

ווי נאָר דער עולם האָט אויסגעטרונקען און פֿאַרביסן, האָט מרדכי אַ זאָג געטאָן: אַ גוטע נאַכט, זײַט געזונט! גענומען רודלען אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַוועק. די רביצין איז זיי נאָכגעגאַנגען, זיי געווונטשן: „זאָל אײַך אַלץ זײַן מזלדיק!" און צוגעמאַכט נאָך זיי די טיר.

ליפֿע איז געבליבן ווי מען זאָל אים האָבן אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער. לאָזער האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. ער האָט געוואַרט ליפֿע זאָל אים עפּעס זאָגן. ליפֿע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. עטלעכע פֿון די ייִדן האָבן געהויבן די אַקסלען. אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיי זיך פּאַמעלעך פֿונאַנדערגעגאַנגען.

✶

רודל האָט זיך געפֿעדערט ווי אַ בין פֿון דער פֿרי ביז אין דער נאַכט אַרײַן. זי האָט געאַרבעט אין שטוב און אין דער קאַפּעטעריע, תּמיד זיך געאײַלט, זי זאָל אַלץ באַווײַזן. שוין גאַנץ פֿרי, דער טאָג האָט ערשט געגרויט, איז זי שוין אַרײַן אין קיך קאָכן און גרייטן די מאכלים, וואָס מרדכי האָט ליב. אויף שבת האָט זי אויך געבאַקן. אין די אָוונטן, ווען מרדכי איז נאָך געווען פֿאַרנומען אין גאַס, אָדער שוין געלעגן אַ מידער, האָט זי געררוימט. זי האָט אַלץ געטאָן מיט אַ לײַכט געמיט: געוואַשן די פּאָלן, אָפּגעשטויבט דאָס מעבל, שנעל אָפּגעוואַשן

דאָס געפּעס און אויסגעוואַשן עטלעכע שטיקלעך וועש. אײַנגעקויפט האָט זי אויפן וועג פון דער אַרבעט אַהיים.

צו דער חתונה האָט זי גענומען דרײַ טעג אורלויב. די קאָפּעטעריע איז דעמאָלט געווען פאַרמאַכט. די קליפּשטיין האָט נישט געוואָלט און אויך נישט געפונען אַ פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל פאַרטרעטן רודלען. זי איז געווען מיטבאַטייליקט אין רודלס לעבנס־ענינים, אָבער נישט געוווסט וועגן רודלס באַציונגען מיט מרדכין.

נאָך די עטלעכע חתונה־טעג איז רודל געקומען צו דער אַרבעט אַ נישט אויסגעשלאָפענע און אַ בלייכע. ווי נאָר רודל איז אַרײַן, האָט די קליפּשטיין זי באַגריסט: וואָלקאָם, יונג־פרוי! האָט זי אַרומגענומען, אָבער נישט געקושט און איר אָנגעוווּנטשן, עס זאָל זײַן מיט מזל. זי האָט אָנגענומען רודלס האַנט, באַטראַכט איר קידושין־רייפל, אַ צופרידענע און אַ צעשמייכלטע זי אַ פרעג געטאָן: „נו, ווי איז עס געווען?!"

רודל, אַ פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט איר איבערגעריסן:

— דער מאַן, וואָס האָט יענעם אָונט געוואַרט אויף מיר און כ'בין מיט אים אַוועקגעגאַנגען, איז מיין מאַנס חבר. ער האָט מיך מיט אים צוריק צונויפגעפירט און מיך איבערגערעדט און כ'בין מיט מרדכין געגאַנגען אונטער דער חופה...

זי האָט זיך צעוויינט.

— רודל, דו ביסט יונג, דו האָסט דעצידירט לויט דײַנע געפילן — האָט די קליפּשטיין איר געזאָגט און איצט איר אויך אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. אַ פאַרווייינטע האָט רודל אויף איר אָנגעלענט איר צעוויטיקטן קאָפּ, ווי זי זאָל זײַן איר מאַמע.

דער קליפּשטיינס באַנעמען זיך צו איר איז געווען אַ ספּאָנטאַנע, כאָטש איר האָט פאַרדראָסן, וואָס רודל האָט זי נישט אײַנגעלאַדן צו איר חתונה.

— טאָכטער, וויין זיך אויס, וועט דיר גרינגער ווערן — האָט זי געזאָגט רודלען בשעת זי האָט דערפילט אירע טרערן.

— אַבי איך בין עס איבערגעקומען. איך וועל מער נישט זיצן אַליין

צווישן די פיר ווענט — האָט רודל איר געזאָגט און אויפגעהויבן די אויגן.

— רודל, די היים בויט די פרוי — האָט די קליפּשטיין זי געוואָרנט.

רודל האָט ווידער זיך צעווײנט. די קליפּשטיין האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט. זי צוגעפירט און אַוועקגעזעצט און איר דערלאַנגט אַ שעלעכל עספּרעסאָ, זי זאָל זיך באַרויִקן. די עלטערע געסט אין דער קאַפּעטעריע האָבן מיט נײַגער זיך צוגעהערט, געוואָלט וויסן וואָס צווישן די צוויי פרויען קומט פאָר.

רודל שלאָפט ווייניק. דער עול וועקט זי. איר בלייך פּנים, שטראַלט פון גליק. קיין זאַך איז איר נישט שווער. זי האָט ליב מרדכין און צערטלט אים. ווי פרי ער זאָל נישט אויפשטיין, איז פאַר אים גרייט דאָס ערשטע פרישטיק, געבראָטן ברויט באַשמירט מיט מאַרגאַרין און אַ גלאָז שטאַרקע טיי מיט מילך. זײַנע אַרבעטס־בגדים זענען ריין און נישט צעקנייטשט. מיטאָג עסט ער אין גאַס, אָבער אין אָוונט, ווי שפּעט ער זאָל נישט קומען, איז דער טיש געגרייט און זיי עסן צוזאַמען. צו אַלע מאכלים וואָס זי האָט אים צוגעגרייט, האָט זי צו יעדן עסן אים דערלאַנגט אַ מאכל וואָס ער האָט ליב פון דער היים. אָפט האָט זי פאַר אים אויך אָנגעבאַקן אויף שבת אַ פּוטערקוכן, ווי די גבירים אין זײַנע קאַנטן האָבן געגעסן.

ער איז געווען פאַרכאַפּט פון זײַן מעמד, פון רודלס איבערגעגעבנקייט. די שאַפערן און טרעגערס מיט וועלכע ער אַרבעט, זאָגט ער אַ געצוווּנ־גענעם „שלום". אויך אויף זייער שלום ענטפערט ער זיי גאַנץ אַנדערש ווי ער ענטפערט די סוחרים, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט און אַוודאי אַנדערש ווי ער ענטפערט דעם פאַבריקאַנט בײַ וועמען ער אַרבעט.

די טרעגערס, שאַפערן און אויך די סוחרים האָבן אים נישט איין מאָל באַטראַכט דערשטוינטע, ווי אַזוי ער האָט זיך געענדערט. נישט איין מאָל, ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָט אַ שאָפער צי אַ טרעגער אַריבערגעשריגן מיט סאַרקאַזם צו אַ קרענצל פון זײַן חברה: ער האָט זיך גענומען אַ יונג ווײַבל... געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשמייכלט, געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוווּנדערט. ווײַל אַפילו אין דער

פּאַבריק, ווו ער האָט צעפּירט די סחורה, האָט ער נישט צווישן געטאָן, אַז ער האָט חתונה געהאַט. ווײַל צוזאַמען מיט זײַן נײַעם מעמד, האָט ער זיך אויך געקליבן בײַטן זײַן אַרבעט.

דערווײַל זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשידענע שמועות צווישן די שאָפֿע־רן און טרעגערס, וואָס האָבן זיך געטראָפֿן פֿאַרבײַגייענדיק אָדער בײַם אָפּלאָדענען סחורה. מען האָט זיך דערציילט פֿאַרשידענע מעשיות וועגן אים.

אין אַ פֿאַרמיטאָג, ווען אַ גרויער וואָלקן האָט איבערגעדעקט די נאָך אָנעמישע זון. אין דער שמאָלער, הגשר־גאַס אַ פֿאַרשטאָפּטע מיט מענטשן און אויטאָס האָט אַלץ אויסגעזען גרוי, ווי בין־השמשות. מרדכי איז אַרײַנגעפֿאָרן מיט זיין טענדער און זיך געשטעלט אָפּלאָדענען פּעק פּאַפּיר. אין דער זײַט גאַס איז געשטאַנען אַ גרופּע פֿון זײַן חברה. אַלע זענען זיי געווען אין בלויע אַרבעטס־בגדים. איינער פֿון זיי, אַ הויכער, דאַרער, מיט לאַנגע הענט, האָט געזאָגט: געהאַט מזל, חתונה געהאַט רײַך, גענומען אַ פּרדסנס אַ טאָכטער. אַ נידריקער מיט אַ צעקנעפּלט העמד, פֿון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטאַרט זײַן גאַקעטער בויך, האָט צוגעגעבן: ער וווינט זיך קיײַזערלעך... אַ הויכער, ברייטבייניקער פֿאַרשוין מיט אַ דיקן קאַרק און לאַנגע וואַנצעס האָט געזאָגט: גענומען אַ ווייב אַזוינס און אַזעלכעס און איז געוואָרן אַ באַלעבאָס אין שטאָט... אַ קרעמפּער ייִד מיט אַ פֿאַררוקטן קאַשקעט אויף דער פּאַדאָכע האָט צוגעגעבן מיט פֿאַרדרוס: ער זאָגט שוין קוים שלום, ווי ער זאָל זיך קרעקן מיטן וואָרט... די רעשט פֿון דעם קרענצל האָבן צו אים אויסגעדרייט די קעפּ, ווי זיי זאָלן אים זען דאָס ערשטע מאָל.

מרדכי איז געווען צוריקגעהאַלטן. ער האָט אַ סך געאַרבעט, געמאַכט איבערשעהען און גוט פֿאַרדינט. זײַן קאָנטע אין באַנק איז כסדר גרעסער געוואָרן. רודל האָט עס געוווּסט און איז געווען צופֿרידן. זי האָט דאָס אַלץ גענומען אויף איר חשבון.

אין אַן אָוונט, זיי האָבן געהאַט אָפּגעגעסן, די ליכט אין שטוב איז געווען אַ געמיטלעכע, דער זשיראַנדאָל איז געווען אויסגעלאָשן. עס האָט נאָר געברענט דער לאָמפּ אויף דער וואַנט. מרדכי איז געזעסן בײַ אַ

גלאָז ביר און אַ ציגאַר אין מויל. רודל, אָן אָנגעלענטע מיט דער פּלייצע אויף דער וואַנט, מיט איבערגעלייגטע פיס איבער דער סאָפע, איז געווען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. זיי האָבן געשמועסט וועגן זייערע טעגלעכע ענינים. ווען זיי האָבן זיך צערעדט וועגן זייערע נייַע שכנים, האָט רודל אים געזאָגט: „מיר זענען זיי געבליבן פרעמד, אַפילו זיך פאַר זיי נישט פאָרגעשטעלט״.

— דו פאַרנעם זיך מיט מיר און נישט מיט די שכנים, — האָט ער איר אָפּגעענטפערט. זייַן פּנים איז געווען האַרב. זי האָט זיך צעשמייכלט. זייַן מאָנען זיך בייַ איר אויפמערקזאַמקייט האָט איר הנאה געטאָן, אָבער זי האָט זיך פאַרטראַכט: איז זייַן ענטפער קנאה צי סתם בייזקייט? זיך צו באַרויִקן האָט זי אים געפרעגט: וועגן וועמען טראַכסטו?

ער האָט זי אָנגעקוקט, דערנאָך אָפּגעטרונקען פון גלאָז ביר און געענטפערט:

— איצט טראַכט איך ווי אַזוי איך זאָל ענדערן די אַרבעט. אָבער אָפט טראַכט איך וועגן סטעלען — און האָט שקאַציש פאַרקריצט אַן אויג.

— וואָס עפּעס געדענקסטו אַלע אַלטע עבירות? — האָט זי אַ צערייצטע אים געפרעגט. זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער געדענקט זייער אינצידענט בייַ שטראָמען אין קאָפּע. אים מפייס צו זייַן און זיי אפשר אויך צונויפפירן, האָט זי אים געזאָגט:

— מיך ערגערט, וואָס מיר זענען מיט איר צעריסן. זי ווייסט אַפילו נישט, אַז מיר האָבן חתונה געהאַט און קומט נישט אונדז זאָגן מזל־טוב.

ער האָט איר באַלד נישט געענטפערט, אָבער אַ ווייַלע שפּעטער האָט ער געזאָגט:

— פּאַוואָליע, אייַל נישט צו דעם קץ. זי האָט גענוג אויסגערעדט אויף מיר.

— וואָס פעלט דיר אייַן? — האָט זי געפרווּט זי פאַרטיידיקן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, וואָס זי האָט אים געזאָגט אַ ליגן.

אַ צייַט האָבן בײדע געשוויגן. די שטילקייט האָט זיי געקלונגען אין

די אויערן. כדי צו ענדערן די שטימונג האָט זי שמייכלענדיק אים געפרעגט:

— וואָס גייסטו לעצטנס אַרום אַ פּאַרטדאַכטער. האָסט חרטה אויפן שידוך ?...

אַ פּאַראינטריגירטע האָט זי זיך אין אים אײַנגעקוקט און געוואַרט, ער זאָל רעדן, אָבער ער האָט פריער אויסגעטרונקען די רעשט ביר און דאַן געזאָגט, באַטאָנענדיק די ווערטער:

— איך טראַכט וועגן אונדזער צוקונפט. איך וויל טאָן עפּעס אַנדערש. איך וויל נישט בלײַבן אַ צעפירער מיט אַ טענדער. איך זוך אַן אַרבעט, מײַן געלט זאָל מיר סטײַען...

זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט זײַנע רייד און געזאָגט:

— נעם מײַנע אָפּשפּאָרונגען, אַז כ'וועל דאַרפן געלט, וועל איך קומען צו דיר.

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, און פאַרשטעלט זײַן שמייכל.

10

ווי נישט באַמערקט האָט זיך געשטעלט דער פרילינג. דער הימל איז ווידער געווען הויך און פיאָלעט־בלוי ווי אַ פונאַנדערגעשפּרייטער באַלדאַכין. די זון איז שוין דערגאַנגען ביז אין מיטן הימל, כאָטש אירע שטראַלן זענען געווען נאָך קורצע און געוואָרעמט מילד. די לופט איז געווען פריש און דורכזיכטיק. די גרעזער און די בלעטער אויף די ביימער זענען מיט יעדן טאָג גרעסער און פעטער געוואָרן. די קנאָספּן האָבן פּאַמעלעך, אָבער כסדר זיך געעפנט. די ריחות פון די פרדסים האָבן פאַרשיכורט. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט אויפבלי.

מרדכי האָט פאַרגעזעצט זײַן אַרבעט אין אַ ברייטערן פאַרנעם. זײַן טענדער מיט דער חזקה צו צעפירן די פּאַפּיר־אויסאַרבעטונגען האָט ער פאַרקויפט. דער קויפער איז געווען אַ שאָפער, אַ הויכער, דאַרער ייִד מיט אַ גוטמוטיק פּנים און אַ ווייכע שטימע. אַ מענטש, וואָס די פאַבריק־

לייטונג האָט רעקאָמענדירט. ער האָט מרדכין באַצאָלט אַ גוטן פּרײַז. פאַר דעם געלט האָט מרדכי געקויפט אַ לאַסט־אויטאָ און איז צוגעטרעטן אַלס אַ מיטגליד אין אַ טראַנספּאָרט־ביוראָ. ער פירט איצט פאַרשידענע משאות איבערן לאַנד.

מרדכי איז איצט מער זיכער אין זיך און באַרוישט פון זײַן הצלחה. אָפט, ווען אַ טרעגער האָט אויסגעלאָדן זײַן אויטאָ, איז ער געשטאַנען מיט איין פוס אויפן טרעפּל פון זײַן אויטאָ און זיך געריבן די גאָמבע. ער האָט יעדעס מאָל פון ס'נײַ זיך איבערגעלייגט, צי ער טוט נישט קיין פעלער און וואָס ער דאַרף טאָן ווײַטער.

מיט די טרעגערס און שאָפערן פון דער הערצל־גאַס האָט ער איצט כמעט זיך נישט געטראָפן. ער האָט זיי פּשוט געמיטן. נאָר ווען ער האָט געבראַכט אַ טראַנספּאָרט פאַר אַ סוחר פון דער הגשר־גאַס אָדער אַ פּאַרנאַכט, ווען ער האָט פרי פאַרענדיקט די אַרבעט, איז ער צו זיי צוגעגאַנגען, זיך פאַר זיי געוויזן. ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אים זען אַ פאַרשמירטן. ער האָט זיי געפרעגט, ווי עס גייט זיי און וואָס עס הערט זיך? זיי האָבן אים אויסגעהערט, כמעט נישט געענטפערט און נאָר געקוקט אויף אים מיט פאַרמרוזשעטע אויגן.

אַ צײַט לאַנג האָט ער פאַר זיי אויסבאַהאַלטן, אַז ער אַרבעט איצט מיט אַ לאַסט־אויטאָ. ער האָט זיך געהיטן פאַר אַ גוט אויג און פאַר שלעכטע מײַלער. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז זיי ווייסן נישט, אַז ער האָט געביטן די אַרבעט. נאָר פון מאָל צו מאָל, ווען אים האָט זיך פאַרגלוסט אָפּעסן: אַ פאַרציע גאָלער, אויסטרינקען אַ גלאָז ביר פון פאַס און פאַרבײַסן מיט הייסע, געזאַלצענע אַרבעס און זיך אַדורכשמועסן מיט ליפען, איז ער אַרײַן צו חיימען.

אויך אין רעסטאָראַן איז ער נישט געוועזן צוגעלאָזן. די אַרומזיצנדיקע, ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אויף אים אָנגעשטעלט זייערע אויגן און געוואַרט, צי ער וועט זיי זאָגן שלום. ער האָט צו זיי, מיט חיימען בתוכם, נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך צוגעזעצט צו ליפען.

מיט ליפען פאַרהאַלט ער זיך גוט, אָבער אויך אים נישט אַלץ

דערציילט. ליפּע איז געווען דער, וואָס האָט אים געעצהט נעמען זיַין איצטיקע אַרבעט. ער האָט אים באַוויזן, אַז עס לוינט ווערן אַ מיטגליד אין טראַנספּאָרט־ביוראָ. מען דאַרף ווייניק געלט און מען פאַרדינט גוט.

מיט די טרעגערס, וואָס האָבן געהאַט ברייטע פּלייצעס, שטאַרקע ברוסטקאַסטנס און מוסקולירטע הענט, מיט וועלכע ער האָט איצט געאַר־בעט, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעגעבן. איז ער געווען צוריקגעהאַלטן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט דעם געפיל, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון אַ לאַסט־אויטאָ.

ער האָט געשוויגן, נישט אַריַינגעלאָזט זיך אין אַ שמועס מיט זיי. ער האָט אָבער געוואָלט ביַי זיי אָנגיין אַלס דער מענטש מיט אַ פּאַרנעם, האָט ער געטאָן אַ טובה יעדן וואָס האָט זיך געניייטיקט, ער האָט זיך נישט איין מאָל אויפגעשטעלט און געהאָלפן אַ שאָפער אויספּוצן אַ מאָטאָר אָדער געהאָלפן איבערביַיטן אַ ראָד. ער האָט אויך אויסגעבאָרגט אַ ראָד אָדער אַ פּאָמפּע. ער האָט אויך געעצהט אין וועלכן גאַראַזש עס איז כדאי אַריַינפירן די מאַשין. ער האָט אויך געבאָרגט אַ גמילת־חסד, אָבער נאָר קליינע סומעס און נישט אויף לאַנג.

אויך ביַי זיך אין שטוב איז ער שוין געווען זיכער. רודל האָט שוין גאָרנישט ביַי אים געפאָדערט. זי האָט אַלץ געטאָן לויט זיַינע אָנוויַיזונ־גען. איר איז געווען גוט מיט אים צוזאַמען און מיט זיַינע קאַפּריזן. זי האָט פאַרציכטעט אויף כל־מיני פּאַסירונגען, אַבי ער זאָל זיַין צופרידן. ער האָט זי אויסגענוצט ביַי יעדער געלעגנהייט. אויך גערעדט האָט ער איצט מיט איר ווייניקער. ער האָט זיך געהיטן, ער זאָל זיך מיט איר נישט פאַררעדן. ער האָט נישט געוואָלט ביַי איר פאַרלירן זיַין אויפגע־בויטן פּרעסטיזש און האָט געטאָן אַלץ, זי זאָל פילן, אַז ער איז דער באַלעבאָס אין שטוב. ער האָט איר באַלד נישט געענטפערט ווען זי האָט אים געפרעגט. ער האָט זי געלאָזט וואַרטן, ווען זי האָט אים געבעטן עפּעס טאָן און האָט איר געמאַכט באַמערקונגען: נישט אַזוי! פאַר וואָס אַזוי?... אים איז געגאַנגען אין דעם, זי זאָל זיך איבערציַיגן, אַז ער איז חשובער פון איר.

זי האָט דאָס אַלץ געזען און פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער טוט עס

און געשוויגן. לעצטנס האָט ער אויך געברענגט אין שטוב אַן אַלטע אויסגאַבע פון עפּעס אַ פּוילישן לעקסיקאָן. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל זיך אַוועקגעזעצט אים שטודירן, האָט אַ שמייכל געגרינצלט איר הויט אין די אויגן־ווינקלען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט וויל ער זיך מיט איר אויסגלייַכן אין וויסן.

זי האָט זיך צוגעוווינט צו זייַן אַרט פירן זיך. זי האָט זיך אויך צוגעגליכן צו זייַנע אויפפאַסונגען און באַנעמען זיך. זי האָט אים צוגעטראָגן צום טיש די שטעקשיך, אים געגעבן די פּיזשאַמע און אויך אַוועקגעלייגט זייַנע בגדים ביי דער סאָפע. זי האָט אים דערלאַנגט אַן אויפגעקאָכט גלאָז מילך באַשאָטן מיט אַן איי און צוקער ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז זייַנע לונגען זענען פאַרלייגט. זי האָט איצט כמעט נישט גענומען אַ בוך אין האַנט. זי האָט דערצו נישט געהאַט קיין צייַט און אויך נישט געוואָלט אין זייַן אָנוועזנהייט זיצן ביי אַ בוך. זי האָט נישט געוואָלט, ער זאָל זיך פילן דערנידעריקט און דערפאַר זי צערבען. זיי זענען ביז איצט צוזאַמען נישט אַרויס פון שטוב. קיינער איז צו זיי נישט געקומען. זי האָט געבענקט נאָך סטעלען, געוואָלט זי זען און זיך פאַר איר אַראָפּרעדן, אָבער זי האָט עס נישט געוואַגט טאָן.

אַ פליטערל האָט געקרייַזט אַרום דעם לאָמפּ און נישט געקאָנט אַרויספליען פונעם ליכט־קרייַז. די פענצטער זענען געווען אָפן. די פאַרשיכורנדיקע ריחות פון די צעבליטע פּרדסים האָבן זיך געשפּאַרט אין שטוב. רודל איז געזעסן אויף דער סאָפע מיט אַן אָוונט־צייַטונג אין האַנט. מרדכי איז געזעסן ביים טיש מיט דעם אָפענעם לעקסיקאָן און געבלעטערט די בלעטער אַהין און צוריק ווי ער זאָל זוכן עפּעס קאָנקרעטעס. די שטילקייט אין שטוב האָט ווי געעיורן, גערייצט. פּלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אין סטעלען. אַ ווייַלע שפּעטער האָט זי פאַרזשמורעט די אויגן. זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אים געפרעגט: אפשר איז שוין געקומען די צייַט, דו זאָלסט מיט מיר אַרייַנגיין צו דער קליפּשטיין?... אָבער איר פראַגע זאָל נישט זייַן צו דראַסטיש, האָט זי אים קאָקעטיש אָנגעקוקט.

ער האָט איר נישט געענטפערט, נאָר ווײַטער געבלעטערט אין דעם לעקסיקאָן. אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און ממשיך געווען:

— פשוט, איך שעם זיך פאַר איר. איך אַרבעט בײַ איר, בין מיט איר צונויפגעלעבט, זי באַציט זיך צו מיר ווי אַ מאַמע. איך האָב חתונה געהאַט, האָב אַ מאַן, איך וויל זיך מיט אים באַווײַזן. זי וויל דיך באַקע־נען און מײַן תכשיט בריקעט זיך... זי האָט מיך שוין אויפגעהערט פרעגן ווען מיר קומען. זי פאַרשטייט, אַז דו ווילסט זי נישט באַזוכן...

ער האָט מיט אַ פינגער זיך אויסגעווישט דאָס ליפּן־לעפּעלע, ווי ער זאָל עס גלעטן, דערנאָך אַ ביס געטאָן זיך דעם נאָגל פון גראָבן פינגער און איר געענטפערט ווי ער זאָל רעדן אין רוים אַרײַן:

— איך קען די „פּראָשע פּאַניס" נאָך פון פּוילן. זיי זענען נישט מײַן ס'גאָל מענטשן. איך בין אַן אַרבעטס־מענטש און קריך נישט אין די הויכע פענצטער. איר דאַרפט אַרבעטן, מצליח זײַן.

רודלס באַקן האָבן אַ פלאַם געטאָן, אירע וויעס האָבן געציטערט. זי האָט אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אַלס ענטפער האָט ער אויסגעקרומט זײַן מויל. דערמיט זי מבטל געווען און דערבײַ אַפילו אויף איר נישט אַ קוק געטאָן.

מיט ליפּען האָט ער זיך נאָך איצט געטראָפן בײַ חיימען אין רעס־טאָראַן. ער האָט זיך מיט אים אויך שואל־עצה געווען, אָבער וועגן זײַן פרוי האָט ער אים קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט זיך געהיטן מענטשן זאָלן אים נישט באַרעדן, אים שטערן זײַנע פּלענער. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט ליפּע זאָל וויסן וווּ ער וווינט.

מרדכיס ציל איז געווען זיך אַרויפאַרבעטן, נישט בלײַבן דער ייִד פון פּאַלעסיע. אים האָט געבלענדט דאָס נײַע, דאָס דרײַסטע און דאָס פרײַע אין לאַנד. צוליב דעם האָט ער דאָך אויך חתונה געהאַט מיט רודלען, די פרוי פון דער ברייטער וועלט, וואָס שפּילט פּיאַנע. אָבער ווײַל ער האָט זיך נישט געקאָנט מיט איר פאַרגלײַכן, האָט ער זי געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון מענטשן. מיט די מענטשן, מיט וועלכע ער אַרבעט איצט, האָט ער זי נישט געוואָלט צונויפפירן. ער איז נישט געווען זיכער, ווי אַזוי דער צונויפטרעף קאָן אויף איר ווירקן. זי האָט אים

געדאַרפט נאָר העלפן דורכפירן זייַנע פּלענער, אים אַרויסהעלפן מיט געלט און פירן ס'הויז.

רודל און מרדכי זענען איצט געזעסן זיך אַנטקעגן, אייגער האָט געהערט דעם צווייטנס אָטעם. יעדער באַזונדער האָט ווי געוואַרט אויף עפּעס.

— יאָ!... — האָט ער אַ זאָג געטאָן און מיט צוויי פינגער אַ קנאַק געטאָן אויף באַשטעטיקונג.

זי האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע און שטיל, נישט דרייסט אים געפרעגט:

— וואָס יאָ?

ער האָט צוערשט פאַרמאַכט דעם לעקסיקאָן און ערשט דאַן געזאָגט:

— אַ מענטש מוז האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק. מייַן קאָפּ אַרבעט... דאָס וועט מיך פירן ווייַטער...

— ווי ווייַט? — האָט זי איראָניש אים געפרעגט.

— האָרך זיך צו ווער דייַן מאַן איז און וואָס איך האָב איצט צוגעטראַכט, — האָט ער איר געזאָגט מיט גאווה — הער זיך צו, נאָר מיט קאָפּ, וואָס איך קלער טאָן... איך האָב אַ ידיד. אַמאָל האָבן מיר צוזאַמען געגראָבן זשוויר אין ים, געשלאָפן אין איין באַראַק בייַם ירקון. דעמאָלט האָט מען אים גערופן העשקע. שפּעטער זענען מיר זיך צעגאַנגען. איצט איז ער רייַך ווי קורח און מען רופט אים צבי. אַלע האַלץ־מאַגאַזינען אויף פלאָרענטין געהערן צו אים. בייַ אים אַרבעטן אַ וועלט מיט מענטשן: טרעגערס, שאָפערן און פקידים. פאַר אים קומען אָן קיין חיפה שיפן מיט האָלץ. איך וועל מיט אים רעדן, אַז אויך איך וויל בייַ אים אַרבעטן מיט מייַן מאַשין. איך וועל אים אַפילו מאַכן צוויי נאָגלעס אַ טאָג. איך וועל שווער נישט אַרבעטן. מען לאָדנט מיר אָן און מען לאָדנט מיר אויס די מאַשין. כ'וועל אויך נישט דאַרפן געבן אַפּצאָל אין ביוראָ און וועל גוט פאַרדינען..

רודל האָט געשוויגן. זי האָט זיך איבערגעלייגט, צי זי דאַרף אים ענטפערן. אָבער זי האָט זיך דעצידירט:

— מרדכי, איצט ביסטו אַ מיטגליד אין אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, בײַ אים װעסטו זײַן אַ שאָפער.

— װאָס פאַרשטײסטו אין מיסחר? מרדכי דאַרף און װעט גײן מעלה־מעלה.

זי האָט נישט געװאָלט זײער שמועס זאָל זיך ענדיקן מיט אַ רוגז, האָט זי געזאָגט:

— טו װי דו פאַרשטײסט.

מיט אַ מאָל איז רודל אױפגעשפּרונגען, איז אַראָפּ פון דער סאָפע, אָבער האָט דערפילט אַן איבל און אַ שװינדל אין די אױגן. האָט זי זיך צוריק אַרױפגעװאָרפן אױף דער סאָפע, איז געלעגן און געסאָפּעט. טראָפּנס שװײס האָבן באַדעקט איר שטערן. ער האָט געזען װי זי פילט זיך, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען װאָס מיט איר קומט פאָר. ערשט װען זי איז שנעל אַראָפּ פון סאָפע און איז אײליק אַרײַן אין באָד־צימער, איז ער שטײן געבליבן אין טיר אַ דערשטױנטער און זי באַטראַכט. איר פּנים איז געװען בלײך, אַן אַ טראָפּן בלוט. איר איז געװען זװיער אין מױל און דער קאָפּ האָט זיך איר געדרײט. װען זי האָט אָפּגעעטעמט איז איר לײַכטער געװאָרן, האָט ער איר אַ גלעט געטאָן דעם בױך און געזאָגט:

— אַהאַאַ!...

זי האָט אַ פאַרשעמטע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— קום שלאָפן! — האָט ער איר געזאָגט און אַ שמײכל האָט צעצױגן זײַן פּנים. אירע אױגן האָבן געשטראַלט. זי האָט אים אַ צעשױבער געטאָן זײַן בלאָנדע טשופּרינע און זיך אָנגעהאַנגען אױף זײַן אָרעם.

11

דער לױטערער בלױער הימל איז געװען הױך, די זונען־שטראַלן לאַנגע. די לופט איז געװען אַ דיקע װי געגליװערט. נישט קײן בלעטל און נישט קײן גרעזל האָט זיך אַ ריר געטאָן. יעדע עטלעכע טעג האָט זיך אָנגעטראָגן פון דער מדבר אַ צעגליטער װינט.

אויך ביי רודלען אין שטוב איז געווען פּאַרנע. ווי נאָר זי איז אַרײַן האָט זי צעעפנט טיר און פענצטער, דורכגעלופטערט די וווינונג. זי האָט דעם זומער נישט פאַרטראָגן די היצן. זי איז געווען באַוועגלעך ווי שטענדיק, אָבער אירע באַוועגונגען זענען געווען פּאַמעלעכע. זי האָט אַלץ געטאָן אין שטוב. יעדע זאַך איז געווען אויפן אָרט און אין דער צײַט. אירע באַקן זענען כּסדר געווען פאַררויטלט, איך בויך, קײַלעכיק, האָט אַרויסגעשטאַרט. ווען זי האָט דערפילט די לאַסט פון איר בויך און ווייטיקן, איז זי שטיין געבליבן און מיט אויפגעריסענע אויגן זיך באַטראַכט. אָבער איר איז געווען לײַכט אויפן געמיט. זי איז געווען מלא חן.

זי האָט זיך אָבער געפילט עלנט, האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט איר פרייד. שעהען לאַנג נאָך דער אַרבעט איז זי געווען אַליין אין שטוב. מרדכי האָט געאַרבעט, פון אירע באַקאַנטע האָט זי זיך דערווײַטערט, מיט די שכנים האָט זי נישט אָנגעקניפּט קיין קאָנטאַקט. זי האָט עס צוליב געטאָן מרדכין. וועמען זי האָט אויסגעקוקט, אויף איר געוואַרט, דאָס איז געווען סטעלע. אָבער זי איז נישט געקומען.

דערפאַר בלײַבט רודל נישט איין מאָל זיצן אַ פאַרטראַכטע און אַ פאַרקוקטע אין איין פונקט. זי איז אַרײַנגעטאָן אין זיך. ווען זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן וואָס מיט איר קומט פאַר האָט זי זיך גענומען פאַרען. זי האָט געפּרעסט צי גאָר צונויפגעלייגט די וועש אין שאַנק.

אַ טאָג האָט געביטן אַ טאָג. מרדכי פאָרט יעדן טאָג קיין חיפה, אָפט אויך צוויי מאָל אַ טאָג מיטן „לעילאַנד" וואָס ער האָט געקויפט אַ געניצטן. דעם טאָג וואָס ער האָט באַשלאָסן פאָרן צוויי מאָל קײַן חיפה, גייט ער אַרויס פון שטוב ווען דער טאָג הייבט אָן גרויען און קומט אין שטוב בײַנאַכט. בדרך כּלל האָט רודל אויף אים געוואַרט, אָבער ווען זי איז געווען מיד איז זי שוין געלעגן אין בעט ווען ער איז געקומען. אים האָט דאָס אַלץ נישט אינטערעסירט. ווי נאָר ער איז אַרײַן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי אין שטוב איז אַלץ אין אָרדענונג, צי אין משך פון טאָג איז עפּעס נישט געשען. אַ צופרידענער האָט ער זיך אָפּגעטושט און געגאַנגען שלאָפן.

דערפאַר האָט ער אויפגעהערט קומען צו חיימען און במילא זיך

נישט געטראָפן מיט די טרעגערס און שאָפערן דאָרט. אָבער ווען ער טרעפט זיך מיט זיי, באַגריסט ער זיי פון ווײַטנס. ער זאָגט זיי אַלע שלום אָדער אַהאַלאָן און דאָס מיט אַן אויסגעשטראַמטן ברוסטקאַסטן. ער זאָל מאַכן אַ רושם. זיי האָבן אים געענטפערט, ווער מיט אַ שלום און ווער מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער, אָבער אַלע מיט אַן אָנגע־שטרענגט פנים. אַ סך פון זיי האָבן אויף אים געקוקט קרום, ווײַל ער איז אַוועק פון דער מחנה. אַ סך האָבן אים געשעצט וואָס ער אַרבעט זיך אַרויף, איז מצליח. ער האָט זיך מיט זיי איצט נישט געטראָפן, אָבער זיי האָבן אים באַרעדט און זיך דערציילט וועגן אים גוזמאות: אַז די אַרבעט איז פאַר אים נאַר אַ שילד, אַז ער איז העשקעס אַ שותף; אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מענטש, אַרבעט איבער די כוחות, וויל רײַך ווערן.

מיט די טרעגערס, וואָס האָבן פאַרלאָדן זײַן מאַשין אין פּאָרט און מיט די טרעגערס בײַ העשקען, וואָס האָבן אויסגעלאָדן די מאַשין, האָט ער נישט גערעדט. אַפילו ווען זיי האָבן אים געהייסן צופאָרן אָדער צוריקפאָרן מיט דער מאַשין, האָט ער זיי נישט געענטפערט ער האָט אויסגעפירט זייער פאַרלאַנג אָן חשק, ווי זיי זאָלן אים שטערן. ער איז גערן געשטאַנען מיט צעשטעלטע פיס און אַרומגעדרייט אַרום אַ פינגער דאָס קייטעלע פון די מאַשין־שליסלען. ער האָט זיך געשפילט און צוגע־קוקט ווי די מענטשן אַרבעטן. ער האָט אויך געגעבן באַפעלן: „איצט לאָדנט לינקס! לאָדנט פון ביידע זײַטן גלײַך! איך וויל זיך נישט איבער־קערן מיט דער מאַשין אין וועג...” אים האָט פשוט אַ הנאה געטאָן וואָס די מענטשן אַרבעטן און ער שטייט אין אַ זײַט און דיריגירט מיט זיי.

נישט איין מאָל ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט ער זיך דערזען אין די פּאַלעסיער וועלדער, ווי ער שיפט זיך מיט זײַן שיפל און קלויבט צונויף אין וואַסער די אַרומשווימענדיקע קלעצער. דעמאָלט האָט ער זיך געלאָזט גיין אין בופעט אַרײַן טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע. דאָס האָט אים צוריקגעגעבן די זיכערקייט, אַז ער באַזיצט אַ לאַסט־אויטאָ און די מענטשן אַרבעטן און נישט ער. ווײַל פירן אַן אויטאָ איז איצט געווען

פאַר אים די העכסטע דערגרייכונג. ער איז דערמיט געשטאַנען העכער ווי דער המון.

אויך ליפען האָט ער געמיטן. אין אַן אָוונט איז ליפע געגאַנגען מיט אַ זײַטיק געסל צו חיימען. ער האָט פון ווײַטנס דערקענט מרדכיס מאַשין און איז שטיין געבליבן, געוואַרט אויף אים. מרדכי איז אים פאַרבײַגע־פאָרן. ליפע האָט אים געגעבן סימנים, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. מרדכי איז געפאָרן ווײַטער ווי ער זאָל אים נישט זען און נישט הערן. ער האָט נישט געוואָלט געדענקען יענע צײַטן ווען ער האָט צוזאַמען מיט ליפען געריבניקט דזשאָרעס אויף די הייף.

גאַנץ אַנדערש האָט ער זיך באַצויגן צו העשקען. טראָץ דעם, וואָס ביידע זענען זיי געשטאַנען אין ים כמעט נאַקעטע, האָט מרדכי אים נישט געוואָגט רופן פון ווײַטנס ביים נאָמען צבי. ער איז צו אים צוגע־גאַנגען, אים געגעבן דעם כבוד וואָס עס קומט אַ גביר געזאָגט שלום און זיך פאַר אים פאַרנייגט. ווען צבי האָט זיך צו אים געוואָנדן צוליב עפּעס אַ סיבה, האָט מרדכי אים געענטפערט אויפן קול: יאָ, אַדון קעסלער!

צבי, אַ נידריקער, ברייטבייניקער פאַרשוין מיט אַ רויט פּנים, און אַ פליך ווי אַ טעלער, מיט גאָלדענע ציין און אַ קײַלעכיקן סיגנעט אויפן גראָבן פינגער. זײַן קאַפּעליוש האָט ער געטראָגן איבער די אויגן. אים האָט הנאה געטאָן מרדכיס באַנעמען זיך צו אים.

אָבער ווען זיי האָבן זיך געטראָפן און קיינער האָט זיי נישט געזען און נישט געהערט, האָט מרדכי אים אַ ווונק געטאָן מיט איין אויג און אים געזאָגט: יאָ, העשקע?... ווי ער זאָל אים פרעגן: איך בין אין אָרדענונג?

— ביסט אַ יאָט מיט רוכעס — האָט צבי אים געענטפערט און אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אָפּטע, ווען צבי רעדט מיט מענטשן וואָס אַמאָל האָט ער מיט זיי געאַרבעט אַלס געדונגענער, האָט ער שוין פון ווײַטנס גערופן מרדכין. ער האָט געוווסט, אַז מרדכי וועט אים ענטפערן אויפן קול: יאָ, אַדון קעסלער! די מענטשן זאָלן הערן ווער העשקע איז איצט. דערפאַר, ווען

עס איז אָנגעקומען אַ שיף מיט „דוב" איז מרדכי געווען צווישן די, וואָס האָבן געפירט דאָס האַלץ. דאָס האָלץ איז שווער. דאָס לאָדענען און אָפּלאָדענען האָט נישט געדויערט. מרדכי האָט געוווּנען צײַט און געמאַכט צוויי נאַגלעס אין זעלבן טאָג.

אין די אָוונטן, ווען מרדכי איז פרי געקומען אַהיים, האָט ער באַלד ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעסן, זיך אַוועקגעזעצט מאַכן חשבונות. ער האָט זיך בכלל נישט איבערגענומען וואָס רודל וואַרט ער זאָל אויף איר אַ קוק טאָן, איר שענקען אַ שמייכל. ער איז געווען צופרידן מיט זיך. ער איז אַן אייגנטימער פון אַ לאַסט־אויטאָ, מיט אַ סטאַבילער אַרבעט. ער האָט אַ געבילדעט ווײַב און וועט בקרוב אויך ווערן אַ טאַטע.

ער האָט כמעט יעדן אָוונט איבערגעקוקט די זעלבע רעכענונגען; וויפל ער האָט פאַרדינט ביי העשקען, וויפל ער האָט אויסגעגעבן און וויפל ער האָט אַרײַנגעלייגט אין באַנק. ער געדענקט אַלץ אויפן קאָפּ. נישט איין מאָל האָט ער זיך געקלאַפּט אין בויך אַרײַן מיט ביידע הענט. דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון זײַן פרייד און זיכערקייט, אַז ער וועט שוין נישט מוזן צוריק ווערן אַן אַרבעטער ביי יענעם.

רודל האָט פאַמעלעך זיך צוגעוווינט צו איר לאַגע. ס'האָט איר שוין נישט געאַרט ווען ער האָט איר געהייסן אים דערלאַנגען די שטובלאַטשן אָדער זי זאָל אויסשיטן דעם אַשנבעכער. זי האָט געוואָלט איר קינד זאָל געבוירן ווערן ביי צווייפגעלעבטע עלטערן. ווען זי האָט דערפילט אין זיך דאָס יונגע לעבן, איז זי געבליבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. יעדעס מאָל, ווען זי האָט דערפילט ווייטיקן האָט זי געוואַרט, ער זאָל צו איר צוגיין, זי אונטערהאַלטן, איר פאַרגרינגערן. ער אָבער, מיט דעם סיגאַר אין מויל, וואָס האָט קוים געטליעט, איז געווען פאַרטאָן אין זײַנע ציפערן, וואָס ער האָט שוין געדענקט אויסנווייניק. אין די מאָמענטן האָט זי זיך געגנייטיקט אין סטעלען, איר נאָענטסטע חברטע. זי האָט אָבער נאָר אָפּגעזיפצט. ער האָט דאָס אַלץ נישט געהערט און נישט געזען. אַפילו ווען ער האָט שוין יאָ אויף איר אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן, איז ער נישט צו איר צוגעגאַנגען. ער האָט נישט געוואָלט זי צערטלען, זי זאָל נישט קומען צו אים מיט פאָדערונגען.

אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג, די לופט איז געווען אָן אָנגעדראָלטע, מען האָט זי געקאָנט ווי אָנטאָפּן. דער הימל איז געווען גרוי ווי אָט, אָט זאָל אַראָפּ אַ רעגן. אָבער דאָס איז געווען נאָר דער אָנזאָג, אַז די נאַכט וועט זיין אַ פאַרנע און דער מאָרגנדיקער טאָג אַ חמסיניקער. רודל איז געגאַנגען פּאַמעלעך טריט נאָך טריט. זי האָט דעם גאַנצן טאָג זיך געפילט שלעכט, אָבער נאָך מיטאָג האָבן זי די כוחות אָפּגעלאָזט. זי האָט ביז איצט נישט געזאָגט דער קליפּשטיין אַז זי איז אין אומשטענדן. זי האָט זיך געשעמט עס איר צו זאָגן, אָבער די קליפּשטיין, אַ פרוי מיט לעבנס־דערפאַרונג האָט עס געזען און געשוויגן. זי האָט אויך פאַרשטאַנען רודלס באַנעמען זיך. אַ יונגע פרוי, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל שוואַנגער. זי האָט דעם טאָג די גאַנצע צייט אָבסערווירט רודלען. ווען זי האָט דערזען, אַז רודלען קומט שווער אָן דאָס אָטעמען, האָט זי, אַ צוריקגעהאַלטענע, איר געזאָגט: רודל, גיי אַהיים. מאָרגן וועסטו זיך פילן בעסער, וועסטו קומען...

רודל, אַ פאַרשעמטע (זי האָט געמיינט, אַז די קליפּשטיין זעט נישט ווי זי פילט זיך) האָט אַ שטאַמל געטאָן: ווער וועט אַרבעטן?

— זאָרג נישט, כ׳וועל זיך אַן עצה געבן... און באַלד צוגעגעבן: גיי טאָכטער, גיי.

רודל האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. זי האָט גענומען איר יעקעלע און די איינקויף־טאַש, שטיל געזאָגט שלום און איז אַוועק.

רודל איז געגאַנגען פּאַמעלעך. זי האָט נישט געוואָלט פאָרן מיטן אויטאָ ווייל זי האָט געוואָלט אויפן וועג איינקויפן. זי האָט אין עטלעכע קראָמען אויפן וועג געקויפט נאָר עטלעכע קלייניקייטן. דאָס גיין האָט איר גוט געטאָן.

אין ראָג געסל, וווּ זי וווינט, איז זי אַרויס פון דער שפּייז־קראָם, געוואָלט גיין ווייטער. זי איז אָבער שטיין געבליבן אַ געפּלעפטע. איר איז אַקעגנגעגאַנגען סטעלע. אויך סטעלע איז שטיין געבליבן אַן אויפגעטרייסלטע.ביידע זענען זיי געשטאַנען און זיך באַטראַכט. סטעלע האָט געטראָגן אַ קרעם זומער־קאָסטיומל, רודל אַ ראָזע, פונאַנדערגעלאָזט קלייד. זיי זענען זיך געפאַלן אין די אָרעמס און זיך געקושט.

— וואָס מאַכסטו? ווי לעבט זיך דיר? לאַנג זיך נישט געזען... האָט סטעלע די ערשטע געפרעגט.

— יאָ, — האָט רודל איר געענטפערט און באַדויערנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

סטעלעס רייד האָבן רודלען פּלוצים דערמאָנט די נאַכט, וואָס זי האָט איבערגענעכטיקט בײַ סטעלען און זי איז פון איר אַוועק פאַרטאָגס מיט אַ טרוקענעם „שלום". זי האָט אָבער איר געענטפערט:

— איך האָב חתונה געהאַט.

— איך ווייס. איך בין דיר שולדיק אַ מזל־טוב — האָט זי איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און אַ גלעט געטאָן אַ באַק, געפרעגט ווי זי פאַרברענגט. אין איר אַרט פרעגן האָט זיך געפילט סאַרקאַזם.

רודל האָט פאַרשטאַנען איר פראַגע, האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט איר זאָגן ליגן, האָט זי געזאָגט שטיל:

— איך שוואַנגער...

סטעלע איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל אָבער נאָך אַ מינוט האָט זי טיף אָפּגעעטעמט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ גרילץ פון אײַנגעהאַלטענע ברעמזן. אַ טראַסק פון אַן אויפגעפּראַלטער אויטאָ־טיר און אַ געשריי:

— קום אַרײַן!

רודל האָט אויפגעעציטערט פון אימה און אָן צו זאָגן אַ וואָרט געלאָזט שטיין סטעלען, איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעקלעטערט אויף מרדכיס לאַסט־אויטאָ. מרדכי האָט פאַרהאַקט די טיר און אַוועקגעפאָרן.

סטעלע, אַן אויפגעטרייסלטע, איז מיט געאײַל אַוועק, ווי מען זאָל זי נאָכיאָגן.

12

דער הימל איז גרוי און שווער געהאָנגען איבער דער שטאָט. די לופט איז געווען פײַכט. געדיכטע טראָפּנס רעגן האָבן געצוואָגן די הײַזער און די אַספאַלטן.

בײַ מרדכין און רודלען אין דער דירה איז אויך פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג. אין צימער, וווּ עס שטייט זייער סאָפֿע איז צוגעקומען אַ קינדער־בעטל. אין וועלכן עס ליגט זייער נאָר־וואָס געבוירן ייִנגעלע בעני. זײַן בעטל שטייט אין ווינקל. רודל קאָן פֿון איר געלעגער זען דאָס קינד. בעני איז אַ גרויס קינד מיט אַ ווייכע ווי סאָמעט הויט. זײַן קעפּל איז באַוואַקסן מיט געדיכטע שוואַרצע הערלעך. ער האָט גרויסע, ברוינע אויגן, ווי רײַפֿע קאַרשן און אַ קליין מײַלעכל.

רודל טרעט פֿון אים נישט אָפּ. זי האָרכט, צי ער וויינט נישט, צי אים איז נישט נאַס און צי ער אָטעמט. זי זאָרגט, פֿאַר וואָס ער גענעצט. אפֿשר איז ער הונגעריק? אָבער האָט מורא אים אָנקאָרמען. זי וואַרט אויף דער שעה ווען ער דאַרף עסן. זי שטייט און באַטראַכט, צו וועמען ער איז ענלעך, צו אים אָדער צו איר? איר האָט זיך נישט געגלייבט, אַז זי איז די מאַמע פֿון דעם זון.

רודל האָט אין משך פֿון דער שוואַנגערשאַפֿט גאָרנישט פֿאַרלאַנגט פֿון מרדכין. זי האָט נאָר געוואָלט בשלום איבערקומען די געבורט. זי האָט מורא געהאַט און נישט געהאַט פֿאַר וועמען זיך צו פֿאַרטרויען. יעדעס מאָל, ווען זי האָט אַ קלער געטאָן וועגן סטעלען, זענען אירע אויגן־ווינקלען נאַס געוואָרן.

אַ פֿאַרטאָגענע אין אירע אַרבעטן האָט זי פֿון מאָל צו מאָל אַ זאָג געטאָן זיך: אַ פּיצל דירה, עס וועט נישט זײַן וווּ אַהינצוטאָן זיך. מרדכי מיט זײַנע עלנבויגנס איבערן טיש אַן אַרײַנגעטאָענער אין זײַנע רעכענונגען, האָט געהערט איר טענה וואָס איז געווען געוואַנדן צו אים. אָבער ער האָט איר אָנגעוויזן דעם קליינעם באַלקאָן, וואָס ער האָט פֿאַרגלאָזט.

אַן איבעראַשטע האָט זי אַ שטאַמל געטאָן:

— פֿאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָן?...

— זאָלסט זיך האָבן וווּ אַהינצוטאָן... האָט ער איר געענטפֿערט מיט גאווה.

— אויף מער שטייט דיר נישט אָן? — האָט זי אים געפֿרעגט סאַרקאַסטיש.

— וואָס, אונדזער דירה איז נישט גענוג גרויס? בײַ מײַנע טאַטע־

מאַמע האָבן זיך אין איין צימער געהאָדעוועט אַ כאַפּטע קינדער. יעדעס יאָר איז צוגעקומען נאָך איינס און קיינעם איז נישט געווען ענג...

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען. זי איז שנעל צו אים צוגעגאַנגען.

זי האָט דאָס אַלץ נישט געוואָלט געדענקען. זי איז געווען גליקלעך מיט איר זון. זי האָט אים אָנגעזויגן, געפּלעגט און געניאַנטשעט, אים געטוליעט צו זיך און געקושט זײַן קעפּל. עס איז גענוג געווען, איר זאָל זיך דאַכטן, אַז דאָס קינד האָט אויף איר געקוקט און איר איז הייס געוואָרן, זי האָט געקאָנט שטיין ווי לאַנג בײַם בעטל, צו אים רעדן און לאַכן: אַ־יאָ דו ביסט שיין, אַ־יאָ דו ביסט באַחנט, אַ־יאָ איך האָב דיך ליב ווי די וועלט און דו ביסט מײַן קינד...

זי האָט נישט פאַרגעסן ווי אַזוי מרדכי האָט זיך אויפגעפירט ווען זי האָט געדאַרפט געבוירן און ווען זי האָט געבוירן. ווי אַזוי ער האָט זיך געפירט אין דער קאַבינע פון זײַן לאַסט־אויטאָ. זי איז געזעסן אַן איינגעקאָרטשעטע פון ווייטיק און בושה; ווי אַזוי ער איז צו איר אַרײַנגעפאַלן אין שפּיטאָל אין די אַרבעטס־קליידער אויף אַ מינוט; ווי אַזוי ער האָט איר דערלאַנגט ווי אַ בעזעם דאָס בינטל בלומען וואָס ער האָט געקויפט אין גאַס: ווי אַזוי ער האָט אײַנגעאָרדנט דעם ברית אין שפּיטאָל: ער האָט צונויפגענומען עטלעכע ייִדן, דער מוהל האָט געמאַכט די ברכות און געטאָן זיין טועך. ער האָט די ייִדן דערלאַנגט שטיקלעך לעקעך און ווי דערלאַנגט דאָס פלעשל ווײַן וואָס ער האָט מיטגעברענגט, זיי זאָלן זיך מכבד זײַן. רודלען האָט ער געזאָגט „זײַ געזונט" און איז אַוועק.

זי האָט אים אויך נישט מוחל געווען וואָס ער האָט זי געלאָזט אַרבעטן כמעט ביז זי האָט נישט געקאָנט מער. זי האָט אויף אים אויך געהאַט אַ האַרץ פאַר וואָס ער האָט נישט פאַרבעטן די קליפּשטיין, כאָטש צום ברית. זי האָט כסדר זיך דערמאָנט ווי אַזוי זי איז אַוועק פון דער אַרבעט און ווי קאַלט זי האָט זיך געזעגנט. ווי די קליפּשטיין האָט איר נאָכגעזאָגט: „עס זאָל גוט זײַן"... ווי אַזוי זי האָט פון בושה און מורא אָנגעשטעלט, אַז זי הערט נישט וואָס זי זאָגט איר.

מרדכי האָט געאַרבעט פון גאַנץ פרי ביז אין דער נאַכט אַרײַן. אָבער

אויפן גראָשן איז ער געווען קאַרג. רודלען געלט האָט ער געגעבן נאָר ווען זי האָט ביי אים געבעטן און זי איז קוים אויסגעקומען. ער איז איצט געווען געלאַסענער. זיינע טריט און זיינע באַוועגונגען זענען געווען פּאַמעלעכערע, זיין פּנים אָנגעשטרענגט. דער שטערן צעקנייטשט, מיד פון נאַכטראַכטן ווי אַזוי ער קאָן נאָך מער פאַרדינען. זיך אַרויפאַרבעטן. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער עס געגעבן צו פאַרשטיין רודלען. ער האָט אויפגעפּאַסט אויף זיין כבוד און אים געזוכט אַפילו דאָרט, וווּ ער האָט אים נישט דערגרייכט.

ווען ער איז פאַרפאָרן מיט זיין פאַרלאָדענעם אויטאָ, האָט ער אים אָוועקגעשטעלט, די טרעגער זאָלן אים אויסלאָדענען. ער איז אַריין אין ביוראָ, זיך אַוועקגעזעצט אָן באַוועגונג, ווי אַ מומיע, געענטפערט מיט אַ קאָפּ־שאָקל יאָ אָדער ניין. ווען די מענטשן אין ביוראָ האָבן געלאַכט פון אַ וויץ אָדער פון אַ רכילות, איז זיין פּנים געבליבן אַ מאַסקע. ער האָט אויפגעפּאַסט אויף יעדן וואָרט וואָס מען האָט געזאָגט, צי מען רירט נישט אָן זיין כבוד. וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען, האָט ער אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן מיט חשד צי דאָס איז נישט געווענדט קעגן אים. מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל, האָט ער געוואָלט וויסן, צי יענער ווייסט ווער ער איז, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס ער טוט, ווייל זיין אָפּשטאַם איז פאַר אים געבליבן אַ קאָשמאַר.

לעצטנס, ווי נאָר ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם אויטאָ, מען זאָל אים אויסלאָדענען, איז ער אַוועק אין גאַס. ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן אין האַנדלסצענטער, געקוקט און באַטראַכט די געשעפטן, צי עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז אויך ער זאָל קאָנען אַריין אין מסחר, ער זאָל מער נישט האָבן צו טאָן מיט די טרעגערס און שאָפערן.

זיין שטרעבן איז געווען זיך דעראָבערן אַ פאַרמעגן. אויך זיין זון און ווייב זענען ביי אים געווען אַ טייל פון זיין האָב און גוטס. אין שטוב ביי זיך איז ער געווען דער טאָן־געבער, אָבער זיך אין גאָר נישט געמישט. דאָס זענען געווען זיינע ווייבס ענינים. ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע רעכענונגען, מיטן לעקסיקאָן און זיינע פּריוואַטע באַדערפענישן. שבת, דער טאָג, וואָס ער איז געבליבן אין שטוב, איז פאַר אים געווען

אַן אָפּקומעניש. רודל האָט אים אַלץ דערלאַנגט און זיך אויך פֿאַרנומען מיטן קינד. אָבער ער איז געבליבן מיט זיך און נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. רודל האָט עס געזען. ווען זייער יינגעלע האָט זיך איבער־געוועקט האָט רודל אַ רוף געטאָן: „מרדכי, קום אַהער!" זי האָט אים געוואָלט פֿאַרגרינגערן זײַן געמיט.

— וואָרט אונטער, איך וועל שוין קומען! האָט ער איר געענטפֿערט. זי האָט נישט געוואָרט בֿאַר אים צוגעטראָגן דאָס קינד ער זאָל עס נעמען. ער האָט זיך אָפּגערוקט און איר געזאָגט: איך קאָן אים נאָך צעקוועטשן אין די הענט.

— זע, ווי דאָס קינד קוקט אויף דיר — האָט זי געוואָלט אויף אים משפּיע זײַן. אָבער ער האָט נאָר מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. זי איז צוריק אַוועק מיטן קינד.

אין אַ נאָכמיטאָג, דאָס קינד איז געשלאָפֿן, רודל איז געלעגן אין די מלבושים אויף דער סאָפֿע און געלייענט. די שטילקייט אין שטוב האָט געקלונגען אין די אויערן. מרדכי האָט פֿון לאַנגווײַל כסדר געפּרוּווט דרימלען זיצנדיק, אָבער נישט מצליח געווען. פֿון מאָל צו מאָל האָט ער אַרײַנגעקוקט אין זײַן לעקסיקאָן. אָבער ווען דאָס אַלץ איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער אַ זאָג געטאָן רודלען, ווי ער זאָל רעדן אין רוים אַרײַן „איך קום באַלד צוריק".

מרדכי האָט געשפּאַנט אַן אויסגעשטראָמטער מיטן בויך פֿאָרויס און אַ ברייטן טריט, די הענט פֿאַרלייגט פֿון הינטן, באַטראַכט די מענטשן און די געשעפֿטן, אָבער אין דער פֿאַנטאַזיע האָט ער געזען די אַמאָליקע שאַפֿערן און טרעגערס און אויך געפֿילט די ריחות פֿון די געפֿילטע פֿיש און דעם טשאָלנט מיט קישקע. עס האָט אים געצויגן צו חיימס רעסטאָראַן, אָבער ער איז אַהין נישט געגאַנגען. ער האָט געהיטן זײַן רענאָמע.

ער איז אַרײַן אין אַ קאַפֿע, האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ אַ ליידיק טישל און באַשטעלט אַ שוואַרצע קאַווע. ווען דער מיטלוווּקסיקער קעלנער האָט פֿאַר אים אַוועקגעשטעלט די קאַווע, האָט מרדכי אַרויסגעצויגן פֿון אַ טאַש אַ באַנקנאָט און אים אַרײַנגעשטופּט דעם קעלנער אין האַנט. די קאַווע איז געשטאַנען און זיך געקילט. מרדכי האָט באַטראַכט די עטלעכע

געסט און אַרויסגעקוקט אין גאַס. די שטילקייט האָט אים געגודעט, די מענטשן זענען אים געווען פרעמד. ער האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף מאַנעקינען. ער איז אָפּגעזעסן אַ צײַט און מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט שנעל מיט איין שלונג אויסגעטרונקען די קאַווע און איז צוריק אַוועק אַהיים.

אין שטוב, ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, איז ער שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט ווי שטענדיק, צי רודל וועט זיך פאַר אים נישט קלאָגן אָדער בונטעווען. ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שטערונגען. דערפאַר, ווען רודל האָט אויפגעהויבן אין דער הויך דאָס קינד, אַן איינגעהילטס אין באַד־לײַלעך און עס אים געוויזן, איז ער צוגעגאַנגען און איר געזאָגט, אַז דער בענאַק איז ענלעך צו איר... ער האָט גענומען דאָס פענדל וואַסער און איז אַוועק עס אויסגיסן. זי האָט געשטראַלט פון פרייד.

זי האָט געליטן און געשוויגן און אַלץ אים מוחל געווען. זי האָט געגלייבט, אַז זי איז גליקלעך. זי איז נאָך שענער געוואָרן, שלאַנקער. אירע באַקן זענען געווען פאַררויטלט. ער איז נישט איין מאָל שטיין געבליבן און זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ. אָבער אַ גוט וואָרט האָט ער איר נישט געזאָגט. די פרייד פון אַ מאַמען וואָס האָט אַ געראָטענעם זון, איז בײַ איר געווען פאַרמישט מיט אומעט. זי האָט שוין גוט געקענט זײַן טרוקענעם כאַראַקטער וואָס וויל נאָר דעראָבערן און הערשן. אָבער זי האָט אויך געשעצט זיין פלײַסיקייט.

מרדכי איז טאָג־נאָך־טאָג געפאָרן פון תל־אביב קיין חיפה און צוריק. ער זאָל אַהין נישט פאָרן ליידיק איז ער געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט עטלעכע טראַנספּאָרט־ביוראָען. ער האָט יעדעס מאָל בײַ איינעם פון זיי גענומען לאַדונג אין פאָרט אַרײַן.

אין אַן אָוונט, ווען ער האָט געוואָרט אין דער ריי די טרעגערס זאָלן אויסלאָדענען זײַן אויטאָ האָלץ, וואָס ער האָט געבראַכט פון חיפה, איז זבולון פאַרבײַגעגאַנגען, האָט אים געזאָגט שלום. מרדכי, אַן איבער־גענומענער האָט צוריק באַגריסט זבולונען און רופנדיק אים האָט ער מיט דער האַנט אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל זיך אומקערן.

זבולון איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער, אָבער געגאַנגען צוריק. מרדכי איז אים געגאַנגען אַנטקעגן, האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אים אַוועקגעפירט אין אַ זײַט און אים ווי אײַנגערוימט: „זבולון, איך וויל פון דיר מאַכן אַ לײַט, אויב דו וועסט נאָר וועלן...״

זבולון, אַ מיטלוווקסיקער ברייטבייניקער, נאָר אַ דאַרער פאַרשוין, איז געווען אַ ייִד ביי די פערציק און אַ קאַוואַליר. ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט זײַן אַלטער מאַמען און זי אויסגעהאַלטן. ער איז געווען אַ געניטער שאַפער און געאַרבעט בײַ יענעם. ער האָט געטאָן די זעלבע אַרבעט וואָס מרדכי.

מרדכי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי עס הערט זיי ווער נישט אונטער און זיך צו אים אַ ווענד געטאָן:

— זבולון, דו ביסט אַן אייגענער יאַט; איך האָב צו דיר צוטרוי. איך גיב ס׳געלט און מיר קויפן אַ לאַסט־אויטאָ. דו וועסט ממשיך זײַן פירן האַלץ און נעמען געהאַלט, מיטן ריווח וועלן מיר זיך טיילן. מיט דײַן ריווח וועסטו מיר אויסצאָלן דעם חוב אויפן האַלבן אויטאָ און מיר וועלן זײַן גלײַכע שותפים...

די לעצטע ווערטער האָט ער ווי אויסגעשריגן און זבולונען אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. מרדכי האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט, געוואַרט אויף ענטפער.

זבולון איז געבליבן אַן אומבאַהאָלפענער. פון איבעררראַשונג האָט ער נישט געקאָנט רעדן. אָבער מרדכי האָט אים נישט געלאָזט צו זיך קומען.

— האַ, זבולון? דײַן קאָפּ וואָלט זיך נישט דערטראַכט צו אַזאַ אויפטו? קלאַפּ אײַן דאָס פינפטל!...

זבולון, ווי מרדכי זאָל אים האָבן אויפגעמונטערט, האָט אים אויס־געשטרעקט די האַנט און עס האָט זיך דערהערט אַ פּליאַסק פון צוויי אײַנגעקלאַפּטע האַנטפלאַכן. אָבער זבולון איז ווײַטער געשטאַנען. זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נאָך נישט באַנומען דאָס געשעעניש און אפשר אויך נישט געגלייבט אַז דאָס איז ווירקלעכקייט.

מרדכי, וואָס האָט פון אים נישט אָראָפּגענומען די אויגן, האָט פאַר־שטאַנען זײַן מורא און האָט אים מיט גאווה אַ זאָג געטאָן:

— מיט מזל און ברכה!

— מיט מזל און ברכה! — האָט זבולון אים געענטפערט ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער.

— זבולון, באַלד מאָרגן פעדעמען מיר אײַן און דער ענין וועט גיין אַ גאַנג — האָט מרדכי אויסגעשטרעקט אַ פינגער אין דער הויך, ווי ער זאָל אים וואָרענען, אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געזאָגט: אַ גוטן אָוונט! און איז אָוועק.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט זבולון אים נאָכגעזאָגט און געגאַנגען זײַן וועג.

13

דער ווינטער איז אַ פונאַנדערגעטיילטער. עטלעכע טעג רעגנט שטאַרק, עטלעכע טעג איז אויסגעלײַטערט. די לופט איז דעמאָלט אַ ווינטיקע און טרוקענע. פון מאָל צו מאָל פּרוּווט אויך די זון אַפּירקריכן פון הינטער די וואָלקנס.

שוין עטלעכע וואָכן ווי מרדכי האָט זיך געטראָפן מיט זבולונען. זבולון אַרבעט אויף זייער בשותפותדיקן „פאָרד". זיי האָבן אים געקויפט אַ געניצטן נאָר נאָך אַן אָוועראַל. צוויי־דרײַ מאָל אין דער וואָך מאַכט אויך זבולון צוויי נאַגלעס אַ טאָג: ער אַרבעט אַ סך, וויל וואָס שנעלער אָפּצאָלן מרדכין דעם חוב.

מרדכי טוט זײַן אַרבעט, פאָרט תל־אביב—חיפה, אָבער שוין איין מאָל אין טאָג. ער קאָן עס זיך איצט דערלויבן — זבולון אַרבעט שוין פאַר אים. ער מײַדט איצט נישט נאָר זײַנע גוטע ברידער פון אַמאָל, נאָר אויך די סוחרים פון דער הגשר־גאַס. זיי אַלע זענען אים איצט נישט נייטיק. זיי קאָנען אים נאָר שטערן. ער איז איבערצײַגט, אַז זיי אַלע ווייסן וועגן זײַן שותפות מיט זבולונען, אַז זיי באַרעדן אים און פאַר־

גיבֿען אים נישט. ער האָט זײַן שותפות מיט זבולונען געהאַלטן בסוד און אויך נישט דערציילט רודלען. ער האָט נישט געוואָלט רודל זאָל מיינען, אַז ער ווערט נתעשר. בכלל היט ער זיך פֿאַר אַ שלעכט אויג.

נאָך דער אַרבעט איז ער נישט געגאַנגען אַהיים כאָטש ער ענדיקט איצט פֿרי. ער טראָגט שוין איצט נישט זײַנע בלויע אַרבעטס־קליידער נאָר אַ האַקי־אַנצוג און אַ העמד מיט אַן אויסגעלייגטן קאַלנער.

יעדן אָוונט כמעט האָט ער זיך געשלײַכט נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל איבער די זעלבע גאַסן אין האַנדלס־צענטער אין דרום פֿון שטאָט. ער האָט געלייענט די שילדן, אַרײַנגעקוקט אין די געשעפֿטן און ביוראָען, געוואָלט זען וואָס מענטשן טוען און זיך געגרייט טאָן דאָס זעלבע: זיצן אין אַ ביוראָ אָדער אין אַ געשעפֿט. אָבער ער האָט כסדר זיך געזאָגט שטיל: „דאָס איז נישט מײַן פֿאַך" און באַטראַכט זײַנע גרויסע, שטאַרקע הענט.

שוין עטלעכע טעג ווי ער קומט און קוקט ווי עס פּראָספּערירט די טעקסי־ליניע „שירות ירושלים". ער איז געשטאַנען און געציילט די פּאַסאַזשירן און געמאַכט זיך דעם סך־הכל, אַז דאָס איז אַן אונטערנעמונג וואָס טראָגט אַרײַן. אָבער צום סוף האָט ער זיך אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול: גיי און האָב צו טאָן מיט אַזויפֿיל שותפים... ער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ מיט אַלע פֿינגער פֿון דער האַנט און זיך אומגעקוקט, צי עס האָט ווער געהערט וואָס ער האָט געזאָגט.

אַ מידער פֿון אַרומשלעפּן זיך איבער די גאַסן איז ער יעדן אָוונט ווי אַרײַנגעפֿאַלן אין „לובריז". דאָס קאַפֿע־הויז האָט געווימלט מיט מענ־טשן. אַרום די טישלעך זענען געזעסן סוחרים, מעקלערס און סתם מענטשן. זיי האָבן גערעדט הויך און אײַנגעטענהט איינער מיטן אַנדערן. אַלע האָבן זשעסטיקולירט מיט די הענט און זיך געשושקעט. די אַטמאָספֿער איז אים געווען צום האַרצן כאָטש די מענטשן זענען אים געווען פֿרעמד. ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין באַקאַנטע. אָבער ער האָט באַשלאָסן זיך צו זיי דערנענטערן. ער האָט דורך זיי געוואָלט אַרײַן אין דער וועלט פֿון מסחר. שטײַגן נאָך אַ שטאַפּל העכער, ווערן אָנגעזען.

אין איינעם אַן אָוונט, אין דרויסן האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אַ דינער

רעגן, וואָס האָט אַדורכגענומען. דער סיגאַרן־רויך איז געהאָנגען אין דער קאָפּע ווי אַ טומאַן. מרדכי, אַ פּאַרמאַטערטער פון אַרומשלײַכן זיך איבער די גאַסן, איז אַריבער די שוועל. ער איז שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט ווו ער קאָן זיך אַוועקזעצן. בײַ אַ טישל אין דער זײַט זענען געזעסן דרײַ ייִדן, וואָס ער האָט אָפּט זיי געזען דאָ. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען, זיי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיי געפרעגט, צי ער קאָן זיך צו זיי צוזעצן. דער הויכער באַברילטער ייִד מיט אַ גרויען קאָפּ, לאַנג, שמאָל פּנים און קליין גרוי וואָנסעלע האָט אים געזאָגט „ביטע". מרדכי האָט זיך צוגעזעצט און זיי צווויסן געטאָן, „עס רעגנט שוין ווידער". קיינער פון די דרײַ האָט נישט געלייגט קיין אַכט וואָס ער האָט געזאָגט. מרדכי איז זיצן געבליבן ווי דער פאָדעם פון דער נאָדל זאָל זיך אים האָבן אויסגעפעדעמט. ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל זאָגן ווײַטער. דערזעענדיק דעם קעלנער, האָט ער אים שוין פון ווײַטנס אַ זאָג געטאָן: אַ שטאַרק און אַ הייס גלאָז טיי. די דרײַ ייִדן בײַם טישל האָבן זיך אונטערגעהויבן, זיך ווי צוזאַמענגערוקט, געמאַכט מרדכין פּלאַץ בײַם טישל. ווען דער קעלנער האָט פאַר אים אַנידערגעשטעלט אַ גלאָז טיי, האָט מרדכי עס אַרומגענומען מיט בײדע הענט ווי ער זאָל זיך דערין וואַרעמען.

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע מיטזיצערס, געוואָלט דערגיין ווער זיי זענען. אַלע דרײַ האָבן געשוויגן. מיט אַ מאָל האָט מרדכי אַ פרעג געטאָן דעם הויכן באַברילטן ייִד:

— וואָס טוט אַ ייִד?

דער ייִד האָט אים אָנגעקוקט און געמורמלט. אַז ער האָט אַמאָל געפירט גרויסע געשעפטן... און עטלעכע מאָל אַ שנופּ געטאָן מיט דער נאָז.

— אַזוי, אַמאָל... האָט מרדכי ווי געשפּעט פון אים.

דער ייִד האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ אַ באַליידיקטער. זײַנע ברילן־גלעזער זענען פײַכט געוואָרן.

— און וואָס טוט דער ייִד? — האָט מרדכי שוין דרײַסטער אַ פרעג געטאָן דעם ייִד וואָס איז געזעסן אים אַנטקעגן.

— איך בין אַ בוי־אונטערנעמער, רעסטאַווריר דירות, — האָט דער נידריקער דאַרער ייִד אים געענטפערט.

— דאָס הייסט, איר מאַכט פּאַטשינקעס ? — האָט מרדכי אים געפרעגט מיט סאַרקאַזם. דער ייִד האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז יאָ. איצט האָט מרדכי נאָר אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַ ווענד געטאָן צו דעם דריטן ייִד נאָר מיט אַ בליק. ווי אים וואָלט זיך שוין נישט געלוינט רעדן.

— איך האָב נאָך נישט באַשלאָסן אײַך זאָגן מיט וואָס איך פּאַרנעם זיך — האָט דער דיקלעכער ייִד. מיטן קײַלעכיקן קאָפּ אים געענטפערט. ער האָט פאַרשטאַנען מיט וועמען ער האָט צו טאָן.

מרדכי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן אָן אומבאַהאָלפענער. ווען ער האָט דערזען דעם קעלנער האָט ער אים אַ רוף געטאָן: קעלנער! ער האָט אים אַרײַנגעשטופּט אַ מטבע אין האַנט און ער איז אַוועק פון טיש אָן אַ שלום. דער הויכער באַברילטער ייִד האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו זײַנע צוויי מיטזיצערס: ווי געפעלט אײַך אַזאַ מין אָנשיקעניש? ביידע ייִדן האָבן אים פּאַטאַקעוועט מיט אַ קאָפּ־שאָקל.

אויף דער גאַס האָט מרדכי זיך אַ זאָג געטאָן: בטלנים! און איז אַוועק.

נאָך לאַנגע זוכענישן און נאָכטראַכטן האָט מרדכי באַשלאָסן, אַז ער דאַרף זיך נישט אַרײַנלאָזן אין קיין אַוואַנטורעס. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מסחר איז פאַר אים אַ פרעמד געביט. זײַן אינסטינקט האָט אים דיקטירט, אַז אַלץ וואָס ער זאָל נישט טאָן, מוז עס זײַן פאַרבונדן מיט זײַן פאַך, אויב ער וויל נישט פטרן זײַנע פאַרהאָרעוועטע פאַר גראָשן.

מרדכי האָט נישט מוותר געווען אויף זײַנע פּלענער און אין איינעם פון די טעג איז ער אַוועק אין שכונת שאַפּיראַ. דאָרט האָט יצחק געאַרבעט אַלס שאַפֿער אין אַ רערן־מאַגאַזין. מרדכי האָט אים אָפּגעזוכט בײַ ראובקען אין בופעט. דער בופעט איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ לאַנגן טיש און צוויי בענק. אויף אַ שטול אין דער זײַט זענען געשטאַנען: אַ פּרימוס, עטלעכע גלעזער און שעלעכלעך. ראובקע איז געווען אַ מיטל־

וווקסיקער מאַן מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און אַ געלע, נישט ראַזירטע באָרד. ביידע, ראובן מיט יצחקן האָבן געשפּילט אַ דאַמקע.

מרדכי איז שטיין געבליבן אין דער טיר. „ברוך הבא!" האָט יצחק אים אַ זאָג געטאָן ווי נאָר ער האָט אים דערזען. זיי האָבן זיך געקענט. מרדכי האָט פאַרגרינצלט ס'פּנים פון פרייד.

— ראובקע, מיר רײַסן איבער די פּאַרטיע און גרייט צו צוויי טער־קישע — האָט יצחק געזאָגט.

ראובקע האָט צונויפגענומען די דאַמקע־קלעצלעך און איז אַוועק זיך פאַרען. מרדכי האָט זיך צוגעזעצט צו יצחקן.

— וואָס מאַכט אַ ייִד? — האָט מרדכי אים געפרעגט.

— מען מאַכט אַ לעבן, — האָט יצחק אים געענטפערט און זיך אין אים אײַנגעקוקט. זײַן שאַרפער ווי שטאָל בליק איז געווען פול פראַגע און דערוואַרטונג. מרדכי האָט זיך צו אים צוגעבויגן און אים ווי אײַנגערוימט: יצחק, איך וויל מיר זאָלן ווערן שותפים... יצחק האָט זיך איבערגעבויגן און אַן איבערראַשטער אים אָנגעקוקט. מרדכי האָט איבערגעלייגט זײַן אָרעם איבער יצחקס אַקסלען, אים צו זיך צוגעצויגן און ממשיך געווען: „יצחק, דו ביסט אַ פאַכמאַן און אַן אַרבעטס־מענטש און דו זמאַרגעוועסט זיך — האָט מרדכי גערעדט מיט אַ שטילן פּאַטאָס.

ראובקע האָט זיי צוגעטראָגן די קאַווען. יצחק האָט אים אַ לײַכטן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אים געדאַנקט. ביידע האָבן אַ זופּ געטאָן פון געטראַנק.

מרדכי האָט זיך אַ שאָקל געטאָן ווי ער זאָל דאַווענען און זיך צערעדט:

— יצחק, איך קען דיך, דו מיך אוודאי. איך ווייס צוליב וואָס דו ביסט געקומען פון גליל אַהער. יצחק, איך וויל דיר העלפן. דו ביסט אַ מענטש אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

יצחק איז געזעסן מיט פאַרמרוזשעטע אויגן און געהערט. מרדכי האָט אָפּגעאָטעמט און ממשיך געווען:

— יצחק! הער זיך צו, נאָר מיט קאָפּ. דו וועסט אַרבעטן בײַ מיר,

אויף מײַן מאַשין. דו װעסט זיך נישט איבעראַרבעטן און בעסער פאַר־דינען װי בײַ אפרימען אויפן טענדער.

יצחק האָט אַ בלאָז געטאָן פון זיך װי פון אַ בלאָז־זאַק און געשװיגן. ער האָט זיך איבערגעלײגט דעם פאָרשלאַג. אַ װײַלע שפּעטער האָט ער זאָג געטאָן:

— מסכים!

מרדכי האָט גוטברודעריש אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלײצע, צו אים זיך צוגערוקט און װידער אין אים אַרײַנגערעדט, װי געװאָרנט: „יצחק, דו היטסט די מאַשין װי זי זאָל זײַן דײַנע. מאַכסט נישט קײן זײַטיקע פאַרדינסטן. די ערשטע חדשים װעסטו בײַ מיר נאָר נעמען אַ דערװיף, זאָלסט האָבן אויסצוקומען. דער אָפּמאַך װעט דױערן ביז דו װעסט שטײן בײַ מיר מיט דרײַ חדשים געהאַלט". ער האָט אָפּגעװאַרט און צוגעגעבן: „יצחק, איך װיל מיט דיר זײַן זיכער!" מרדכי האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט, געװאַרט, צי ער איז מסכים אויף זײַנע באַדינ־גונגען.

יצחק איז געקומען פון טבריה פאַרדינען געלט. אין טבריה האָט אויף אים געװאַרט זײַן מײדל מיט װעמען ער גײט שוין אַרום אַ לענגערע צײַט. אָן איבערראַשטער פון מרדכיס פאָרשלאַג האָט ער גענומען זיך קראַצן מיט בײדע הענט דעם קאָפּ, ער האָט ערשט איצט תופס געװוען װאָס עס איז געשען. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די צײן און אַ זאָג געטאָן: „בסדר!" און זיך אויפגעשטעלט. מרדכי נאָך אים. ער האָט אים אויסגע־שטרעקט די האַנט און געזאָגט: „מזל און ברכה"!

— „מזל און בדכה!" — האָט יצחק װי אויסגעשריגן און געדריקט מרדכין די האַנט.

14

װי נאָר מרדכי האָט איבערגעגעבן דעם אויטאָ יצחקן, האָט ער גענומען פאַרװירקלעכן זײַן פאַרטראַכטן פּלאַן. ער האָט געדונגען אַ קראָם

מיט אַ טעלעפאָן אויף דער יהודה הלוי גאַס און געעפנט אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. די קראָם איז געווען אַ גרויסע מיט אַ ברייט שויפענצטער און אַ טיר מיט אַ זשאַלוזיע אין גאַס אַריַין. ער האָט די קראָם אויסגע־קאַלכט און געביטן דעם טעלעפאָן־אַפּאַראַט אויף אַ קאָלירטן. ער האָט אַרײַנגעשטעלט צוויי שרײַבטישן, איינעם בײַם אַנדערן, אַ בלעכענע לאַקירטע שאַנק און אַן אײַזערנע קאַסע. אויף דער אייבערשטער טייל פון שויפענצטער האָט ער געלאָזט אויסמאָלן דעם נאָמען פון זײַן פירמע „שנעל און גוט״. טראַנספּאָרט.

ווען די אַרבעטער האָבן פאַרטיק געמאַכט די אַרבעט, אים איבער־געגעבן די שליסלען און אים געזאָגט שלום, האָט ער זיי אַפילו נישט געענטפערט פון איבערראַשונג. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעטאַפּט די שליסלען, באַלד זיי אוועקגעלייגט אויפן טיש, דערנאָך זיי אַרײַנגעלייגט אין טאַש און ווידער זיי אַרויפגעלייגט אויפן טיש. ער האָט פשוט נישט געוווסט וואָס ער זאָל מיט זיי טאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי יעדע זאַך שטייט און זי באַטראַכט. אים האָט זיך נישט געגלייבט, אַז דאָס איז זײַן ביוראָ.

ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ שפּיגעלע און זיך אַליין אָנגע־קוקט, צי ער פּאַסט זיך אַרײַן אין זײַן ביוראָ, ווײַל פון איצט וועט ער דאָך נאָר אַרבעטן מיטן קאָפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער גענומען שפּאַנען איבערן ביוראָ אַהין און צוריק. דאָס האָט ער געטאָן, ווײַל ער האָט עס געזען ווי די דירעקטאָרן גייען איבער זייערע ביוראָען. ער האָט געוואָלט זיך צוגעוווינען, ער זאָל עס קאָנען טאָן ווען עס וועט אים נייטיק זײַן. אָבער אויך מיט דעם האָט ער זיך נישט באַגנוגנט. ער האָט פאַרשלאָסן די קראָם און איז אַוועק אין גאַס. אַ צײַט שפּעטער האָט ער זיך אומגעקערט. ער האָט אויפגעשלאָסן די קראָם ווי ער זאָל האָבן געקומען צו דער אַרבעט, איז אַרײַן און געזאָגט שלום צו די ליידיקע ווענט ווי אין ביוראָ זאָלן זײַן מענטשן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם שרײַבטיש און זיך אַ זאָג געטאָן: „יאָ, הער, וואָס זאָגט איר גוטס?...״ ווי ער זאָל רעדן צו אַ קליענט און זיך אײַנגערעדט די הענט אַ צופרי־דענער.

צומאָרגנס איז ער געקומען גאַנץ פרי, פריער פונעם באַאַמטן, וואָס ער האָט צוגענומען צו דער אַרבעט. דער באַאַמטער איז געווען אַ נידריקער מיט אַ פליך אין מיטן קאָפּ. ער האָט געהאַט גרויסע, אויסגעגלאָצטע אויגן און האָט געהייסן דוד. ער האָט אים צוגענומען צו דער אַרבעט, ווײַל ער האָט געהאַט רעקאָמענדאַציעס אַלס אַ גוטער בוכהאַלטער און האָט אײַנגעשטימט אַרבעטן פֿאַר אַ געהאַלט פון אַ געוויינלעכן באַאַמטן. ער האָט געדאַרפט אויפנעמען טעלעפאָנען און די באַשטעלונגען בײַ די סוחרים. ער איז אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די שאָפערן און זיי געזאָגט ווו און ווען צו פאָרן נעמען די טראַנספּאָרטן, ער איז אויך געגאַנגען קאַסירן געלט. אָבער דערווײַל האָט מרדכי אים געשיקט פאַרטיילן צווישן די סוחרים אין דער אומגעבונג די רעקלאַמע־בלעטלעך, דעם אַדרעס און טעלעפאָן־נומער פון דער טראַנספּאָרט־פירמע „שנעל און גוט".

עטלעכע טעג נאָך דער דערעפענונג האָט מרדכי אײַנגעלאַדן די סוחרים און די שאָפערן, מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ מינדלעכן אָפּמאַך. ער האָט אָפּגערעדט מיט די שאָפערן, אַז ווי נאָר דוד טעלעפאָנירט זיי, שיקן זיי באַלד אַ מאַשין אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס און פירן איבער די סחורה. דערפאַר וואָס זיי דאַרפן נישט שטיין און וואַרטן אויף אַ „באַגלע" און ער פאַרזאָרגט זיי מיט אַרבעט האָט ער באַקומען 10% פון זייער לוין.

געקומען אים גראַטולירן זענען נאָר די שאָפערן, די סוחרים נישט. כמעט יעדער שאָפער, ווי נאָר ער האָט איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער מיט התפעלות זיך אַרומגעקוקט איבערן ביוראָ און אים געווונטשן: עס זאָל אײַך און אונדז זײַן מיט מזל. זיי האָבן אים דאָס ערשטע מאָל נישט געזאָגט „דו". ער איז געזעסן בײַם שרײַבטיש און פאַר אים איז געשטאַנען אַ גלעזל מיט קאָניאַק. דוד האָט באַדינט די געסט. בײַ דער וואַנט איז געשטאַנען אַן אויסגעבאַרגטער טיש, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעשטעלט טעלער מיט הערינג, געזאַלצענע מצהלעך, געפעפערטע און געזאַלצענע אַרבעס, פאָמידאָרן, אַליוון, פלעשער קאָניאַק און ביר.

די שאָפערן האָבן געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און פאַרביסן.

יעדער פון זיי איז מיט דעם ערשטן גלעזל צוגעגאַנגען צו מרדכין און מיט אים געטרונקען „לחיים". מרדכי איז געזעסן אין אויסגעבעטן בענקל אַ צעשמייכלטער פון נחת, ער האָט מיט יעדן אויפגעהויבן זײַן שטענדיק פול גלעזל און יעדן געענטפערט „לחיים".

די שאָפערן האָבן געטרונקען און געשוויגן. זיי זענען געווען צופרידן פונעם איבעררבײַס אין מיטן העלן טאָג, אָבער זיך געפילט קרעמפּירט. זיי זענען געווען געוווינט, אַז די סוחרים אויף די גאַסן הרצל און הגשר שטעלן בײַ אַ געלעגנהייט אַ גלעזל און גיבן אַן איבערבײַס, אָבער נישט מרדכי, וואָס איז נישט לאַנג צוריק מיט זיי געשטאַנען אין גאַס און געוואָרט ווי זיי אויף אַ „נאַגלע". אויך ווען זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס בגילופנדיק, האָבן זיי געשוויגן. אָבער ווען עטלעכע פון זיי זענען צוזאַמען אַרויס פון מרדכין האָט געצל, אַ מיטלוווקסיקער מיט אַ ברייטער פּלייצע און אַ קאַנטיקער נישט ראַזירטער גאָמבע זיי געזאָגט: „זאָגט וואָס איר ווילט, אָבער ער איז אַ יאָט. ער האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק..." די שאָפערן האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער ער האָט ממשיך געווען: „נישט איינער פון אונדז וועט שטיין בײַ זײַן טיר..."

צדוק, אַ הויכער ייִד מיט אַ ברייטן ברוסטקאַסטן, האָט אויסגעשפּיגן ווי פּאָר עפּעס שלעכטס. אים זענען נישט אײַנגעגאַנגען געצלס רייד.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מרדכי מיט זײַן פירמע איז געוואָרן אַ שם־דבר בײַ די סוחרים. ער האָט געאַרבעט שנעל און פּינקטלעך. אפילו אָפּגערעכנט האָט ער זיך מיט די סוחרים איין מאָל אין צוויי וואָכן. צו די שאָפערן און דודן האָט ער זיך באַצויגן ווי זייערס אַן אַרבעטסגעבער. ער האָט זיי געפרעגט און אַליין געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן. רעדן און אָפּרעכענען זיך מיט די סוחרים האָט ער געשיקט דודן. ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן פאַרגעסן, אַז אויך ער האָט בײַ זיי געאַרבעט אַלס שאָפער. ער האָט געוואָרט, ער זאָל זיך מיט זיי קאָנען טרעפן ווי מיט זײַנס גלײַכן. דערפאַר האָט ער גערן געהאַט זיצן בײַם שרײַבטיש, איין פוס פאַרלייגט איבער דעם אַנדערן, די פאַרבייגייער זאָלן זען דעם בעל־הבית.

מרדכי האָט זיך געהיטן, קיינער זאָל נישט וויסן, אַז זײַנע געשעפטן

פּראָספּערירן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב די יונגען (אַזוי האָט ער איצט גערופן די שאָפערן) װעלן זיך דערװיסן װעגן זײַנע פּאַרדינסטן, װעלן זיי מאַכן יד־אחת מיט דודן און אַליין מאַכן די אַרבעט אָן זײַן װיסן. ער האָט כּסדר געפּאַרשט און געחקרנט דודן פון װאַנען ער קומט און װוּ ער איז געװען. בשעת ער האָט גערעדט מיט דודן האָט ער אים געקוקט אין די אויגן. געװאָלט װיסן, צי ער זאָגט אים דעם אמת. װען דוד האָט געברענגט געלט, האָט ער עס בײַ אים באַלד צוגענומען. ער האָט נישט געװאָלט, דוד זאָל האָבן בײַ זיך געלט. דאָס האָט אים געקאָנט ברענגען צו שלעכטע געדאַנקען.

ער האָט איצט געטראָגן אַן אַנצוג מיט אַ רעגן־מאַנטל און שיך מיט דינע זוילן, כאָטש זיי האָבן געזאָפּט נעץ. זײַן אַרט קליידן זיך איז בײַ אים געװען דער אויסדרוק פון גבֿירישקייט. דערפֿאַר איז ער לעצטנס װידער געקומען אין קאַפע „לובריז״, געזעסן אַליין בײַ אַ טישל מיט אַ שאָל קאַװע און זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט געפֿילט, אַז די מענטשן קוקן אויף אים. דאָס איז געװען זײַן נקמה אין די דרײַ ייִדן פון װעלכע ער איז אַמאָל אַװעק אַן אַנגעבראָגזטער.

כּדי די מענטשן זאָלן זען און זיך אויך איבערצײַגן װער ער איז, האָט ער יעדעס מאָל טעלעפאָנירט צו דודן, אים אויסגעפרעגט אויפֿן קול צי די אַרבעט װערט געמאַכט. אַמאָל האָט ער מיט אים גערעדט שטיל, װי ער זאָל זיך מיט אים סודען, אַמאָל האָט ער אים געפרעגט אויפֿן קול, צי אַלע טראַנספּאָרטן זענען אַװעקגעגאַנגען? עטלעכע מאָל האָט ער אויך באַשטעלט דודן אין קאַפע. ער איז מיט אים געזעסן, זיך מיט אים געחשבונט און בײַ אים גענומען געלט, מענטשן זאָלן זען, אָבער נישט באַשטעלט פאַר אים אַ גלאָז טיי. אויך זבולונען האָט ער עטלעכע מאָל באַשטעלט אין קאַפע אַרײַן. ער האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט און אים באַצאָלט מיט אַ טשעק און געקוקט פון אונטערן שטערן אַפיר, צי די מענטשן זעען, אַז ער שרײַבט טשעקן.

אײן מאָל, מיטאָג־צײַט, װען די מענטשן זענען מער אין שטוב װי אין גאַס, איז מרדכי אַרײַן אין „לובריז״. אין קאַפע זענען געװען װייניק מענטשן. בײַ אײנעם פון די טישלעך זענען געזעסן צװיי סוחרים פון

דער הגשר־גאַס. בײדע האָבן געטרונקען טײ און געשמועסט. בײדע זענען זײ געװען מיטלװוקסיק, מיט בײכלעך.

— װעמען איך זע! — האָט מרדכי שױן פֿון װײַטנס זײ געזאָגט און צו זײ צוגעגאַנגען. בײדע, דערשטױנטע, האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָר מיט אַ שמײכל אױפֿן פּנים. „מרדכי זעץ זיך" — האָט אײנער פֿון זײ אים פֿאַרבעטן. מרדכי איז געװען צופֿרידן װאָס זײ באַציִען זיך צו אים װי צו זײערס אַ גלײַכן.

דער קעלנער, אַ דאַרער, געבוקטער ייִד מיט שיטערע האָר, האָט שױן געװוסט װאָס מרדכי טרינקט, דאָך האָט ער אים געפֿרעגט: „אַ קאַװע?" מרדכי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפֿרעגט די צװײ ייִדן: װאָס הערט זיך גוטס?...

— מען װאַרט אױף משיחן — האָט אײנער פֿון זײ אים געענטפֿערט. בײדע האָבן זיך צעשמײכלט. מרדכי האָט נישט תּופֿס געװען דעם צוזאַמענהאַנג פֿון זײַן פֿראַגע און דעם ייִדס ענטפֿער. דער קעלנער האָט פֿאַר אים אַװעקגעשטעלט אַ שאָל קאַװע און ער איז אַװעק.

מרדכי האָט אָפּגעטרונקען פֿון דער קאַװע, אָפּגערוקט די שאָל פֿון זיך און זיך אַ װענד געטאָן צו די צװײ סוחרים מעשה מבין: „אַ גרױסע עליה, אַ פֿאַרפֿלײצונג. יעדן טאָג קומט צו אַ מעברה, װוּ װעלן זיך אַהינטאָן די אַלע ייִדן אין דעם לענדל. װער װעט זײ געבן פּרנסה? גײ, הײס זײ אַרבעטן. אָז דאָס קאָן נישט קײן טשװאָק אַרײַנקלאַפּן". אײנער פֿון די צװײ סוחרים דער מיטן פֿליך אױפֿן קאָפּ האָט זיך צוגעבױגן צום טישל און אים געענטפֿערט:

— מרדכי, זאָג נישט ייִדן זענען אַן עם קשי־עורף. מיר האָבן געפּאַקט און געמאַזלט און מיר װעלן אױך דאָס איבערקומען. אַלע װעלן זיך מיט דער צײַט אײַנאָרדענען. אײנער װעט אַרבעטן, דער צװײטער װעט האַנדלען...

ער האָט איבערגעריסן און איז אַנטשװיגן געװאָרן. מרדכין האָט שױן פֿאַרדראָסן פֿאַרװאָס ער האָט געזאָגט װאָס ער טראַכט. דאָס שװײַגן איז אים געװען פּײַנלעך. ער האָט געװאָלט ענדערן די שטימונג בײַם טישל און געזאָגט:

— נישט צו פֿאַרזינדיקן, בעסער — ערגער. אַלע לעבן. איך אַליין בין געקומען מיט צען פֿינגער און זיך אַרויפֿגעאַרבעט און האָב אַ ווײַב מיט אַ זון. דאָס האָט ער זיך אַליין אַרײַנגענומען אין כּלל, כּדי צו פֿאַרטושן זײַנע פֿריערדיקע רייד.

דער צווייטער סוחר, אַ באַברילטער מיט אַ וואַרצל אויף דער נאָז, האָט אים אַ פֿרעג געטאָן: „ווער איז דײַן ווייב?" בײדע סוחרים האָבן זיך אין אים אײַנגעקוקט, געוואַרט אויף תּשובֿה.

— אַ רײַכע טאָכטער פֿון דעם הײם, שפּילט פּיאַנע און קען זיך אויס אין די דראָבנע אותיות — האָט ער זיך פֿאַר זיי געריַמט.

— האָט זי דאָך דיר געבערענגט אַ נדן — האָט דער מיטן פּליך אים געזאָגט.

מרדכי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַז ניין, זיי געוויזן זײַנע צען פֿינגער און געזאָגט:

— אַלץ וואָס איך האָב, האָב איך דערגרייכט מיט די צען פֿינגער און מיטן קאָפּ... און מיט דער פֿויסט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. זי איז אַ מאַמע און דערציט מיר אַ זון. זי איז אַ באַלעבאָסטע, מאַכט פּאַטראָוועס, ווי אין קײַזערלעכן הויף...

— מרדכי, אפֿשר וואָלט געווען אַ יושר דו זאָלסט אונדז אײַנלאַדן צו זיך און אונדז אוגאָשטשאַיען מיט גוטע זאַכן?... האָט דער באַבריל־טער סוחר אים געפֿרעגט.

מרדכי האָט אַ שלײַדער געטאָן מיטן קאָפּ אַהין און צוריק. דאָס האָט געקאָנט באַדײַטן: ער וווּנדערט זיך, זאָגט זיך אָפּ אָדער אַז ער איבערלייגט זיך דעם ענין.

דער סוחר וואָס האָט אים געפֿרעגט, האָט טאַקע אַזוי פֿאַרשטאַנען זײַן ענטפֿער און אים געזאָגט אַז ער איז דאָך שוין נישט קיין שאַפֿער, און דאַרף זיך קאָנען פֿירן... ער האָט געוואָלט באַליידיקן מרדכין פֿאַר זײַן באַנעמען זיך.

מרדכי האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן. זײַן פּנים איז געוואָרן האַרב. אים האָט געאַרט פֿאַר וואָס דער סוחר האָט אים דערמאָנט זײַן פֿאַר־גאַנגענהייט.

— יאָ, זיך פאַרגעסן — האָט מרדכי געזאָגט אַ צעשטריַיטער און זיך אויפגעשטעלט. „קעלנער!" — האָט ער אַ זאָג געטאָן און אים אוועקגעלייגט אַ מטבע אויפן טיש. ער האָט די צוויי סוחרים געזאָגט שלום און איז אַוועק. זײַן באַנעמען זיך איז געווען אַדורכגעטראַכט. דאָס האָט ער דאָס ערשטע מאָל זיך אָנגענומען מיט מוט, געוויזן די סוחרים, אַז ער קאָן זיך מיט זיי פאַרמעסטן. די צוויי סוחרים האָבן זיך נאָר איבערגעקוקט און זיך אומגעקערט צו זייער איבערגעריסענעם שמועס.

אַהיים איז מרדכי געקומען שוין בײַנאַכט. דאָס קינד איז שוין געשלאָפן. דער טיש איז געווען געגרייט. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט רודל מיט פרייד אים געזאָגט שלום. ער האָט ווי שטענדיק זיך אַרומגעקוקט, צי אַלץ אין שטוב איז אויפן אָרט. אין שטוב איז געווען שטיל. אָן איבערצײַגטער, אַז אין משך פון טאָג האָט נישט פאַסירט עפּעס אויסטערלישס האָט ער ערשט איצט איר געענטפערט שלום ווי ער זאָל איר אַ טובה טאָן.

אָן איר צו זאָגן אַ וואָרט און אָן זיך צו וואַשן די הענט, האָט ער זיך געזעצט עסן. צו יעדן אָונטברויט האָט זי אים צוגעגרייט אַן אַנדער מאכל, אָבער יעדעס מאָל אַ טעלער מיט אויפשניט אָדער אַ געבראָטן לעבערל. דאָס זענען געווען זײַנע צוויי באַליבטע מאכלים. ער האָט געגעסן שנעל, נישט צעקייעט דעם ביסן. ער האָט אַפילו נישט געפילט דעם טעם פון עסן. אַבי וואָס שנעלער ענדיקן און זיך אויפשטעלן פון טיש, ווײַל ער האָט נישט פאַרטראָגן רודלס קוקן ווי ער עסט און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס אַרט איר. אונטער איר בליק האָט ער זיך געפילט קרעמפּירט און נישט אַזוי פרײַ ווי אין גאַס.

אַ סך מאָל, ווען רודל האָט אים געזאָגט „קום עסן", האָט ער שטיל איר געענטפערט ווי ער זאָל שלינגען די ווערטער: „איך האָב שוין געגעסן". זי, אַ באַליידיקטע, האָט אָפּגעזיפצט און אַראָפּגענומען ס'עסן פון טיש. ווען זי האָט זיך אָפּגעפּאָרעט מיט דער אַרבעט איז זי אַרײַן צום קינד. דעמאָלט האָט ער אויסגעטון די מאַרינאַרקע, זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע מיט די פיס אין דרויסן. זי איז דעמאָלט געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, כאָטש זי איז געווען אין שטוב־לאַטשן. זי האָט געמיינט,

אַז ער דרימלט. ער האָט בלויז געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און געמאַכט זיך אַ סך־הכּל פונעם טאָג און וואָס ער דאַרף טאָן מאָרגן. נאָר ווען זי האָט אָפּגעזיפצט איז ער צו איר צוגעגאַנגען, אָבער נישט ווײַל זי האָט אים לײַד געטאָן, נאָר ווײַל ער האָט נישט געוואָלט זי זאָל זיך אײַנברעכן, דאָס וואָלט אים געשטערט דעם גאַנג פון זײַן קאַריערע. טאָמער איז דאָס געווען ווען זי איז געשטאַנען בײַם קינדס בעטל, האָט ער זיך צו איר צוגעשטעלט, צוזאַמען באַטראַכט ווי זייער זון שלאָפט. דאָס האָט געדויערט ביז ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט נישט וויינען.

אין אָן אָוונט, זענען זיי געשטאַנען געקוקט ווי דאָס קינד שלאָפט. ער האָט יעדעס מאָל פונסנײַ געוואָלט זיך איבערצײַגן, אַז זי אָנערקענט זײַן אויטאָריטעט, אָבער נישט געטרויט זיך איבערכאַפּן די מאָס. ווען ער האָט געזען, אַז זי אָטעמט שוין שווער, האָט ער איר געזאָגט: „ער וואַקסט אַ זכר, דעם טאַטנס זון".

— נאָר דו ביסט אַ טאַטע, וואָס ווייסט אַפילו נישט ווי זײַן זון שמייכלט, וויל רעדן און עס הייבט אים אָן גיין אַ צאָן — זי האָט אים דאָס פאַרגעוואָרפן מיט אַ געמאַכטן כּעס.

זײַן באַציונג צו איר איז געווען: זי איז מײַן פרוי, די מאַמע פון מײַן זון און דאַרף מיר פירן די ווירטשאַפט. מער האָט ער איצט פון איר נישט פאַרלאַנגט. וועגן אַלע זײַנע מסחר־ענינים און אויפטוען האָט ער איר נישט דערציילט.

דאַך, אין אַ שבת אין דער פרי — אין שטוב איז געווען געמיטלעך, דאָס קינד איז געשלאָפן. עס איז געווען שטיל און מען האָט נאָר געהערט דעם גאַנג פון זייגער. רודל מיט מרדכין זענען געזעסן בײַם טיש, זי אין שלאַפראָק, ער אין דער פּיזשאַמע. זיי האָבן געפרישטיקט. ביידע זענען זיי געווען אויסגעשלאָפן, אויסגערוט און אויפגעלייגט.

ער האָט געענדיקט עסן און מיט דער צונג זיך אַרומגעווישט די ליפּן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער מיט דער האַנטפלאַך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש ווי ער זאָל איר צווויסן טאָן, אַז זי דאַרף הערן: „נו, פלוניתטע, די ענינים אונדזערע זענען נישט צו פאַרזינדיקן".

זי איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט עס איר געזאָגט, אָבער

געענטפערט האָט זי אים מיט פאַרדרוס: „פון וואַנען ווייס איך? דו דערציילסט מיר?"

— איז הער זיך צו — האָט ער איר געזאָגט אויך ווי מיט פאַר־וואָרף און ממשיך געווען מיט גאווה — איך בין אַן אייגנטימער פון אַ טראַנספּאָרט־ביוראָ „שנעל און גוט", אויף יהודה הלוי גאַס. אויף מײַנע מאַשינען אַרבעטן צוויי שאָפערן.

זי איז געבליבן אַ פאַרגאַפטע און דערשיטערטע. ער האָט עס געזען, אָבער עס האָט אים נישט געאַרט. פאַרקערט, ער האָט זיך ווײַטער באַרימט:

— האָסט געמיינט, אַז דו נעמסט אַ בעזדאָמניק, אָבער איצט זעסטו וואָס איך קאָן באַווײַזן.

— איך האָב חתונה געהאַט מיט אַ מאַן און נישט מיט אַן אויפטועך — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ טרוקן קול און זיך געוואָלט אויפשטע־לן. ער איז געבליבן דערשטוינט, פון אויפרעגונג האָט ער געוואָרפן מיטן קאָפּ ווי אַ זייגער־אומרו. זי האָט געוואָלט אים נאָך עפּעס זאָגן, נאָר זײַן צעשויבערטע טשופּרינע און שטאַרער בליק האָבן איר אָפּגע־נומען ס'לשון און זי איז אַרײַן אין קיך.

זי האָט זיך צוגעוווינט צו זייער שטייגער לעבן. עס זאָל איר זײַן לײַכטער אויפן געמיט האָט זי אויך געפּרוווט זיך אײַנרעדן, אַז אַזוי פירן זיך אַלע מענער. איר טרייסט איז געווען דער זון.

15

דער פרילינג איז שוין צו ענדע. דער הימל־בלוי איז לויטער. די זון־שטראַלן ווערן וואָס אַ טאָג לענגער און הייסער.

שוין עטלעכע חדשים ווי מרדכי פירט זײַנע געשעפטן. די סוחרים און די שאָפערן מיט די וואָס ער אַרבעט, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז אויך ער איז געווען אַ שאָפער. די מענטשן אין גאַס און די וואָס אַרבעטן בײַ אים, באַציען זיך צו אים ווי צו דעם אייגנטימער פון דער פּראָספּערירנדיקער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. אויך העשקע, דער אויפגע־

קומענער גביר, וואָס פירט אַליין זײַן „פלײמוט" האָט געענדערט זײַן מיינונג וועגן אים: ווען העשקע טרעפט מרדכין בײַ זיך אין האַלץ־לאַגער נעמט ער אים אַוועק אָן אַ זײַט, אָדער הייסט זיך אים אַרײַנזעצן צו אים אין דער מאַשין און זיי שמועסן וועגן מסחר אָדער כלל־ענינים.

דאָס לעצטע מאָל האָבן זיי זיך געטראָפן אויפן וועג. העשקע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, אים אַוועקגעפירט אין אַ זײַט און אים דערציילט, ווי ער זאָל אים איינרוימען אַ סוד: „מרדכי, איך זוך עטלעכע דונאַם באָדן. איך וויל בויען נאָך אַ מאַגאַזין, כ'זאָל זיך האָבן ווו אַהינ־צוטאָן. דאָס וועט זײַן אַן אייזערנע קאָנסטרוקציע אונטער אַן אַזבעסט־דאַך, ווו איך וועל האַלטן טרוקן האָלץ און נעמען אַ פּרײַז.

מרדכי האָט אים אויסגעהערט און געפרעגט: „העשקע, געדענקסטו כאַטש ווי מיר זענען נאַקעטע געשטאַנען אין ים און געשעפּט דעם זשוויר?"... דאָס האָט ער פון קנאה אים דערמאָנט זײַן פאַרגאַנגענהייט.

— מרדכי, וואָס שייך? געווען אַנדערע צײַטן. מיר זענען געווען חלוצים. מען האָט געגעבן די פּעל פּאַר אַ טעלער זופּ און אַ רעפטל ברויט. געקומען די צײַט און מען קאָן זיך אויסגלײַכן די ביינער.

— העשקע איז געבליבן העשקע — האָט מרדכי אים געזאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן אים אין פּלייצע ווי אַמאָל.

העשקע האָט זיך אומגעקוקט, צי קיינער האָט נישט געזען, אַז מרדכי, וואָס אַרבעט בײַ אים, האָט אים קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און ממשיך געווען: „מרדכי, גלייב מיר, געלט איז בײַ מיר נאָפּליוואַט. וויפל קאָן איך פאַרברויכן? איך עס דען מיט צוויי מײַלער? נאָר דאָס טאָן און דאָס שאַפן זיך מיט מענטשן גיט מיר צו כוח.

— יאָ, העשקע, האָסטו — ביסטו! — האָט מרדכי אים געזאָגט.

— מרדכי, מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען באַלד דעם ערשטן טאָג ווען מיר זענען אַרויס אין ים אַרבעטן, — האָט העשקע אים געענטפערט און אים אונטערגעשטעלט די האַנט־פלאַך. מרדכי האָט אײַנגעקלאַפּט זײַן האַנט־פלאַך אין העשקעס. אַזוי האָבן זיי זיך געזעגנט. העשקע איז אײַנגעשטיגן אין אויטאָ און אַוועקגעפאָרן. מרדכי איז אַוועק טרעפן זיך מיט זײַנע שאָפערן.

ביי העשקען אַרבעט איצט אויך גורפינקל. ער איז הויך און האָט אַ דיקלעך, גוטמוטיק אינטעליגענט פּנים. זײַנע העלע, איצט שוין גרויע האָר, זענען פּאַרקעמט מיט אַ שרונט אין דער מיט. ער האָט געטראָגן געפּרעסטע הויזן אַפילו בײַ דער אַרבעט. ער רעדט פּאַמעלעך און גייט געלאַסן. געשטאַמט האָט ער פון גאַליציע, געלעבט האָט ער אין פראַנקרײַך דרײַ צענדליק יאָר, אין ליאָן. דאָרט האָט ער געהאַט אַ האָלץ-לאַגער און איז געווען אַ גביר. אָבער ווען זײַנע צוויי טעכטער זענען אונטער־געוואַקסן האָט ער מיט זײַן משפּחה באַשלאָסן זיך באַזעצן אין ישראל און כדי קענען צו לערנען דעם היגן מאַרק, צו וויסן וועלכע סאָרטן האָלץ ס'ווערן דאָ געברויכט, איז ער אַוועק אַרבעטן צו צבי קעסלער, דעם גרעסטן סוחר. ער האָט בײַ אים געאַרבעט אַלס בראַקער. העשקע — צבי איז געווען שטאָלץ וואָס אַזאַ ייִד ווי גורפינקל, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, קען עטלעכע שפּראַכן, אַ מענטש פון דער גרויסער וועלט, אַרבעט בײַ אים. אַלע זײַנע אַרבעטער זענען געוועזענע חלוצים וואָס שטאַמען פון קליינע שטעטלעך און דערפער פון פּוילן, פון רוסלאַנד. גורפינקל האָט דער ערשטער געזאָגט צו צבי שלום, אָבער איינער האָט דעם צווייטן נישט געזאָגט „דו". יעדעס מאָל ווען זיי האָבן זיך געטראָפן, האָט צבי אויסגעשטראַמט זײַן ברוסטקאַסטן און אים העפלעך געענטפערט. אָבער ביז איצט האָבן זיי זיך נאָך נישט אַדורכגעשמועסט. צבי האָט נישט געוואָגט, טאָמער וועט ער זיך פאַרפּלאָנטערן אין שמועס.

אַ געוויסן טאָג איז גורפינקל אַרײַן צו צבי אין ביוראָ און העפלעך אים געזאָגט שלום.

— שלום אדון גורפינקל, וואָס זאָגט איר גוטס ? — האָט אים צבי העפלעך געבעטן זיצן. די פרייד זײַנע איז געווען אָן אָנגעשטעלטע. אָן אומרויִקער האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אויפן בענקל. ער איז געווען נײַגעריק צו וויסן נאָך וואָס גורפינקל איז געקומען. גורפינקל האָט אים נישט געלאָזט וואַרטן און אים געזאָגט :

— איך בין געקומען אײַך דאַנקען. איך בלײַב אַרבעטן נאָר ביז דעם ערשטן.

— איר זענט נישט צופרידן מיט דער אַרבעט ? — האָט צבי אים

געפּרעגט, ווי ער זאָל אים האָבן איבערראַשט און ער זאָל באַדויערן פאַר וואָס ער לאָזט די אַרבעט. אָבער אין דר'אמתן איז ער געווען צופרידן, ווײַל אין גורפּינקלס אָנוועזנהייט האָט ער זיך געפילט קרעמפּירט.

— אַדון קעסלער, פאַרקערט, נאָר איך וויל ווערן זעלבשטענדיק — האָט גורפּינקל אים געענטפערט.

— איך פאַרשטיי — האָט צבי אים געזאָגט און אַ צעשמייכלטער צוגעגעבן — זײַט מצליח!

— אַ דאַנק, הער קעסלער. איך וועל זיך נאָך קומען געזעגענען.

— און אויך זיך אָפּרעכענען — האָט צבי אים נאָכגעשריגן און אַ צופרידענער זיך אונטערגעהויבן פון בענקל.

גורפּינקל האָט געדונגען אַ קראַם נאָענט צו יפו, וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די טישלערייען. ער האָט זיי פאַרקויפט דיקטן. געבערענגט און אַוועקגעפירט די סחורה האָט מרדכיס טראַנספּאָרט־פירמע. מרדכי האָט אים געקענט פון זען, האָט אויך געוווּסט ווער ער איז. אָפּרעכענען זיך איז מרדכי געקומען צו אים אַליין. אים האָט גורפּינקל דאָך נישט געקענט אַלס שאָפער נאָר אַלס דעם אײגנטימער פון דער טראַנספּאָרט־פירמע... גורפּינקל האָט אויך אינטערעסירט מרדכין אַלס דער וועלט־מענטש. ער האָט באַוווּנדערט גורפּינקלען ווי ער גייט פאַמעלעך, ווי ער טראָגט דעם קראַוואַט און זײַנע געפּרעסטע הויזן, אַפילו ווען ער שלעפּט אַ גרויסן פּירקאַנטיקן דיקט.

מרדכי איז צו אים געקומען אָפּט, כמעט יעדע וואָך און שטענדיק מיט דעם זעלבן תירוץ: כ'בין פאַרבײַגעגאַנגען, געווען בײַ אַ קונה, בין איך אַרײַנגעקומען אײַך זאָגן אַ גוטן מאָרגן.

— אַ גוט יאָר אײַך! — האָט יעדעס מאָל גורפּינקל אים געענטפערט אַ צעשמייכלטער.

מרדכי איז צו אים געקומען אויך דערפאַר וואָס ער האָט זיך געקאָנט פאַר אים פאַרשטעלן, אים דערציילן און זיך באַרימען. גורפּינקל האָט זיך צוגעהערט, ווי שווער ער האָט דאָ געהאָרעוועט, געבויט דאָס לאַנד; ווי אַזוי ער האָט זיך אָרויפגעאַרבעט מיט זײַנע צען פינגער. ער האָט

זיך אויך פאַר אים גערימט, ווער זײַן ווײַב איז און וואָס פאַרא זון זיי האָבן.

דער מסחר איז פאַר גורפינקלען נישט געווען קיין פּרנסה. פון אַ טישלער וואָס קויפט אַ דיקט, צוויי, האָט מען נישט געקאָנט מאַכן קיין לעבן. ער האָט געוואַרט ער זאָל קאָנען איבערגיין צו אַ צווייטער פּרנסה.

די געלעגנהייט האָט זיך אים אונטערגערוקט. זייענדיק מיט אַ באַזוך בײַ באַקאַנטע. האָט ער דאָרט געטראָפן יעקב לינדער, זײַנער אַ שטעטי־שער, האָט שטודירט אינזשינעריע אין חיפה און האָט אָנגעפירט מיט דער שטיינהאַקעריי אין צפון פון לאַנד. ער האָט גורפינקלען פאָרגעשלאָגן אויפצושטעלן אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט און ער וועט אים געבן די פּריווילעגיע צו פירן זייערע בוי־מאַטעריאַלן קיין תל־אביב. אין פּרינציפּ האָט גורפינקל אָנגענומען זיין פאָרשלאָג און איבערטראַכטנדיק דעם ענין איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער קאָן אויפשטעלן אַזאַ פירמע, אָבער נאָר מיט אַ שותּף אַ פאַכמאַן, וואָס קען די בראַנזשע.

אין אַ פרימאָרגן, ווען מרדכי איז אַרײַן צו גורפינקלען ווי יעדעס מאָל, האָט גורפינקל זיך אָפּגעבויגן פון שרײַבטיש און אים געזאָגט:

— גוט וואָס איר זענט געקומען. איך וויל מיר זאָלן ווערן שותּפים...

פון איבעררעשונג האָט מרדכי פאַרזשמורעט די אויגן און כיטרע אים געענטפערט:

— געלט פאַרדינען איז אַ ייִד שטענדיק גרייט, אָבער אײַער אַרבעט איז נישט מײַן פאַך...

— איך וועל דעם ענין אײַך איבערגעבן אין קורצן. „דער פעלדזו״, די שטיינהאַקעריי אין צפון פון לאַנד, איז גרייט מיר איבערגעבן די קאָנצעסיע צו פירן זייערע מאַטעריאַלן. זייער באַדינג איז, איך זאָל אויפשטעלן אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, נאָר אין אַ גרעסערן פאַרנעם ווי בײַ אײַך. אויב איר זענט מסכּים, ווערן מיר שותּפים גלײַך אויף גלײַך. טאָמער וועט אײַך צופעלן געלט וועל איך אינוועסטירן און איר וועט מיר אויסצאָלן מיטן ריווח...

מרדכי האָט געביסן מיט די ציין פון אויפרעגונג. זײַנע קינבאַקן זענען געווען בולט און זיך באַוויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַ

שנופּ געטאָן מיט דער נאָז און אַראָפּגערוקט זיך דעם קאַפּעלוש כמעט איבער די אויגן. ער איז נישט געווען גרייט אויף אַזאַ פֿאָרשלאָג און נישט געוווּסט וואָס ער זאָל ענטפֿערן. אָבער פֿון אויפֿרעגונג האָט ער אַ זאָג געטאָן אויפֿן קול:

— ערשט געקומען אין לאַנד און ווייסט שוין ווי צו עפֿענען אַ טיר...

גורפינקל האָט פֿאַרשוויגן זײַן באַמערקונג. מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געזאָגט דאָס וואָס ער האָט נישט געדאַרפֿט. צו פֿאַרטושן דעם אײַנדרוק האָט ער אים געזאָגט:

— ר׳ ייִד, דאָס איז נישט אויפֿצוהייבן אַ שוועבעלע, מען דאַרף זיך אונטערגאַרטלען. איך וועל טראַכטן און אײַך געבן תשובה.

מרדכי איז געגאַנגען צו דער טיר און זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור, אָבער שטייענדיק אין דער אָפֿענער טיר, האָט ער שוין געזאָגט גור־פינקלען:

— מיר זענען שותפים...

ער איז צו אים ווי צוגעלאָפֿן, האָט אַ כאַפּ געטאָן גורפינקלס האַנט און געשריגן: „מזל און ברכה!״...

גורפינקל, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן בײַם שרײַבטיש, האָט זיך צעשמייכלט. זיי האָבן זיך געדריקט די הענט און גורפינקל האָט געמור־מלט: „עס זאָל זײַן מיט הצלחה״...

מרדכי האָט אָפּגעלאָזט גורפינקלס האַנט און געזאָגט:

— איך גיי שוין אײַנפּעדעמען און פֿאַרקאָטשען דעם ענין... אין אָונט קום איך, וועלן מיר אַלץ אָפּרעדן... זײַט געזונט... איך גיי...

גורפינקל איז געבליבן אַ צעטומלטער ער איז איצט ווי קלענער געוואָרן. זײַן גוטמוטיק פּנים איז איצט געווען האַרב און ערנסט.

מרדכי האָט פֿאַרקויפֿט זיין טראַנספּאָרט־פירמע „שנעל און גוט״ און די צוויי לאַסט־אויטאָס. איין אויטאָ האָבן געקויפֿט זײַנע צוויי שותפים זבולון מיט יצחקן. דאָס געלט האָט מרדכי אַרײַנגעגעבן אין נײַעם שותפֿות. דאָס געלט אין דער באַנק האָט ער זיך געלאָזט.

„טראַנספּאָרט געזעלשאַפֿט״ הייסט זייער נײַע פירמע. די פירמע געפֿינט זיך אין דער קראָם וווּ גורפינקל האָט פֿריער פֿאַרקויפֿט די דיקטן.

גורפינקל האָט נאָר אויסגעקאַלכט די קראָם און אַרײַנגעשטעלט עטלעכע בענקלעך און נאָך אַ שרײַבטיש פאַר זײַן שותף. אַ לאַנגן טיש מיט אַ באַנק האָט ער אַוועקגעשטעלט בײַ אַ וואַנט. די ביוראָ איז אויך געווען דער מאַגאַזין ווו מען האָט אַוועקגעלייגט אַ כּלי פון האַנט. עס זענען דאָרט געלעגן מאַנטיר־שליסלען און האַמערס, אַפּאַנעס, רעדער פון אויטאָס און ברעזענטן. די פירמע איז געווען אַ יוסטע: זיי האָבן פאַרמאָגט צוויי טרעלערס און פיר גרויסע לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן טאָג־נאָך־טאָג געבערענגט כּל־מיני בוי־מאַטעריאַלן פאַר פאַרשידענע בוי־אונטערנעמער.

די קאָסע האָט געפירט גורפינקל. ער האָט צו יעדן גערעדט שטיל, אים אויסגעהערט און דערקלערט. ווער עס איז געקומען מיט אים אין קאָנטאַקט האָט אים רעספּעקטירט. מיטן טראַנספּאָרט האָט אָנגעפירט מרדכי. ער האָט געגעבן אָנווײַזונגען די שאָפערן און צו זיי גערעדט הויך, אויפן קול אַפילו ווען עס איז נישט געווען נייטיק. ער האָט יעדן שאָפער אַ זאָג געטאָן אַראָגאַנט: נו, וואָס ווילסטו?... דער שאָפער האָט אים געענטפערט שטיל, געוואָלט וואָס שנעלער זיך פון אים באַפרײַען, ער זאָל זיך אויף אים נישט צעשרײַען. צווישן זיך האָבן די שאָפערן אים גערופן „דער געמאַכטער בעל־הבית", כאָטש מרדכי האָט זיך געגעבן די מי זיך פירן ווי גורפינקל. ער האָט מיט קנאה געהערט ווי אַזוי גורפינקל רעדט אין טעלעפאָן, ווי ער זאָל אויסדרן די ווערטער און ווי גוטמוטיק ער שמייכלט צו יעדן וואָס ווענדט זיך צו אים. ער האָט אַפילו אויפגעפּאַסט ווי אַזוי גורפינקל שטעלט די פיס בײַם גיין. אָבער טראָץ זײַנע באַמיִונגען איז אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געזאָגט, אַרויסגעקומען רוי, ווי ער זאָל זיך כּעסן.

גורפינקל האָט זיך שנעל צוגעפּאַסט צו די מענטשן, וואָס זענען פון אָנפאַנג געווען אים פרעמד. ער האָט באַלד מיט אַלע געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך: ער האָט אויך געהאַט אַ סך פרײַע צײַט, איז שעהען געזעסן אין ביוראָ און געלייענט. ער האָט אויך געזוכט קאָנטאַקט מיט מענטשן פון דער סביבה, זיי האָבן אויך אָנגעהויבן זיך צו אים ווענדן וועגן פאַרשידענע ענינים.

מיט גראַנעקן אַ ברייטפּלייציקער פאַרשוין מיט אַ ברייטער גאָמבע,

קנאַכיק פּנים און גרויען קאָפּ, זײַן שכן, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַגריסן נאָך עטלעכע מאָל וואָס זיי האָבן זיך געטראָפֿן פֿאַר זייערע טירן. גראַנעק האָט געשטאַמט פֿון קעניגסבערג. דאָ האָט ער אויסגעאַרבעט נאָפּט־אויוונס. זיי האָבן זיך צונויפֿגערעדט און ער האָט אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו גורפֿינקלען שמועסן און מיט אים אויך געטרונקען אַ גלעזל טיי. גראַנעק האָט מיטגעבראַנגט גאָלדבערגן, דעם שכן פֿון אַנטקעגן, אַ דאַרן ייִד מיט לאַכעדיקע אויגן. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ שטעטל אין פּוילן און געפֿירט אַ טריקאָטאַזש־פֿאַבריקל.

זעליג, ווי אַלע אין דער שכונה האָבן אים גערופֿן, איז געווען אַ הויכער דאַרער ייִד מיט טיף אײַנגעזונקענע טרויעריקע אויגן. ער האָט געשטאַמט פֿון ליטע. דאָ איז ער געווען דער חזן, דער שמש, דער גבאי און דער אינקאַסענט פֿון אָרטיקן בית־המדרש. ער איז אויך געקומען צו גורפֿינקלען נעמען געלט. גורפֿינקל האָט יעדן חודש אים געגעבן זײַן בײַשטײַער כאָטש ער האָט נישט געדאַוונט בײַ זיי. גורפֿינקל האָט אים אויך מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי.

פֿעפֿערמאַן, אַ מיטלוווּקסיקער, דאַרער ייִד, האָט געשטאַמט פֿון וואַרשע און געפֿירט דעם רעסטאָראַן אין דער שכונה. צו אים, וואָס אַלע האָבן אים גערופֿן „דער געלער", איז גורפֿינקל געקומען פֿון מאָל צו מאָל אַ קײַ טאָן, אַ קאַרפּן־קאָפּ אָדער אַ געבראָטן לעבערל און זיך מיט אים אַדורכגעשמועסט. אויך ער איז געקומען צו גורפֿינקלען.

קליינמאַן איז געווען אַ הויכער, דאַרער ייִד. זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן אומרויִק געפֿינקלט. זײַן ווערקשטעל האָט זיך געפֿונען אין דער נאָענט פֿון גורפֿינקלען. ער איז געקומען פֿון לעמבערג, ווו ער האָט שטודירט פֿילאָזאָפֿיע. דאָ איז ער געוואָרן אַן אינסטאַלאַטאָר. ווען ער איז פֿאַר־בײַ געגאַנגען און געזען דאָס קרענצל ייִדן בײַ גורפֿינקלען, איז ער שטיין געבליבן און געהאָרכט וואָס זיי רעדן. זיי האָבן אַרומגערעדט די געשעע־נישן און דעם מצב אין לאַנד און אין דער וועלט און די לאַגע פֿון די ייִדן נאָך דער שואה. זיי האָבן אײַנגעטענהט און געקומען צו מסקנות. קליינמאַן איז געווען זשעדנע, פֿאַרבענקט נאָך אַ ייִדיש וואָרט, אָבער האָט עפּעס נישט געהאַט קיין מוט אַרײַנצומישן זיך.

אין איינעם אַ שפּעטן נאָכמיטאָג איז ער שטיין געבליבן פאַר גור־פינקלס אַרײַנגאַנג און זיך צוגעהערט צו די ייִדנס אַ שמועס וועגן די אַראַבער אין לאַנד. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער איז אַרײַנגעגאַנגען, געזאָגט „גוט אָוונט", אָבער נישט דרײַסט געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

— וואָס דאַרפט איר האָבן? — האָט גורפינקל אים געפרעגט.

אַלע האָבן געקוקט אויף אים און געוואַרט וואָס ער וויל זאָגן. קליינמאַן האָט זיך באַהערשט און געענטפערט:

— קוקט נישט אויף מײַנע אַרבעטער־בגדים, איך קען אויך די קליינע אותיות — דערבײַ האָט ער זיך אַרויסגערוקט אויפן שטערן די ברילן וואָס זענען געווען פאַרשוויצט פון אויפרעגונג.

— קומט, זעצט אײַך צו — האָט גורפינקל אים פאַרבעטן. פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן אַן אָפטער גאַסט בײַ גורפינקלען און גענומען אָנטייל אין די שמועסן.

בדרך כלל זענען די ייִדן זיך צונויפגעקומען ביי גורפינקלען צוויי־דרײַ מאָל אין דער וואָך. אין משך פון דער צײַט זענען זיי געוואָרן אַ סטאַבילע גרופּע. די שכנים פון אַרום האָבן זיי גערופן „דער בית־מדרש־פּאַרלאַמענט". מרדכי איז נישט געווען צופרידן וואָס די „קאָמפּאַניע" האָט בײַ אים געהאַט דעם אָפּלאַג. נישט איין מאָל האָט ער אַ וואָרטשע געטאָן: זיי קומען שוין... ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז זיי שטערן די אַרבעט, אָבער פּאַקטיש האָט ער זיך געפילט מינדערווערטיק כלפּי זיי, ווײַל ער האָט נישט געקאָנט זיך באַטייליקן אין די געשפּרעכן. ווען דאָס קרענצל איז זיך צונויפגעקומען און זיך פאַרשמועסט וועגן טאָג־טעגלעכע ענינים, האָט מרדכי זיך צוגעהערט און אַמאָל אויך אַ שמייכל געטאָן. אָבער ווען דער שמועס איז געווען איבער אַן ערנסטן פּראָבלעם, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט בײַ זײַן שרײַבטיש איבער עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און גערעכנט. אָבער דאָס האָט ער געטאָן למראית־עין, ווײַל פּאַקטיש האָט ער זיך צוגעהערט צו זיי.

נישט איין מאָל האָט מרדכי אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן מיט קנאה אויף קליינמאַנען אָדער זעליגן און אַ דערשטוינטער אַ דריי געטאָן

מיטן קאָפּ ווי זיי קענען זיך אויס אין ענינים. גורפינקל האָט עס געזען און פאַרשטאַנען זײַן לאַגע. נישט איין מאָל האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו מרדכין און געפרעגט: וואָס איז דײַן מיינונג ?... געוואָלט אים אַרײַנציען אין שמועס. אים איז געווען פּײַנלעך וואָס מרדכי נעמט נישט קיין אָנטייל אין די שמועסן. מרדכי האָט נאָר אַ הייב געטאָן די אַקסלען ווי ער זאָל אים זאָגן: נישט מײַנע ענינים...

אין אַ פאַרנעם נאָכמיטאָג, די טירן אין ביוראָ זענען געווען צעעפנט. מרדכי מיט גאָלדבערגן און קליינמאַנען זענען געזעסן פאַר דער טיר און זיך געקילט. אַ ביסל שפּעטער איז אָנגעקומען גורפינקל און מיט אים זעליג, דערנאָך פּעפּערמאַן. אַלע זענען זיי אַרײַן אינעווייניק. נאָך שפּעטער האָבן די דרײַ ייִדן וואָס זענען געזעסן פאַר דער טיר זיך אויפגעשטעלט. אָן צו זאָגן אַ וואָרט, האָט יעדער פון זיי גענומען זײַן בענקל און זענען אויך אַרײַן אינעווייניק. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צו די צוויי, וואָס זענען שוין געזעסן. אַ ווײַלע האָבן אַלע געשוויגן און געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

פלוצים האָט גאָלדבערג אַ זאָג געטאָן: די ענגלענדער וועלן ווייכער, זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ האַנדלס־דעלעגאַציע — ביזנעס האָט נישט צו טאָן מיט פּאָליטיק...

— יאָ, כ׳האָב געלייענט, אָבער די פראַנצויזן שטערן. זיי ווילן אויך קריגן אַ פּאָזיציע אין אָריענט — האָט קליינמאַן אים געענטפערט.

מרדכי איז רויט געוואָרן פון כעס און מיט איין אויג אַ קוק געטאָן פון דער זײַט אויף קליינמאַנען ווי ער ווייסט דאָס אַזוי אַלץ.

— האַנדלס־באַציונגען זענען אַ וויכטיקער ענין. אַ פאָלק אַליין איז שווער צו עקזיסטירן, איבערהויפּט אַ קליין לאַנד ווי מיר — האָט גורפינקל זיי געענטפערט.

— מיר זענען אָרעם, די מענטשן זענען געקומען נאַקעטע. מיר מוזן וואָס שנעלער אויפבויען אונדזער מדינה — האָט פּעפּערמאַן צוגעגעבן.

— מען זאָגט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בויען אין פאַרשידענע ערטער אין לאַנד. דירות וועלן ביליקער ווערן. מײַן זון דאַרף אַ דירה, ער וויל חתונה האָבן — האָט פּעפּערמאַן ממשיך געווען.

דערויף האָט קליינמאַן אים געזאָגט, אַז פּרייטיק איז געווען אַ דע־מאָנסטראַציע אין דער קריה אויף אַ קילאָמעטער לאַנג. זיי זענען געגאַנגען מיט טראַנספּאַרענטן און געשריגן: ברויט און אַרבעט!

מענטשן זענען הונגעריק און גייען אַרום פּוסט און פּאַסט — האָט גורפּינקל זיי געענטפערט.

— זיי ווילן דען אַרבעטן? זיי קענען דאָך נישט אַרבעטן, — האָט מרדכי זיך אַריינגעמישט און איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג. דאָס האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט גורפּינקלען, אים געוויזן, אַז אויך ער פאַר־שטייט זיך אויף עניינים. גורפּינקל האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער. זיין ענטפער איז אים נישט געווען צום הארצן.

— האָסטו פאַר זיי אַרבעט? — האָט קליינמאַן אַ פרעג געטאָן מרדכין.

אַלע האָבן אָנגעקוקט מרדכין. ער האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם.

ער האָט געוווּסט, אַז זיין פּרעסטיזש שטייט אין קאָן, האָט ער, אַ צעפלאַמטער, אים געענטפערט מיט כעס:

— דו שווייג! דו פאַרנעם זיך מיט אינסטאַלאַציע!...

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. גורפּינקלען האָט פאַרדראָסן מרדכיס גראָבקייט. נאָר קליינמאַן האָט זיך צעלאַכט. ער האָט געלאַכט פון מרדכיס אומבאַהאָלפנקייט.

— מרדכי, דו ביסט גערעכט. שוין שפּעט, מען דאַרף גיין — האָט קליינמאַן פון אים געחוזקט. ער האָט אַ זאָג געטאָן „אַ גוטן אָוונט אייך" און איז אַוועק.

אין ביוראָ איז געוואָרן שטיל. אײנער האָט געהערט דעם צווייטנס אָטעם. גורפּינקל איז אַרויס פאַר דער טיר, ווי ער זאָל זיך וועלן אָפּקילן. די רעשט יידן זענען זיך צעגאַנגען איינציקווייז.

מרדכי טוט אָלץ, ער זאָל מאַכן אַ רושם אויף מענטשן. ער טראָגט איצט ברוינע שיך מיט אַ פלאַך קלעצל און ברייטע שפּיצן, אַ טונקל־בלויען אָנצוג. זיינע הויזן זענען געפּרעסט. דריי שפּיצן פון אַ ווייס טיכעלע שטאַרן אַרויס פון זיין מאַרינאַרקע־קעשענקע. זיינע העמדער זענען געשטײַפט און פריש. אין דורכגאַנג צו דער וואַש־שיסל האָט ער אויפגע־

האָנגען אַ שפּיגל, ער זאָל זיך קאָנען זען און איז איבערצײַגט, אַז קײנער מערקט עס נישט. ער איז איצט צופרידן פון זיך, פון זײַן אַרבעט און פון די מענטשן מיט וועמען ער האָט צו טאָן. צו זײַן זיכער, אַז ער איז שוין אַרײַן אין דער האַנדלס־ספערע און שטייט אויף איין שטופּע מיט גורפינקלען, גייט ער אָפט און יעדעס מאָל אין אַן אַנדערער באַנק. ער שטעלט זיך פאָר: מרדכי בערעזין דער שותף פון דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. ער פירט אונטערהאַנדלונגען מיטן מנהל וואָס פאָר אַ הלוואה און אויף וועלכע באַדינגונגען ער איז אים גרייט צו געבן, כאָטש ער האָט עס בכלל נישט נייטיק. ווען דער מנהל איז אים מכבד מיט אַ טערקישער קאַווע און אַ ציגאַר וואָס פאַרשמעקן דאָס צימער, צעלייגט ער זיך אין פאָטעל מיט הנאה. ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן ציגאַר, אָבער ער זאָל מאַכן אַ רושם רעדט ער מיט אַ געענדערט קול. די ווערטער זײַנע קלינגען ווי קונציקע.

אָפט, ווען ער בלײַבט אַליין, נעמט ער שפּאַנען איבער דער ביוראָ מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן. עטוואָס שפּעטער מאַניפּולירט ער מיט די הענט און מאַכט גרימאַסן מיטן פּנים, ווי די דירעקטאָרן, ווען זיי רעדן. ער וויל האָבן דאָס געפיל, אַז ער איז גורפינקלס שותף און נישט מרדכי, וואָס ענטפערט אויף די טעלעפאָנען. ווען דאָס אַלץ ווערט אים נמאס, קלינגט ער צו פאַרשידענע פירמעס, ער פרעגט, צי מען קאָן באַקומען אַ „מעק", אַ טרעלער, צי מען מוז אים באַשטעלן, ווי לאַנג עס דויערט ביז ער קומט אָן און וויפל ער קאָסט. בײַ אַ צווייטער פירמע וויל ער זיך דערוויסן, צי מען קאָן בײַ זיי באַקומען אַ גערינג צו אַ לאַסט־וואָלוואָ. ער קלינגט אין „קאָנטינענטאַל" זיך דערוויסן וואָס פאַראַ נומער אַפּאַנעס זיי האָבן אויפן לאַגער. ער קלינגט אויך צו דער בענזין־סטאַציע, אַז אים פעלט אַ געוויסע רעכענונג, און ער וויל אַ דובליקאַט. נאָך יעדער אַזאַ אַקציע באַרויקט ער זיך אויף אַ געוויסע צײַט.

אָפט מאָל געלינגט אים אויך רעדן שטיל מיט אַ שאָפער. ווען דאָס איז געשען איז ער צוגעגאַנגען צום שפּיגל, זיך אָנגעקוקט, צי ער האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק אויפן שאָפער. דאָך איז ער מיט זיך נישט געווען זיכער. ער האָט געוווסט, אַז ער קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיט די אַלע

מענטשן מיט וועלכע ער טרעפט זיך. דערפאַר איז ער אין רעדן געווען צוריקגעהאַלטן. ווען ער האָט גערעדט מיט מענטשן, האָט ער גערעדט פּאַמעלעך, זיך איבערגעלייגט וואָס ער זאָל זאָגן ער זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן.

צו דערגענצן זיין ווייניק וויסן האָט ער געפּלעגט זיין אויסערלעכקייט מיט וואָס ער איז געווען באַשאָנקען. עס איז ביי אים געוואָרן אַ מנהג יעדע וואָך גיין אין אַ שוויץ־באָד. ער האָט זיך דאָרט אויסגעשוויצט און זיך געלאָזט מאַניקירן און פּעדיקירן. ער האָט נישט פאַרטראָגן וואָס מען גראַבלט אים צווישן די פינגער, אָבער ער איז בייגעשטאַנען, ווייל ער האָט געוואָלט האָבן לאַקירטע נעגל. ער האָט די, וואָס האָבן אים באַדינט, געגעבן טרינק־געלט און געשעפּט נחת ווי זיי באַוווּנדערן זיין שיינקייט. ער האָט ביים פריזיער גערן זיך אַריינגעזעצט אין דער דריישטול, פאַרמאַכט די אויגן, זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון פריזיער וואָס האָט אים ראַזירט און מאַסירט. אים איז דאָס אַלץ נישט געווען בייטיק, ער האָט עס אָבער געטאָן ווייל אַזוי פירן זיך די עלעגאַנטע הערן. ער האָט אויך געוואָרט ביז מען האָט אים אַרומגעפּוצט און דערפאַר געגעבן טרינק־געלט.

ער האָט אַלץ געטאָן מענטשן אין גאַס זאָלן אים באַמערקן און וועגן אים רעדן. דעריבער האָט ער אריהן צוגענומען צו דער אַרבעט אַלס שאָפער־געהילף. אריה איז געווען מיטלוווקסיק, דאַר, מיט אַ שמאָל פּנים, טיף־איינגעזעצטע אויגן. ער איז געווען אַן אַלטער קאַוואַליר, וווינט צו־זאַמען מיט זיין אַלטער מוטער אין איין צימער, וואָס איז אויך געווען די קיך. ער האָט אויסגעהאַלטן די מאַמע — זי האָט געפירט די ווירט־שאַפט. זיי האָבן געשטאַמט פון צפת און גערעדט אַ האַרטן יידיש. מרדכי האָט אים צוגענומען צו דער אַרבעט, אָבער מיטן באַדינג, אַז ער דאַרף טאָן יעדע אַרבעט אין יעדער שעה. דערפאַר וועט דער שאָפער אים לאָזן פירן דעם אויטאָ. מרדכי האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך געבן די מי, ער זאָל וואָס שנעלער באַקומען אַ פאַר־דערלויבעניש. דאָס האָט ער אים זאָגט נאָך דעם ווי אריה האָט מסכים געווען אויך אים

באַדינען. נאָכן אַדורכקומען מיט אריהן, ווי נאָר ער איז אַוועק, האָט מרדכי זיך געטראַכט; איצט האָב איך אויך אַן אָרדינאַנס ווי די אָפיצירן ביי אונדז... ער האָט זיך מיט אריהן געשאָפּן נישט בלויז ווי מיט אַ דינער, נאָר ווי מיט אַ שיק־ייִנגל. ער האָט אים געשיקט אָוועקטראָגן די שיך צום שוסטער, אים געהייסן ברענגען ציגאַרן, באַשטעלן אַ שעה אין שוויץ־באָד און ברענגען אים די הויזן פון שניידער.

מרדכי איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע געשעפטן. אָבער פּאַקטיש האָט ער געהאַט צו טאָן מיט זיך אַליין. ער איז אַוועק פון זײַן סביבה. די נײַע סביבה האָט אים נישט אויפגענומען. נישט איין מאָל האָט אים אַ גאַנג געטאָן בײַם האַרץ און ער איז שטיין געבליבן אַ פאַרכאַפּטער, אַ פאַרבענקטער צו זײַנע מענטשן. ער האָט געוואָלט זיך מיט זיי אַדורכ־שמועסן, מיט זיי אויסטרינקען אַ גלאָז ביר מיט אַ קאַלנער פון שוים און מיט דער האַנט זיך אָרומווישן די ליפּן ווי אַמאָל. אָבער ווען ער איז פאַרבײַגעגאַנגען די הגשר־גאַס אָדער חיימס רעסטאָראַן, האָט ער אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און פאַרשנעלערט זײַנע טריט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז ווער פון זײַנע מענטשן פון אַמאָל זאָל אים זאָגן שלום אָדער אים רופן אַ קײַ טאָן.

זײַן באַשלוס איז געווען, אַז ער דאַרף זיך טרעפן מיט מענטשן פון צפון שטאָט — ווי מען האָט זיי גערופן. אין זײַנע פרײַע שעהען האָט ער שפּאַצירט איבער דער דיזנגאָף־גאַס. ער האָט באַטראַכט די שויפענצטער און די מענטשן וואָס ער האָט געטראָפן. ער האָט זיך אויך אָוועקגעשטעלט און באַטראַכט די מענער און די אויסגעפּוצטע פרויען, וואָס זיצן אין מיטן העלן טאָג אין די קאַפעען. ער האָט נישט איין מאָל אַ קלער געטאָן: אפשר אַרײַנגיין און זיך אַוועקזעצן בײַ אַ טיש אַזוי ווי זיי. אָבער יעדעס מאָל האָט ער אין לעצטן מאָמענט זיך באַזינען און געגאַנגען ווײַטער. ער האָט נישט געוווסט ווער די מענטשן זענען און צי עס איז כדאי אײַנצושטעלן זײַן דערוואָרבענעם פּרעסטיזש.

16

שוין אַ יאָר צײַט פאַרבײַ, זינט רודל האָט געבוירן איר זון. דער הימל איז ווידער בלוי און געוועלבט ווי אַ באַלדאַכין. די לופט איז טרוקן און דורכזיכטיק. פון מאָל צו מאָל גיט אַ מילד ווינטל אַ ווייע, ווי עס זאָל גלעטן. די זון שטראַלט, שפּרייט שימער און וועקט צום לעבן.

בעני, זייער זון, איז אונטערגעוואַקסן. ער האָט הויכע פּיס און איז גרויס לויט זײַן עלטער. ער האָט שוואַרצע לעקעלעך און דרײַ ברייטע ציין פון פאָרנט. זײַנע ברוינע אייגעלעך זענען ווי אויפגעריסן פון פאַר־וווּנדערונג. רודל גייט נישט אַרויס פון שטוב, נאָר אײַנקויפן און דער־לײדיקן אירע ווירשאַפטס־ענינים. דאָס טוט זי צוזאַמען מיטן קינד. דאָס איז אויך זײַן טעגלעכער שפּאַציר.

זי טוט איר שטוב־אַרבעט. זי גרייט, קאָכט, רוימט, וואַשט דעם קינדס וועש און פלעגט דעם זון. זײַן הויט איז סאַמעט ווייך און שמעקט מיט פרישקייט. די ריינקייט אין שטוב גלאַנצט. דער זון פילט אויס איר צײַט און פאַרגרינגערט איר געמיט. זי רעדט צו אים: טאַטע! מאַמע! דו ביסט שיין! קום! זי ווײַזט אים צעהאַנגענע אויף דער וואַנט איבער זײַן בעטל בילדער און לערנט אים: אַ קעצל! אַ הינטל! אַ האָז! אַ קו!... ער שטעלט אויף איר אָן זײַנע פאַרווונדערטע אויגן, אַ דער־שטוינטער פון די קלאַנגען פון אירע רייד. זי בלײַבט ווי געגליווערט פון אַנטציקונג. זי קלאַפּט אים מיטן קלעפּערל. ער ציט אויס אַ הענטל, וויל עס כאַפּן. זי האַלט אים בײַ די הענטלעך, פירט אים, לערנט אים גיין. ווען ער שטעלט זיך אויף שטרעקט זי אויס די הענט, ער זאָל נישט פאַלן. זי שפּרייט אויס אַ קאָץ און לאָזט אים קריכן אויף אַלע פיר. ווען זי לייגט אויף אַ פּלאַטע אויפן פּאַטעפאָן בלײַבט בעני זיצן, ער לאַכט און ברומט: אָר־אַ, אָר־אַ... זי פאַלט צו צו אים, זי קושט אים, האַלדזט אים און רעדט אין אים אַרײַן: וועסט זײַן גרויס און שטאַרק און שיין. ווי דער טאַטע...

בעני שטופּט איר אַ פויסט אין מויל און רײַסט איר די האָר. זי בעט

זיך בײַ אים: בעני, שטאַרקער... אָבער אָפּט ווען דאָס קינד צעשפּילט זיך און ער רופט: ט־אַ־ט־ע! ט־אַטע! ווי ער זאָל זיך האָבן פאַרבענקט צו אים, ענטפערט זי אים: דער טאַטע איז פאַרנומען. ווען ער וועט קומען וועט ער זיך מיט דיר שפּילן. זי זאָגט דאָס אים, ווי זי זאָל אים איבערבעטן און אויך פאַרטיידיקן דעם טאַטן. אָבער זי ווערט טרויעריק, בלײַבט שטיין אַ פאַרטראַכטע, ווי זי זאָל קוקן ווײַט.

אין שטוב בײַ זיי האָט זיך גאָרנישט געענדערט, אַלץ איז געבליבן אַזוי ווי ווען זיי האָבן זיך אַרײַנגעצויגן, נאָך דער חתונה. עס פילט זיך בײַ זיי נאָר די אײַנגעזעסנקייט. אויך רודל האָט זיך כמעט נישט געענ־דערט. זי איז נאָר פולער געוואָרן און אירע באַוועגונגען זענען מוטער־לעכערע. אָבער אַ לאַנגער קנייטש שנײַדט איבער איר שטערן און אַן אומעט רעמט אירע אויגן, ווײַל איר משפּחה־פרייד איז צעפּיצלט. זי ווייסט שוין, אַז זי און איר זון זענען נאָר דער אָנלען פאַר איר מאַן צו זײַן קאַריערע. דאָס זעט זי יעדן פרימאָרגן ווען ער גייט אַוועק פון שטוב און יעדן אָוונט ווען ער קומט צוריק. אָבער בולט ביז גאָר ווערט עס אין די שבתים. דאָס איז דער טאָג וואָס דערמעגלעכט מרדכין רויק טראַכטן ווי אַזוי ער זאָל פאָרזעצן זײַן קאַריערע און ווי אַזוי ער זאָל זיך באַגיין כלפּי גורפינקלען, זײַן שותף. זײַן פרוי און זון שטערן אים נישט. ער דולדעט זיי ווי יעדן געגנשטאַנד אין שטוב. זײַן באַציונג צו זיי איז ווי צו די מענטשן, וואָס ער פירט מיט זיי געשעפטן. זײַן באַציונג צו רודלען איז אַ צוריקגעהאַלטענע, אָבער אַ קאָרעקטע. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסן, אַז כאָטש זי שטאַמט פון אַ רײַכער היים און כאָטש זי איז געבילדעט און געקומען פון דער גרויסער וועלט, קאָן זי זיך נישט פאַרגלײַכן מיט איר מאַן, וואָס איז אַ געשעפטסמאַן. דעריבער, ווען זי האָט זיך צו אים געוואָנדן מיט עפּעס אַן ענין אָדער אים געפרעגט, צי אים גערופן עסן, אָדער גאָר אים דערלאַנגט דאָס קינד, ער זאָל עס פאַרשפּילן, האָט ער עס געטאָן אָן ווילן. ער האָט עס נאָר געטאָן, ער זאָל אין שטוב האָבן רו.

ער האָט זיך געהיטן פאַר מענטשן און אויך פאַר רודלען. ער האָט נישט געוואָלט, מען זאָל אים באַרעדן און שטערן די קאַריערע. אָפּט

איז ער געזעסן מיט די עלנבויגנס אויפן טיש, אָדער געלעגן אַן אויס־געצויגענער אויף דער סאָפע צי גאָר געשפּאַנט איבערן צימער מיט פאַר־לייגטע הענט פון הינטן. אַמאָל מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווי ער זאָל אַרויפקוקן, אַמאָל אויך געקוקט אַראָפּ ווי ער זאָל עפּעס זוכן. אָבער דאָס האָט ער נאָר אָנגעשטעלט, אַז רודל זאָל מיינען אַז ער איז פאַרטאָן — טראַכט. טאָמער האָט ער דערפילט, אַז רודל איז אָנגעברוגזט, האָט ער יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן, צי זי וויינט נישט. ער האָט דאָס געוואָלט פאַרמיידן פאַר יעדן פּרייז. אָבער זיין באַנעמען זיך האָט געווירקט אויף איר און אויך אויפן קינד. זיין אָפּגעזונדערטקייט שרעקט זיי.

אין אַ שבת פאַרמיטאָג, די פענצטער זענען געווען אָפן, די זון האָט אַריינגעשיינט. אַ בלאַסער שאָטן האָט פאַמעלעך, פאַמעלעך זיך געשאַרט איבערן פאָל. אין דער דירה האָבן זיך געפילט די ריחות פון די שבת־דיקע מאכלים. זי איז געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס, געלייענט אַ בוך. בעני איז געקראָכן אויף אַלע פיר איבערן אויסגעשפּרייטן קאָץ. מרדכי איז געזעסן מיט איבערגעלייגטע איבערן טיש עלנבויגנס. בעני איז צו אים צוגעקראָכן, זיך אָנגעכאַפּט אין זיינס אַ נאָגעוויצע און זיך צעוויינט. ער האָט געוואָלט זיך אויפשטעלן און נישט געקאָנט.

מרדכי האָט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳קינד וויל, אָבער אים איז נישט אָנגעשטאַנען זיך פאַרנעמען מיט דעם פּיצל ווי ער האָט עס באַגריפן. רודל איז אויפגעשפּרונגען, דאָס בוך איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט, אים געקושט און באַרויקט: שאַ, שאַ, טייערינקער, וויין נישט, די מאַמע וועט זיך מיט דיר שפּילן... אָבער זי האָט זיך איינגעבראָכן, זיך צעוויינט און איינ־געטוליעט איר קאָפּ אין קינדס בייכל. ביידע, זי און דאָס קינד האָבן געוויינט. ער, אַ צעטומלטער, ווי ער זאָל נישט פאַרשטיין וואָס עס איז געשען, האָט זי אַ פרעג געטאָן: „וואָס האָט פּאַסירט?... זי, אַ פאַרוויינ־טע, האָט אים געענטפערט ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער: „אַ טאַטע זאָל נישט האָבן קיין געפיל פאַר אַן אייגן קינד?״...

ערשט איצט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו זיי.

אַ היפּשע ווײַלע איז ער געשטאַנען און זיך איבערגעלייגט, וואָס ער זאָל טאָן, אַז רודל זאָל אים מוחל זײַן. ער האָט געפֿילט, אַז זי איז שטאַרק אַנגעברוגזט און עס קאָן צווישן זיי קומען צו אַ קאָנפֿליקט, דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט און געזאָגט: „קום צום טאַטן"... דאָס קינד האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון דער מוטערס הענט און אַרײַנגעפֿאַלן דעם טאַטן אין די אָרעמס. רודל האָט זיך באַהערשט און געוואָרט וואָס מרדכי וועט איצט טאָן.

— קום שפּאַצירן אויך מיטן טאַטן און נישט נאָר מיט דער מאַמען. אויך איך האָב דיך ליב, בענילע — האָט ער געזאָגט דעם קינד.

רודלען איז נישט נאָר איבערגעגאַנגען דער כעס, נאָר זי האָט זיך אויך צעשמייכלט. ער האָט דעם קינד שנעל אָנגעטון דאָס געשטריקטע יעקעלע, אַ נעם געטאָן דאָס צונויפֿגעלייגטע קינדער־וועגעלע און איז מיטן קינד אַוועק אין גאַס. רודל איז געבליבן אַ געפּלעפּטע, אָבער אויך אַ גליקלעכע. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מרדכי איז מיטן קינד אַרויס שפּאַצירן.

רודל האָט זיי אויסגעקוקט, אָבער דער שפּאַציר זייערער האָט זיך פֿאַרצויגן. זי איז כסדר צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, געקוקט צי זיי קומען שוין.

די זון איז שוין געהאַט אַריבער איבער דעם דאַך פֿון זייער הײַזל. אין זייערע חדרים האָט אָנגעהויבן זיך אײַנזעצן דער שאָטן־אָפּשײַן, ווען מרדכי איז אַרײַן אין שטוב. שוין בײַ דער טיר האָט ער געלאָזט שטיין דאָס וועגעלע מיטן קינד. ער האָט רודלען צוריקגעגעבן די משא, מיט וועלכער ער האָט זיך געמוזט אַרומשלעפּן.

— גוט וואָס איר זענט שוין געקומען!... האָט רודל זיך מיט זיי דערפֿרייט. דאָס קינד איז געשלאָפֿן און געלאַכט פֿון שלאָף. רודל, אַ צעשמייכלטע און גליקלעכע האָט אַ נעם געטאָן דאָס קינד אויף די הענט און געגאַנגען עס אַרײַנלייגן אין בעטל.

מרדכי האָט זיך אַראָפּגענומען די מאַרינאַרקע און זיך אַוועקגעזעצט בײַם עק פֿון טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי ער זאָל זײַן פֿאַרמאַטערט. אָבער ער האָט זיך באַלד אויפֿגעשטעלט און גענומען שפּאַנען איבערן

צימער, כאַטש דאָס װעגעלע האָט אים געשטערט. ער איז עס אַרומגע־
גאַנגען און נישט אָװעקגעשטעלט אויפֿן אָרט. ער האָט געשפּאַנט אַרום
דעם טיש און געבלאָזן פֿון זיך װי עס זאָל אים הייס זײַן. ער האָט
נישט געװוּסט װאָס פֿאַר אַ טאָן ער דאַרף אָננעמען כּלפּי רודלען, װײַל
ער איז געװען איבערצײַגט, אַז זי האָט אים דערנידעריקט. זי האָט
אויסגענוצט זײַן שװאַכע מינוט און אים געלאָזט גיין שפּאַצירן מיטן
קינד. ער איז געװען באַליידיקט, געבלאָזן פֿון זיך און יעדע װײַלע אַ
ברום געטאָן: הממ... און געשפּאַנט װײַטער.

װען רודל איז צוריק אַריין אין צימער אַ פֿאַררױטלטע און צופֿרי־
דענע האָט זי זיך אָװעקגעשטעלט און געזאָגט:

— האָסט שפּאַצירט מיטן זון װי אַלע טאַטעס — האָסט כאָטש
געזען װאָס פֿאַראַ זון איך צי דיר אויף?

ער האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און
געשפּאַנט װײַטער. זי האָט שוין געװוּסט אין װאָס פֿאַראַ שטימונג ער
געפֿינט זיך. זי האָט אויך געװוּסט, אַז זי דאַרף איצט מיט אים נישט
איינטענהן און זיך גענומען פֿאַרען, געװאָלט פֿאַרטרײַבן די צײַט.

זי האָט צונויפֿגעלייגט דאָס װעגעלע און עס אָװעקגעשטעלט אויפֿן
אָרט. זי האָט צונויפֿגעשטעלט די בענקלעך און אָװעקגענומען פֿון אונטער
דער האַנט יעדע איבעריקע זאַך, עס זאָל נישט זײַן אָנגעלייגט. זי האָט
זיך אַרומגעקוקט װי דאָס צימער זעט אויס. זי האָט דערפֿילט די שטילקייט
און דערהערט דעם סקריפּ פֿון זײַנע שיך. זי האָט אויף אים אַ קוק
געטאָן פֿון דער זײַט װי שטענדיק װען ער איז אָנגעבראָגזט און אויך
איצט זיך באַפֿרידיקט מיט זײַן שיינקייט.

— זעץ זיך צום טיש — האָט זי אים געזאָגט.

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט װי ער זאָל איר טאָן די טובה. זי האָט
אים דערלאַנגט אַ קאָפּ פֿון אַ גרויסן קאַרפּ. ער האָט אויסגעטרונקען אַ
גלעזל קאָניאַק, זיך אײַנגעריבן די הענט און גענומען עסן. זי האָט
געגעסן אַ שטיקל געפֿילטע פֿיש. ביידע האָבן געשװיגן. זי האָט געגעסן
פּאַמעלעך און נאָך פּאַמעלעכער געשלונגען. זי האָט מיט יעדן ביסן
מיטגעשלונגען איר צער. ער האָט אויסגעסמאָקעט יעדעס שטיקעלע גרעט.

ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט ער מיט דער צונג זיך אַרומגעווישט די ליפּן, האָט אויסגעטערונקען נאָך אַ קאָניאַק און אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך: ס'איז גוט געווען...

אַ פֿאַרשטעלט שמייכעלע האָט ווי פֿאַרמרוזשעט אירע אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אים דערלאַנגט אַ טעלער געהאַקטע לעבער מיט ציבל. זי האָט דאָס מאכל נישט געגעסן. זי איז געזעסן בײַם טיש און מיט דער האַנט צונויפגעשאַרט די חלה־קרישקעס אויפֿן טישטעך און געקוקט מיט איין אויג ווי ער מליאַסקעט מיט די ליפּן מיט הנאה. ווען ער האָט געענדיקט די פּאָרציע, האָט ער געוואָלט זיך אָנגיסן נאָך אַ גלעזל. האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: מרדכי... אַ גרימאַס האָט אויסגעקרומט זײַן פּנים אָבער ער האָט זיך נישט אָנגעגאָסן דאָס גלעזל.

זי האָט געוווּסט, אַז ער איז איצט צופֿרידן. צו פֿאַרטרײַבן די לאַנג־ווײַליקייט וואָס האָט געהערשט בײַם טיש און זיך מיט אים צונויפֿרעדן, האָט זי אויסגענוצט זײַן שטימונג און מוטיק אים געזאָגט:

מרדכי, אונדזער זון וואַקסט, די משפּחה איז גרעסער געוואָרן...

— צו דעם אַלעם דאַרף מען האָבן געלט — האָט ער איר איבער־געריסן.

זי האָט נאָך געפּרוּווט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז אירע רייד זענען געפֿאַלן אויף זײַן געהער ווי אַרבעס אויף אַ וואַנט. זי האָט אויך געוווּסט, אַז ער האָט מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקסן. האָט זי אים דערלאַנגט אַ טעלער יויך מיט לאָקשן און צוקער־באָבעס. די אַלע גע־קעכצן זענען געווען זײַנע באַליבטע שבת־מאכלים. זי איז דערווײַל אַרײַן צום קינד זען, צי ער שלאָפֿט. זי איז צוריקגעקומען אויף די שפּיץ־פֿינגער און געזען אים עסן, אַ לעפֿל נאָך אַ לעפֿל און פּאַסט אויף, אַז יעדער לעפֿל זאָל זײַן פֿול. די לאָקשן, וואָס זענען אַראָפּגע־האָנגען פֿון לעפֿל, האָט ער נאָכגעשלונגען. זי איז שטיין געבליבן הינטער אים און געקוקט ווי ער עסט. ווען ער האָט געענדיקט האָט זי אים געזאָגט: „איך ברענג דיר שוין ס'פֿליישׂ". ער האָט זיך אומגעקוקט ווי ער זאָל זיך וווּנדערן אַז אויך זי איז דאָ אין שטוב. „ס'פֿליישׂ וועל איך

עסן פֿאַרנאַכט" — האָט ער איר געזאָגט און מיט בײדע האַנט־פּלאַכן זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין בויך, אַ סימן, אַז ער איז פֿול.

זי האָט אַראָפּגענומען פֿון טיש די כלים. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך צו איר אַ ווענד געטאָן און געזאָגט ווי אויף שפּאַס: „אפשר וואָלסטו דײַן האַר דערלאַנגט אַ קאַלט גלאָז ביר נאָך אַזאַ עסן?" זי איז שטיין געבליבן, ווי זי זאָל האָבן צוגעוואַקסן צום אָרט. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן און אים געפֿרעגט: „דו מײנסט טאַקע, אַז איך דאַרף דיך נאָר באַדינען?" פֿון אויפֿרעגונג האָט איר ברוסט זיך באַוועגן האַסטיק ווי אַ בלאָז־זאַק. זײַן גריגשעצונג האָט זי אויפֿגעטרייסלט. זי האָט זיך אָוועקגעזעצט אים אַנטקעגן און געקוקט אַראָפּ.

אויך אין אים, דעם זאַטן און בגילופֿנדיקן, האָט זיך דערוועקט דער כעס פֿון פֿאַרמיטאָג און ער האָט איר געזאָגט: „אַ מענטש, וועמען אַלע אין שטאָט קענען, פֿירט זיך אַרום מיט אַ קינד אין אַ וועגעלע..."

— וואָס?! מיט דײַן אייגענעם זון שעמסטו זיך? — האָט זי אַן אויפֿגערעגטע אים געפֿרעגט, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט.

— דערצו האָב איך אַ ווײַב און דער זון אַ מאַמע — האָט ער איר געענטפֿערט און איר אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג, ווי ער זאָל רעדן מיט וועמען פֿון די שאָפֿערן.

זי האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און אים געזאָגט מיט סאַרקאַזם:

— דו ביסט מרדכי, ווייל רודל איז דײַן ווײַב...

כאָטש ער איז געווען בגילופֿין, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פֿאַררעדט.

— מיך קען מען, מענטשן ווייסן ווער איך בין... האָט ער איר געזאָגט, ווי פֿאַרענטפֿערט זיך.

זי האָט אים נישט געענטפֿערט נאָר אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר איר בליק. ער האָט אים דערמאָנט דעם אונטערשיד צווישן זיי. וועלנדיק הייבן זײַן פּרעסטיזש בײַ איר האָט ער פּלוצים גענומען אָפּלאַכן פֿון גורפֿינקלען: ווי געפֿעלט דיר מײַן פּראַנצויז? ער שטעלט די פֿיס ווי ער זאָל טרעטן אויף אייער.

מיט װעמען ער רעדט זאָגט ער אים „ביטע" און „אַנטשולדיקט". אַלע זאָגט ער „אַ דאַנק", „אַנטשולדיקט"... און זיך צעלאַכט אויפֿן קול מיט אַ פֿאַלש געלעכטער.

— ער איז אַ מענטש מיט עטיק — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון באַשטעטיקונג.

ער האָט געננוי נישט פֿאַרשטאַנען װאָס זי האָט אים געזאָגט, אָבער פֿון איר אָרט רעדן האָט ער שוין געװוסט װאָס זי מײנט און געװוסט, אַז ער מוז זיך פֿאַר איר באַרימען און טאַקע איר געזאָגט: אריה, דער שאָפֿער־געהילף באַדינט מיך װי אַן אַדלמאַן... ער פֿאַרשטײט מיך אויפֿן װוּנק.

— אַזוי ביסטו געװוינט פֿון דער הײם? — איר אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון טיש און זיך אײַנגעקוקט אין איר. ער איז נישט געװוינט געװען הערן פֿון איר אַזעלכע װערטער.

אויך זי האָט זיך אויפֿגעשטעלט און זיך פֿון אים װי אָװעקגערוקט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער װאַנט און אים געזאָגט װי זי זאָל אויסכדרן די װערטער:

— אַן אָרדינאַנס האָסטו זיך אײַנגעשאַפֿט, אָבער אַ דינסט פֿון מיר װעסטו נישט מאַכן — און זי האָט זיך צעהעשעט.

— רודל — ער האָט דאָס װאָרט געזאָגט װי ער זאָל עס אַדורכשטופּן דורך די צײן — איך אין דער אונטערנעמונג, דו אין דער קיך. אויך בײַ מײַנע טאַטע־מאַמע האָט זיך אַזוי געפֿירט — די אויגן זײַנע האָבן געגליט אין כעס.

— מרדכי — האָט זי אים געזאָגט צעציענדיק זײַן נאָמען אַזוי װי ער האָט עס געטאָן מיט איר נאָמען — װער דו ביסט פֿון דער הײם װײס איך און נישט די מענטשן...

זײַנע אויגן האָבן דערשטױנט זי אָנגעקוקט. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די צײן, אָבער אַ װײַלע שפּעטער האָט ער געלאָזן איר געענטפֿערט, װי ער זאָל איר אויפֿקלערן:

— דו ביסט נישט מײַן דינסט און איך נישט דײַן האַר — מיר

ליגן אין איין בעט און עסן פון זעלבן זאַלצמעסטל... אָבער דו ביסט מײַן ווײַב און מוזט אויספירן מײַנע פאַרלאַנגען...

אַ צעפלאַמטער מיט פאַרבײַלטע פויסטן געשטעלט אַ פוס פאַראויס ווי ער זאָל זי װעלן באַפאַלן.

— מרדכי! — איצט האָט זי אים געוואָרנט. איר קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג און פחד.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט אָן אומבאַהאָלפענער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויפגעפּראַלט די טיר און זי צוגע־קלאַפּט נאָך זיך. דאָס האָט ער איר געטאָן דאָס ערשטע מאָל.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט בײַ די האָר. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַרויפגעפאַלן אויפן בענקל וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט, ווי אַן אַראָפּגעלאָזטער פולער זאַק. זי האָט געוויינט אָן טרערן.

17

מרדכי איז טעטיק אין זײַן פירמע. אַלע מענטשן מיט וועמען ער קומט אין קאָנטאַקט געשעפטלעך רעספּעקטירן אים; זיי שעצן אים נישט אַלס מענטש, זיי רעספּעקטירן אים אַלס דעם שותּף פון דער טראַנס־פּאָרט־געזעלשאַפט. נאָך כּלפּי רודלען, זײַן ווײַב און גורפינקלען זיין שותּף פילט ער זיך דערנידעריקט. זיי ביידע קענען אים. יעדער באַזונדער פון זײַן זײַט. רודל ווייסט און קען אים ווען ער איז אין דער פּיזשאַמע און אין שטעקשיך, גורפינקל, ווי אַזוי ער איז איבערגעשפּיצט אין לעבן און אין מסחר.

ער איז טעטיק אין דער פירמע און פּרוּווט זיך צופּאַסן צו גורפינקלען מיט אַלץ, אָבער ער איז אומרויִק און זײַן יעדע באַוועגונג איז אַ נער־וועזע. נאָך אַלע זײַנע באַמיונגען קאָן ער זיך נישט פאַרגלײַכן נישט מיט זײַן ווייב און נישט מיט זײַן שותּף. דעריבער איז זײַן צוגאַנג איצט צו גורפינקלען אַ ציניִשער. אויף יעדער פראַגע ענטפערט אים מרדכי

מיט אַ פּראַגע: אַנדערש קאָן עס נישט זײַן?... אָדער ער זאָגט אים: איך דערלײדיק דאָס אַנדערש... ער דערלויבט זיך עס, ווײַל אין באַצוג צו גורפינקלען איז ער הינטערשטעליק אין אַלע הינזיכטן. אָבער ער איז אויך זיכער מיט זיך, גורפינקל האָט דאָך אים גענומען אַלס שותף מיט אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. ער איז דאָך דער פּאַכמאַן.

גורפינקל זעט דאָס אַלץ, אָבער ער פאַרשטייט אויך זײַן מינדער־ווערטיקייט־קאָמפּלעקס וואָס באַוועגט אים. דערפאַר גיט ער זיך די מי מרדכין פאַרלײַכטערן זײַן געמיט. ער גיט אים איבער נישט נאָר וועגן יעדער געשעעניש און טראַנזאַקציע, נאָר אויך וועגן יעדער קלייניקייט. ער רעדט צו אים שטיל, ווי ער זאָל אים גלעטן מיט די ווערטער. יעדער זײַטיקער מענטש איז געווען זיכער, אַז די ענינים אין דער פירמע זענען נאָרמאַלע.

אין איינעם פון די אָוונטן, די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט, דער הימל איז געוואָרן גרוי, די לופט געדיכט ווי פאַר אַ רעגן אָדער חמסין אין זומער. בײַ זיי אין ביוראָ האָט זיך געטומלט. די שאָפערן האָבן אָוועקגעגעבן מרדכין די אונטערגעשריבענע באַשטעטיקונגען. יעדער שאָ־פער האָט אים אויך איבערגעגעבן מינדלעך ווי די רײַזע איז אים אַריבער. אַ מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער שאָפער האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט אין מיטן וועג געביטן דעם רעכטן הינטערשטן ראָד. מרדכי האָט אים נישט געענטפערט, נאָר זײַן שפּיץ נאָז האָט זיך ווי אויסגעצויגן.

אין ביוראָ האָבן זיך אויך געפונען גורפינקל און זײַנע באַקאַנטע און געשמועסט וועגן די טאָג־ענינים. מרדכי האָט גערעדט מיט די שאָפערן און זיך אויך צוגעהערט וואָס די ייִדן רעדן. ווען גאָלדבערג האָט אין המשך פון זייער שמועס געזאָגט: אַנגעזעצט אין יפו אַ שטאָט מיט ייִדן. בײַ וועמען ועלן זיי דאָרט פאַרדינען אַ גראָשן. די שטאָט איז צעהאַקט און צעבראָכן...

— פאַרלאָזט אײַך אויף די ייִדן — האָט מרדכי אים געענטפערט מיט סאַרקאַזם און אַ קוק געטאָן אויף די ייִדן ווי עס האָט אויף זיי געווירקט זײַן ענטפער.

גורפינקל מיט גאָלדבערגן האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט.

זיי האָבן גערעדט ווײַטער, נאָר שוין שטילער, מען זאָל זיי נישט שטערן. מרדכיס פּנים איז פון כעס רויט און פאַרשוויצט געוואָרן. אים האָט געאַרט זייער באַציונג צו אים אין דער אָנוועזנהייט פון די שאָפערן.

ווען דער הויכער שאָפער מיטן לאַנגן האַלדז האָט אים צווויסן געטאָן: מיר האָבן זיך אין וועג צעבראָכן צוויי מאַרמאָר פּלאַטן. זשאַק, דער בוי־אונטערנעמער, האָט עס פאַרצייכנט אויף דער באַשטעטיקונג.

— יענקל, מאַכסט מיר צרות! — האָט מרדכי אַן אויפגערעגטער אים געענטפערט אויפן קול. דאָס האָט ער אויסגעלאָזט צו יענקלען דעם כעס, וואָס ער האָט געהאַט אויף די צוויי ייִדן וואָס האָבן פריער אים גרינגגעשעצט. דער זעלבער גאָלדבערג האָט ווידער זיך איבערגעקוקט מיט גורפינקלען און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ גורפינקלען און אַ ווונק געטאָן די רעשט ייִדן, זיי זאָלן זיך אויפשטעלן. זיי זענען אַוועק צו דער טיר, יענקל מיט זיי. די רעשט שאָפערן זענען אויך אַוועק איינער נאָכן אַנדערן.

איצט האָט גורפינקל שטיל אַ פרעג געטאָן מרדכין: „וואָס איז דער אומגליק? האָסט געמוזט שרײַען אויף יענקלען?" און פון אויפרעגונג אויסגעבלאָזן די באַקן.

מרדכי האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט נאָר אויך אויסגעבלאָזן די באַקן ווי גורפינקל, האָט פון אים געשפּעט.

פון דעם טאָג אָן איז מרדכי אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעשטרענגטער און געשוויגן. אָפט האָט זײַנס אַ פּנים־מוסקול אַ ציטער געטאָן. ווען ער איז אַרײַן אין ביוראָ, האָט ער נאָר אַ זאָג געטאָן שלום, ווי ער זאָל רעדן אין רוים אַרײַן און זיך גענומען פאַרען, ביי וואָס עס איז אים אונטערגעקומען, אבי ער זאָל נישט אַרומגיין ליידיק. אויך די ייִדן פון גורפינקלס קלײַזל, האָבן נאָר אַרײַנגעשטעקט די קעפּ, געזאָגט שלום און געגאַנגען ווײַטער. אויך זיי האָבן געפילט, אַז די אַטמאָספער אין ביוראָ איז אַן אָנגעשטרענגטע.

מרדכי האָט זיך די מי געגעבן, אַז אַלע ווער עס האָט מיט זיי געהאַט צו טאָן געשעפטלעך, זאָלן וויסן, אַז ער איז דער שותּף אין דער פירמע. ער האָט איצט מער נישט געהיטן די כללים, אַז גורפינקל פירט

די פינאַנסן און ער דעם טראַנספּאָרט. ער האָט כסדר געקלונגען, אויך געגאַנגען אין די בענק און זיך נאָכגעפרעגט וויפל געלט עס איז אַרײַנגעפלאָסן אויף זייער קאָנטע און וויפל מען האָט אויסגעצאָלט. ער האָט געקלונגען צו יעדער פירמע, ביי וועמען זיי האָבן אײַנגעקויפט, געפרעגט אויף פרײַזן. ער האָט צו זיי געקלונגען, ער זאָל זיי קאָנען זאָגן, אַז עס רעדט ברעזין. זײַן נאָמען האָט ער אַרויסגערעדט: ברעזיזין, ס׳זאָל קלינגען מער אייראָפּעיש. ער האָט געקלונגען אין די פירמעס, פאַר וועלכע זיי האָבן געבערענגט די מאַטעריאַלן, זיך געפרעגט, צי די טראַנספּאָרטן קומען אָן אין אָרדענונג.

גורפינקל איז אים געגאַנגען פון וועג, נישט געוואָלט זיך אויף אים אָנשטויסן. גערעדט צווישן זיך האָבן זיי נאָר וועגן די געשעפטס־ענינים. אַפילו טיי האָבן זיי נישט געטרונקען ביי איין טיש. אים האָט נישט אַזוי געאַרט גורפינקלס שווײַגן, נאָר צו וואָס זײַן שווײַגן קאָן דערפירן. דערפאַר האָט מרדכי יעדן טאָג אויסגעפונען אַ תירוץ אין וואָס צו באַשולדיקן גורפינקלען. אַמאָל, פאַר וואָס ער דערלאָזט, דער בוכהאַלטער זאָל זיך פוילן און ער קומט נישט יעדן טאָג נעמען דאָס מאַטעריאַל. דערבײַ האָט ער שטענדיק גערעדט אין זײַן נאָמען: איך, ווי נאָר אים זאָל געהערן די פירמע. נישט איין מאָל האָט ער מיט פאַרדרוס געפרעגט גורפינקלען, פאַר וואָס האָט מען איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען וועגן קויפן דעם דריטן טריילער? אַמאָל האָט ער אויך געזאָגט: איך וועל אָפּזאָגן יענקלען, ער היט נישט די מאַשין.

גורפינקל האָט אים אויף די אַלע פאַרוווּרפן נישט געענטפערט. ער האָט יעדעס מאָל נאָר אים אָנגעקוקט, אַמאָל מיט אויפגעריסענע אויגן, אַמאָל מיט פאַרזשמורעטע אויגן, מרדכי האָט געוואָלט, אַז די אַרבעטער, צו וועלכע ער האָט זיך באַצויגן אַראָגאַנט, אויף זיי געשריגן, זאָלן וויסן, אַז ער דעצידירט וועגן די ענינים און זיי זענען אָפּהענגיק אין אים.

אין אַ שפּעטן נאָך מיטאָג איז אריה אַרײַן אין ביוראָ מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ.

— וואָס איז געשען? — האָט מרדכי פלעגמאַטיש אים געפרעגט.

— געהאַט איין פאַנטשער נאָכן אַנדערן, די מאַשין ציט אויף אַ זײַט.

ביים בייטן דאָס ערשטע ראָד איז אָפּגעשפּרונגען אַ שטיין און מיר געטראָפן אין שטערן. יענקל איז געבליבן ביי דער מאַשין. איך בין געקומען נעמען אַ רעזערוו־ראָד מיר זאָלן קאָנען פאָרן ווייטער... האָט אריה אים אויפגעקלערט.

— נעם דאָס ראָד ביי דער וואַנט — האָט מרדכי אים געזאָגט און ממשיך געווען ווי ער זאָל רעדן צו זיך — אַז מען קיבעצט גאַנצע טעג, מען רעדט פּאָליטיק און מען טרינקט טיי, מוז די מאַשין ציען אין אַ זייט... אויך איצט האָט מרדכי געפונען אַ געלעגנהייט צו חוזקן פון גורפינקלען.

ווי נאָר אריה איז אַוועק איז גורפינקל אַרויס פון הינטערשטן צימערל און מיט רויטע ווי אָנגעשוואָלענע פּון כעס באַקן אים געענטפערט, ווי ער זאָל ציילן די ווערטער:

— ווען דו וואָלסט נישט גאַנצע טעג אַרומגעקלונגען אין די בענק און פירמעס, נאָר אין זינען געהאַט דעם אינוועטאַר, וואָלטן די מאַשינען נישט געצויגן אין אַ זייט — און ער איז צוריק אַריין אין צימערל.

מרדכי איז געבליבן אַ געפּלעפּטער מיט אַן אָפן מויל פון איבער־ראַשונג. ער האָט נישט געוווסט, אַז גורפינקל זיצט אין צימערל. גורפינקל האָט היינט געגעסן ביי פּעפּערמאַנען, דערנאָך געכאַפּט אַ דרימל אין צימערל.

אַ ביסל שפּעטער איז גורפינקל צוריק אַריינגעקומען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און זיך אַ ווענד געטאָן צו מרדכין שוין אַ באַרויקטער: הער בערעזין, איך בין נישט געווינט צו אַזאַ אָרט פירן זיך. הער בערעזין, מיר זענען נישט געשטאַנען אונטער אַ חופּה און מיר מוזן נישט בלייבן אייביק שותפים... גורפינקל האָט זיך איינגעקוקט אין אים און געוואַרט אויף תשובה. מרדכי האָט אָבער געשוויגן. גורפינקל האָט אים שטיין געלאָזט און אָן צו זאָגן אַ וואָרט איז ער אַוועק אין גאַס.

מרדכי האָט אָפּגעזיפצט, ווי ער זאָל זיך האָבן באַפרייט פון אַ משא. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער זאָל זוכן גורפינקלען. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער מיט בײדע הענט זיך געכאַפּט בײַם קאָפּ אַן אומבאַהאָלפענער.

גורפּינקלס רייד זענען אים שטעקן געבליבן אין מוח. ער האָט אויפגע־לייגט און צוריק צוניפגעלייגט די עטלעכע ברעזענטן. ער האָט אײַנ־געסדרט די אַפּאַנעס און די רעדער. ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט, פאַרמאַכט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער איז געווען פאַרזאָרגט.

ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרדאַגהטער און געשוויגן. אָבער ער האָט נישט געוואָגט זיך צו ווענדן צו גורפּינקלען. די ביוראָ איז איצט געווען ענג פאַר ביידע. איינער איז געווען פרעמד דעם צווייטן. מרדכי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. די הויט אויף אים האָט געציטערט בלויז פון געדאַנק, טאָמער וועט ער מוזן פאַרלאָזן דאָס שותפות. ער האָט געקריצט מיט די ציין און געביסן די ליפּן, טאָמער וועט רודל זיך דער־וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט נישט געוואָלט, זי זאָל אָנהייבן צווייפלען אין זײַנע מעגלעכקייטן, אויף אים קוקן ווי אויף אַ לא יוצלח און בײַ איר אויך פאַרלירן זײַן פּרעסטיזש.

זײַן פּנים איז געוואָרן אָנגעצויגן און שטאַר ווי אַ מאַסקע. זײַנע אויערן־שפּיצן האָבן אים געגליט פון ווייטיק. זײַנע נאָז־לעפּלעך האָבן געפלאַטערט. געווען טעג, ווען ער האָט געטראַכט צוגיין צו גורפּינקלען און אים איבערבעטן. ער האָט געוואָלט, ביידע זאָלן פאַרגעסן זייערע קעגנזײַטיקע באַשולדיקונגען. אָבער ער האָט געשוויגן, ווי ער זאָל זיך היטן פאַר יעדן זײַן וואָרט. ער האָט געוווסט, אַז זײַן קאַריערע איז אײַנגעשטעלט.

עטלעכע טעג נאָך דעם געשעעניש האָט ער אָנגעהויבן קומען אין ביוראָ גאַנץ פרי און געקוקט ווי זייערע מאַשינען וואָס זענען אַרויס אין וועג פאָרן פאַרביי. ער האָט זיי אויך אָפּגעוואַרט אין אָוונט ווען זיי זענען צוריקגעקומען געלאָדנטע. דעם טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין שטאָט. ער איז געגאַנגען פון איין באַנק אין דער אַנדערער און קאָנפערירט מיט די באַאַמטע. ער האָט זיי באַוויזן וויפל פאַרמעגן ער האָט און וויפל ער איז שולדיק, האָט בײַ זיי געבעטן הלוואות, געוואָלט אָפּקויפן גורפּינקלס העלפט פון שותפות.

אין די טעג איז גורפּינקל אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער. ער

האָט זיך משער געווען, אַז מרדכי זוכט זיך אַן אויסוועג. גורפינקל האָט זיך אויך געלאַנגווייליקט — נישט געהאַט צו וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. זײַן קרענצל ידידים זענען אויך נישט געקומען. זיי האָבן געוווּסט ווי מרדכי לײַדט זיי נישט.

גורפינקל איז געזעסן בײַם שרײַבטיש מיטן קאָפּ אין די הענט און אַרויסגעקוקט מרדכין. אָבער די לעצטע טעג איז ער נישט געקומען. אין אים האָט געברענט דער כעס וואָס גורפינקל וויל פון אים פּטור ווערן. ער האָט געוואָלט זיך באַווײַזן און איבערצײַגן גורפינקלען, רודלען, די שאָפערן און אַלע אַרומיקע צו וואָס ער איז פעיק. אָבער ער האָט ביז איצט נישט געזאָגט רודלען וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן אים און גורפינקלען. ער איז די גאַנצע צײַט אַרומגעגאַנגען מיט אַ געפיל, אַז ער וועט ווען עס איז מוזן זיך פאַרמעסטן מיט גורפינקלען. אָבער איצט, ווען ער איז שטיין געבליבן פאַר זײַןווירקלעכקייט, צו וועלכער ער אַליין האָט דערפירט, האָט ער פשוט זיך געשראָקן פאַר זײַן דרײַסטקייט. ער איז נישט געווען זיכער, צי ער וועט בײַשטיין זײַן נסיון, נישט מוזן אַוועקגיין פון שותפות און אַליין צעברעכן זײַן קאַריערע.

אין אַ דינסטיק, די זון איז שוין פון גאַנץ פרי געווען אַ הייסע, איז מרדכי אַ האָפערדיקער אַרײַן אין ביוראָ און אויפן קול געזאָגט „שלום!". גורפינקל, וואָס איז געשטאַנען בײַם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס, האָט זיך מיט אים דערפרייט, אָבער ער האָט אים געענטפערט נאָר מיט אַ קאָפּ־שאָקל. מרדכי איז שטיין געבליבן אים אַנטקעגן מיט פאַרלייגטע הענט פון הינטן ווי עס טוט עס גורפינקל און זיך אַ ווענד געטאָן צו אים פער „דו" ווי צו זײַנס גלײַכן און אים געזאָגט: איך האָב באַשלאָסן דיר אַרויסצאָלן פון שותפות... זײַן אַרט רעדן איז געווען, ווי ער זאָל זיך אונטערזינגען. וואָס אים צו זאָגן האָט מרדכי זיך אײַנגעחזרט דעם גאַנצן וועג.

גורפינקל האָט נישט תופס געווען וואָס מרדכי זאָגט אים. נאָר ווען אים איז קלאָר געוואָרן וואָס מרדכי וויל, איז אים פון איבעראַשונג העגגען געבליבן די אונטערשטע ליפּ. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער פאַר־זשמורעט די אויגן, ווי ער זאָל קוקן ווײַט. ער, וואָס איז געווען גרייט

צו אַלץ האָט אים געענטפערט: מסכים! מירן באַשטימען אַ שאַצער וואָס וועט אָפּשאַצן דאָס פאַרמעגן און מיר וועלן ווערן אויס שותפים... גור־פינקלען איז נישט אָנגעשטאַנען זיך אַרומרײַסן און ער האָט באַשלאָסן זיך נישט משפטן. ער האָט זיך פאַרקנעפּלט די מאַרינאַרקע, אַ הייב געטאָן די אַקסלען און אָן צו זאָגן „שלום" איז ער אַוועק אין גאַס.

מרדכי איז געבליבן אַ געפּלעפטער. מיט אַ מאָל האָט ער אָפּגעאָטעמט און אָפּגעזיפצט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט ווי ער זאָל וועלן זען, צי גורפינקל איז נישט צוריקגעקומען. פּאַמעלעך, מיט קליינע טריט ווי ער זאָל זיך אונטערגנבענען, איז ער צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט אויף גורפינקלס בענקל.

18

די טעג זענען געווען רעגנדיקע, דער הימל פאַרוואָלקנט. פון מאָל צו מאָל האָבן אָנגעטראָגענע ווינטן צעטריבן די וואָלקנס און איבער־געריסן דעם רעגן. אַמאָל איז אויך די זון אַפּירגעקומען, געפּרוווט שײַנען, אָבער באַלד האָט אַ וואָלקן זי צוריק איבערגעדעקט און עס האָט ווידער גערעגנט.

די ערשטע צײַט נאָך דעם ווי מרדכי האָט אויסגעצאָלט גורפינקלען, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ געבוקטער. זײַנע אַקסלען זענען געווען אויפ־געהויבן און גלײַך ווי ער זאָל אויף זיי טראָגן דעם עול. ער איז אַרומ־געגאַנגען און געשוויגן, געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך און אין זײַנע געשעפטן. זײַן שווײַגן איז געווען אויסגערעכנט. ער האָט געוואָלט די מענטשן פון אַרום און די מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן, זאָלן וויסן, אַז ער איז אַן ערנסטער מענטש. ער האָט זיך אויך געהיטן נישט פאַר־פּלאָנטערן אין אַ געשפּרעך און פון פחד פאַר זײַן מאַכט איצט. אָבער צו מענטשן האָט ער גערעדט מיט גאווה, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. ער האָט געוואָלט די מענטשן זאָלן אים אויסהערן און זײַן איבערצײַגט, אַז צו זיי רעדט דער גביר, דער בעל־הבית פון דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט.

מיט דער צײַט האָט ער באַקומען בטחון אויף אַזוי ווײַט ווי ער וואָלט מיט זײַן איצטיקן מעמד אויפגעוואַקסן בײַ זײַנע עלטערן. ער האָט שוין נישט געפּינטלט מיט די אויגן פון מורא, צי רעדט ער נאָר צו דער זאַך. צו די מענטשן, וואָס זענען געווען פון אים אָפּהענגיק, האָט ער גערעדט מיט גאווה — צו זײַנע אָנגעשטעלטע האָט ער גערעדט מיט באַפעל. מענטשן וואָס האָבן אים געקענט און נישט געמוזט צו אים אָנקומען, האָבן אים געמיטן. ער האָט דאָס אָנגענומען, אַז זיי שעצן אים. ער האָט אויך אויף יעדן פרעמדן געקוקט פון דער זײַט.

אריהן, דעם געהילף, האָט ער אויסגענוצט, ווי ער זאָל זײַן זײַן לײַב־קנעכט. ער האָט בכלל שוין נישט געדענקט, אַז ער האָט אים צוגעזאָגט העלפן באַקומען אַ פאַר־דערלויבעניש. אָבער יעדן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, האָט ער אים פאַרהאַלטן שעהען, ער זאָל אים באַדינען. ער האָט אים געשיקט קויפן אַן אָוונט־צײַטונג, געהייסן אים ברענגען סיגאַ־רעטן אָדער פײַקע־טאַבאַק. ער האָט נישט פאַרטראָגן דעם פּייקע־רויך, זיך געשטיקט מיט אים, אָבער האָט אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן די פּייקע אין מויל אַן אויסגעלאָשענע, צו מאַכן אַ רושם. ער האָט געטראָגן ברוינע הענטשקעס, פון חזיר־לעדער, מיט גרויסע מאַנקעטן, ווי עס טראָגן אַזעלכע, וואָס פירן אַן אייגענעם אויטאָ. ער האָט אריהן געהייסן אויפקאָכן און זיך דערלאַנגען אַ טערקישע קאַווע, וואָס ער האָט בלויז פאַרזוכט. ער האָט דאָס אַלץ פאַרלאַנגט, ווײַל ער האָט געוואָלט האָבן דאָס געפיל, אַז ער ווערט באַדינט. פון מאָל צו מאָל האָט ער אים אויך געהייסן צורוימען דאָס ביוראָ אָדער אים אויספּוצן די שיך.

ער איז געווען באַשעפטיקט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט אַלץ געטאָן אַליין, אָבער ער האָט כסדר מורא געהאַט, צי ער האָט נאָר נישט עפּעס פאַרגעסן. ער האָט געוואָלט באַשטיין דעם פאַרמעסט. נישט איין מאָל, ווען ער איז געבליבן אַליין אין ביוראָ האָט ער דערפילט איבער זיך די שטילקייט ווי זי זאָל ליגן אויף זײַנע אַקסלען. אָפט האָט זיך אים געשטעלט פאַר די אויגן ער אַליין ווי אַ האַלב־נאַקטער, נאָר אין די גאַטקעס, ווי ער שעפּט דעם זשוויר פון ים און ער גייט אָפּ אין שוויס. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אויך דערזען זײַן דאָרף אין פּאַלעסיע,

זײַן טאַטן נחומען, דער הויכער, דיקער ייִד מיט דער לאַנגער גרויער באָרד, אין דער קיטשמע ביז איבער די אויגן, זײַן מאַמע גבענדל, אַ הויכע, לײַביקע פרוי מיט אַן אָנגעצויגן ערנסט פּנים. אַן אויפגעטרייסלטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון טיש און גענומען שפּאַנען איבערן צימער, אַן איבערצײַגטער, אַז ער האָט געדרימלט און געחלומט.

ווי נאָר ער האָט זיך באַרויִקט, האָט זיך דערהערט אַ טעלעפאָן־קלונג. דאָס האָט אים געקלונגען אײַנער פון די דירעקטאָרן אין דער משכנתא־באַנק, ער זאָל קומען נעמען די אונטערגעחתמעטע אַקטן וואָס באַשטעטיקן, אַז ער האָט נאָר פאַרמשכנט זײַן טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. בשעת זייער געשפּרעך האָט דער דירעקטאָר אַרזי זיך נישט געוואָנדן צו אים מיטן פּריוואַטן נאָמען „הער מרדכי" נאָר אים טיטולירט „הער בערעזין", אַ באַווײַז פון אָנערקענונג, און אים אויך פאַרבעטן אויף מיטאָג. פון איבעראַשונג האָט מרדכי אים אַפילו נישט געדאַנקט. ער האָט נאָר אַ מורמל געטאָן: יאָ, יאָ... און אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, ווי ער זאָל זיך האָבן אָפּגעבריט.

ווען מרדכי איז צו אים אַרײַן אין באַנק, איז אַרזי, אַ מיטלוואוקסי־קער מיט אַ צעקנייטשט פּנים, גרויסע אויגן, ווי פון גלאָז מיט לאַנגע, שיטערע גרויע האָר, אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— ברוך הבא, הער בערעזין — האָט ער אים אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט דער צווייטער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע. אַרזי האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, געזאָגט: יאָ מיר גייען! און אים געוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל גיין דער ערשטער. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע ביז מרדכי האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיינט אַרזי אים און איז אַרויס דער ערשטער. אָבער ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט איין אויג פון דער זײַט צי ער חוזקט נישט פון אים. זײַן בליק איז געווען פול מיט חשד.

— מיר וועלן זיך איבערשפּאַצירן? — האָט אַרזי אים געפרעגט.

— זיכער! — האָט מרדכי אים געענטפערט אַ צופרידענער, וואָס מענטשן אין גאַס וועלן אים זען צוזאַמען מיט אַרזין.

אַרזי האָט אים אַוועקגעפירט אין „טעם" אויף דער צווייטער עק

גאַס. דער לאָקאַל איז געווען גרויס און לאַנג, באַלויכטן אין מיטן העלן טאָג. די שיין פון די לאָמפּן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער ווײַסקייט פון די טישטעכער אויף די טישן. נאָר עטלעכע טישלעך זענען געווען באַזעצט. די געסט זענען זיך ערשט צונויפגעקומען. ארזי האָט אים צוגעפירט צו אַ געדעקטן טיש און ווידער מיט דער האַנט אים אָנגעוויזן דעם פּלאַץ און אַליין זיך אַוועקגעזעצט. מרדכי איז ווי אַרײַנגעפאַלן אין דעם האַלב־געבעטן בענקל. ער האָט אַ קרעכץ געטאָן פון תענוג און אַ קוק געטאָן פון אונטערן שטערן, צי מענטשן האָבן געהערט. דער הויכער, שלאַנקער קעלנער מיט שוואַרצע געפּרעסטע הויזן און ווײַסן געשטײַפטן העמד, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט, איז גלײַך צוגעגאַנגען און זיך פאַר זיי פאַרנייגט.

— וואָס באַשטעלט איר? — האָט ארזי געפרעגט מרדכין.

— דאָס וואָס איר — האָט ער אים געענטפערט, ווי אין שפּאַס.

— און וואָס טרינקט איר? — האָט ארזי אים געפרעגט.

— אַ קאָניאַק!

— צוויי פּריקאַסע, אַ קאָניאַק און אַ ראָז־וויין — האָט ארזי באַשטעלט. דער קעלנער האָט זיך פאַרנייגט. אַ צײַט זענען זיי געזעסן זיך אַנטקעגן און געשוויגן. נאָר ווען ארזי האָט אים אַ פרעג געטאָן, ווי עס גייען די געשעפטן, האָט מרדכי אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. ער איז נישט גרייט געווען אויף דער פראַגע, אָבער ער האָט אים געענטפערט: אײַער געלט איז געזיכערט... און ער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מײַן געלט?... האָט ארזי אים געפרעגט.

דער קעלנער האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די באַשטעלונג. ארזי האָט גענומען עסן. מרדכי האָט מיט דער סערוועטקע אויסגעווישט דאָס מעסער און דעם גאָפּל. ער האָט דערמיט געוווּנען צײַט, געזען, ווי אַזוי ארזי עסט און אויך גענומען עסן, פּאַמעלעך, ווי ער זאָל מורא האָבן אַביינדל זאָל אים נישט שטעקן בלײַבן אין קעל און נישט געפילט קיין טעם אין דעם עסן.

בשעתן עסן האָט ער זיך פאַרגעשטעלט און גערימט פאַר ארזין: מײַן פירמע איז אויך אַ קליינע באַנק. מײַנע אײַנקונפטן זענען געזיכערט

ווי רעגירונגס־קופּאָנען. איך האָב גוטע מאַשינען און געהעריקע מענטשן. זיי היטן מײַן פֿאַרמעגן און זייער פּרנסה. אַז איך האָב, האָבן זיי אויך. די אַרבעט בײַ מיר איז אַ סטאַבילע. טאָג־נאָך־טאָג פֿאָרן מײַנע מאַשינען אין צפֿון און ברענגען בוי־מאַטעריאַלן. יעדן ערשטן קריג איך אַ טשעק...

ער האָט געגעסן פּאַמעלעך, ווי ער זאָל דזשאַמדזשען און געגאַגט די ביינדלעך.

ווען ארזי האָט געענדיקט עסן, האָט מרדכי אויך אָוועקגערוקט זײַן טעלער.

— צוויי שפּאַרגל זופּן — האָט ארזי באַשטעלט אָן צו פֿרעגן מרדכין.

ווען דער קעלנער האָט געבראַכט די זופּן האָט ארזי בײַ אים באַשטעלט „צוויי שניצלען מיט בײַלאַגן". ביידע האָבן געגעסן און געשוויגן. די זופּ האָט מרדכין נישט געשמעקט, זי איז אים געווען צו זויער. דאָך האָט ער זי געגעסן מיט פֿולע לעפֿל. ווען זיי האָבן געענדיקט די זופּ און דער קעלנער האָט זיי געבראַכט דאָס פֿלייש, האָט ארזי באַשטעלט „צוויי מאָל קאַראַמעל". מרדכי האָט דער ערשטער גענומען עסן. נאָכן ערשטן ביסן האָט ער אויסגעטרונקען דאָס ביסל געבליבענע קאָניאַק. אויך דאָס פֿלייש האָט ער געגעסן פּאַמעלעך, ווי ער זאָל האָבן פֿרעמדע ציין. נאָר די קאַרטאָפֿל האָט ער געגעסן מיט הנאה און דערבײַ ווײַטער זיך געריממט פֿאַר ארזין. ער האָט געוואָלט, אַז ארזי זאָל וויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן און מיט וועמען ער עסט צוזאַמען מיטאָג.

— מיסטער ארזי, באמנות, איך האָב נישט געוואָלט פֿאַרטרײַבן גורפֿינקלען פֿון שותּפֿות. ער איז טאַקע אַ ייִד פֿון פֿראַנקרײַך, אָבער נישט קיין שלעכטער מענטש. אָבער איך בין מיט אים נישט אויסגעקומען. ער האָט כּסדר פֿאַרגעסן און פֿאַרנאַכלעסיקט די ענינים, אָבער איך האָב אָוועקגעקוקט... ארזי, וואָס האָט זיך צוגעהערט און געשוויגן. האָט אים איצט אָנגעקוקט. ער האָט געוווּסט אַלץ וואָס איז צווישן זיי פֿאָרגעקומען. מרדכי האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן. ארזיס בליק האָט אים אדורכגענומען.

דער קעלנער האָט פֿאַר זיי אָוועקגעשטעלט די פּאַרציעס קאַראַמעל. מרדכי האָט זיך געפֿילט נישט באַקוועם. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ארזי

גליבט אים נישט און זיך גענומען פאַרענטפערן: איך בין נישט שולדיק, וואָס גורפינקל איז אַוועק פון שותפות. אַזוי האָט ער געוואָלט... מרדכי האָט אָוועקגערוקט דעם טעלער און זיך צוגערוקט דעם „קאַראַמעל" און ערשט איצט פאַרענדיקט דעם שמועס: נאָר אַז ער האָט געשטעלט דעם באַדינג „ער אַדער איך", האָב איך נישט געהאַט קיין אויסוועג"... מרדכי האָט געהאַלטן די אויגן אינעם טעלער און גענומען עסן דעם קאַראַמעל. דאָס מאכל האָט ער געשלונגען מיט פולע לעפעלעך.

ווען זיי האָבן געענדיקט עסן, האָבן בײדע אָפּגעאָטעמט — ארזי פון הנאה, מרדכי — אַז ער איז איבערגעקומען דאָס מיטאָג.

— אַ קאַווע? — האָט ארזי אים געפרעגט. מרדכי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט, אָבער געלאָזט זיך מכבד זיין פון ארזין מיט אַ לאַנגן, שמאָלן ווירדזשיניע־סיגאַר, האָט גערויכערט און זיך געקרעקט. ארזי האָט זיך נישט געמאַכט זען ווי אַזוי מרדכי רויכערט. דער קעלנער האָט צוגעטראָגן דעם חשבון אויף אַ טעלער. ארזי האָט אונטערגעשריבן. דער קעלנער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַוועק.

— אין פוילן האָט איר זיך אויך פאַרנומען מיט טראַנספּאָרט? — האָט ארזי אים געפרעגט.

מרדכי האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט געוואָלט זיך איבערצייגן וואָס ארזי איז אויסן מיט זיין פראַגע. אָבער ער האָט דערפילט, אַז איצט איז געקומען זיין געלעגנהייט און ער האָט זי אויסגענוצט. ער האָט זיך אונטערגעבויגן, ווי ער זאָל זיך וועלן איבערזעצן און גענומען דערציילן: אין פוילן האָב איך געאַרבעט אין דער האָלץ־בראַנזשע. איך שטאַם פון אַ וואַלדיקער געגנט. ווינטער האָבן די פויערים געפירט מיט שליטנס צו דער באַן די אָראָפּגעלאָזטע קלעצער. זומער האָט מען די קלעצער צונויפגעבונדן, געמאַכט טראַטוועס און זיי געלאָזט מיטן שטראָם ביז דאַנציג. אונדזערע קאַנטן זענען געווען געבענטשט מיט טיפע, געדיכטע וועלדער און שטראָמענדיקע טייכן. אונדזער געהילץ איז זיך צעגאַנגען איבער אַ סך לענדער... דאָס אַלץ האָט ער געוווּסט פון די האָלץ־פאַבליייט, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אין די וועלדער.

מרדכי וואָלט אים געוועין דערציילט נאָך און נאָך. אָבער ארזי האָט

אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און געזאָגט: געווען אָנגענומען... מרדכי האָט אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַ צופֿרידענער. ביידע האָבן זיך אויפֿגע־שטעלט און זיך אין אײנעם אַוועק צום אַרויסגאַנג.

אויף דער גאַס האָט אַ מילד זומער־ווינטל זיי אַ ווייע געטאָן אין די פּנימער. — אה־ה! — האָט מרדכי אָפּגעאָטעמט. אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען, ווי זיי זאָלן אויף וועמען וואַרטן. נאָר ווען אַ טעקסי איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן, האָט מרדכי זי אָפּגעשטעלט און אַ ווײַז געטאָן ארזין מיט דער האַנט, ער זאָל אײַנשטײַגן.

— אָ, אַ דאַנק, נאָך אַזאַ מיטאָג מוז איך זיך אַדורכגיין — האָט ארזי אויסגעשטרעקט מרדכין די האַנט און אים געזאָגט „צום ווידערזען".

— יאָ, יאָ, מירן זיך זען — האָט מרדכי אים פֿאַרזיכערט און אים געדריקט די האַנט. מרדכי איז אײַנגעשטיגן, ארזי איז אַוועק אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג.

נאָך דער טרעפֿונג מיט ארזין האָט מרדכי באַקומען קוראַזש. ער האָט גענומען אַ קאַסעטע אין באַנק און אין איר פֿאַרשלאָסן אַלע זײַנע אָפּמאַכן. ער האָט אויך באַשלאָסן, אַז ער נייטיקט זיך אין מער פֿרײַער צײַט, ער זאָל זיך קאָנען טרעפֿן מיט מענטשן. דערצו איז אים נייטיק אַ סעקרעטאַרין. שוין צומאָרגנס האָט ער געזוכט אין די צײַטונגס־אַנאָנסן אַ פּאַסיקע סעקרעטאַרין. ער האָט געקלונגען אויף עטלעכע פּלעצער און זיך נאָכגעפֿרעגט, אָבער יעדעס מאָל נאָך אַ קורצן געשפּרעך אַוועקגע־לייגט דאָס טרײַבל. די קאַנדידאַטקעס זענען אים נישט געווען פּאַסיק. ערשט דאָס לעצטע מאָל האָט ער אָנגעקלונגען און צוגעוואַרט, ביז עס איז צוגעקומען די קאַנדידאַטין. נאָך אַ גאַנץ קורצן געשפּרעך מיט איר האָט ער איר געהייסן קומען.

אַ שעה שפּעטער איז צו אים אַריין אַ פֿאַריאָכמערטע פֿון מורא, צי זי האָט נאָר נישט פֿאַרשפּעטיקט, אַ הויכע, דיקלעכע פֿרײַליין. אירע קײַלע־כיקע אָרעמס זענען געווען אַנטבלויזט. זי האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט: „מיראַ, די סעקרעטאַרין. איר האָט מיר געהייסן קומען"... אויך איר קול איז געווען דיק. מרדכי האָט זי אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

זי האָט געהאַט אַן אָוואַל מאַט פּנים, דיקע ברעמען איבער גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ קורץ נעזל. אירע שוואַרצע אונטערגעשוירעגע האָר זענען געווען אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל און אַראָפּגעהאָנגען ווי אַ פערד־ווײדל. זי איז אים געפעלן, איבערהויפּט אירע געפאַרעמטע פיס.

— איר קאָנט בוכאַלטעריע? — האָט ער זי געפרעגט מיט אַ דיק, ווי הייזעריק קול פון אויפרעגונג.

— איך פיר זעלבשטענדיק אַ קאַרטאָטעקע — האָט זי אים געענט־פערט מיט אַ ברייטן שמייכל אויפן פּנים.

— קומט מאָרגן צו דער אַרבעט... וועגן באַדינגונגען וועלן מיר רעדן ווען איך וועל זען אײַער אַרבעט, — האָט ער איר געענטפערט שוין מיט אַ ווייכער שטימע, ווי ער זאָל זײַן בקי אין איר אַרבעט.

— אַ דאַנק! — האָט זי אים געזאָגט און געוואָלט שוין גיין.

— איר דאַרפט זײַן פּונקט אַכט אַזייגער בײַ דער אַרבעט, — האָט ער איר געזאָגט שוין מיט אַ שטרענגן טאָן ווי אַ בעל־הבית.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז זי האָט געהערט, אים געזאָגט אַן אָפיציעלן שלום און זי איז אַוועק.

ער איז זיצן געבליבן מיט אַ מאַט פּנים, אָן אויסדרוק. ער האָט ווידער זיך דערשראָקן פאַר זײַן געוואַגטקייט, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער גענומען באַמבלען מיט די שפּיץ־פינגער אויפן טיש אַ צופרידע־נער. איצט האָט ער אַ סעקרעטאַרין און וועט אויך זײַן פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין די חשבונות.

מיראַ האָט געהאַט איר אַרבעט. מרדכי איז געזעסן בײַם שרײַבטיש, ווי ער זאָל אויף איר אויפּפּאַסן. זי האָט פון זײַן שווײַגן און באַנעמען זיך שוין פאַרשטאַנען, אַז זי קאָן פון אים נישט באַקומען די מינדסטע הילף אין דער אַרבעט. ער אַליין איז געווען אָנגעשטרענגט. ער איז נישט געווען זיכער, צי ער פירט זיך אויף ווי אַ בעל־הבית, אָבער אין אַ פאַרמיטאָג, ווען זי האָט זיך צו אים אַ ווענד געטאָן: „הער דירעקטאָר, איר וועט טרינקען אַ קאַווע?"... איז ער זיצן געבליבן אַ געפּלעפטער. ער איז נישט געווען גרייט אויף איר פראַגע און האָט נישט געוווסט

וואָס ער זאָל איר ענטפערן. אָבער אין מאָמענט האָט ער איר געזאָגט: „יאָ, דו קאָנסט מיר מאַכן אַ שוואַרצע”... דאָס האָט ער איר דאָס ערשטע מאָל געזאָגט „דו”. אַ שמייכל, ווי אַ גרימאַס, האָט אויסגעקרומט זײַן פּנים.

19

די זונען־שטראַלן זענען קורצע, זייער היץ אַ מילדע, דער הימל בלוי, פאַרצויגן מיט ווײַסע געקאַרבטע וואָלקנדלעך וואָס זעען אויס ווי אַ פונאַנדערגעלאָזטע סטאַדע שאָף. פון מאָל צו מאָל לויפט אָן אַ האַרבסט־ווינטל, וואָס גיט אַ טרייסל די צווײַגן און עס פאַלן בלעטער.

מרדכי איז האָפערדיק און אויפגעלייגט. ער טראָגט גרויע הויזן, אַ גאָלף־סוועטער און אַ גאַבאַרדינענע קורטקע. די פּײַקע לאָזט ער נישט אַרויס פון מויל. אויפן קליינעם לינקן פינגער טראָגט ער אַ גאָלדענעם סיגנעט. רודל זעט אַלץ, אָבער זי שווײַגט. ער האָט מיט איר נישט קיין געמיינזאַמס. זיי זענען זיך ווי פרעמד. דאָס שותפותדיקע צווישן זיי איז זייער זון. ער קריכט שוין אַרום איבער די חדרים און קומט אין אַלע ווינקלען.

די היים געהערט נאָר רודלען מיט איר זון. מרדכי פירט זײַן לעבן אומעטום נאָר נישט אין שטוב. מיראַ, זײַן סעקרעטאַרין פירט אים נישט נאָר די קאָרטאָטעקע. זי פירט אויס יעדן זײַן פאַרלאַנג און באַמיט זיך צו פאַרשטיין זײַן יעדן ווונק. ער גלייבט אין זײַן מאַכט, אָבער אויך דעם אָנשטעל זעצט ער פאַר. אָפט, זיצנדיק בײַם שרײַבטיש, גיט ער אַ שטרעק אויס דעם קאָפּ, זײַן בליק ווערט שטאַר און דערשטוינט ווי עס זאָל אים האָבן אײַנגעפאַלן אַ וויכטיקער געדאַנק, וואָס איז אים שווער צו צעקײַען.

ער איז אויך קאַרג אויף אַ וואָרט — דאָס פאַרלאַנגט זײַן אָנשטעל. ער היט זיך, מענטשן זאָלן נישט דערקענען ווער ער איז אין דער ווירקלעכקייט. דער איינציקער מענטש, צו וועמען ער איז צוגעלאָזן, איז מיראַ. דאָס טוט ער פון לאַנגווײַל און צופרידנקייט. ער האַלט די סעקרע־

טאַרין נישט אַזוי צוליב דער אַרבעט ווי צוליב זײַן אויטאָריטעט. דאָס וואָס ער האָט ביז איצט נישט דערגרייכט בײַ זיך אין שטוב, ווו ער מוז זיך רעכענען מיט יעדן וואָרט.

מיראַ איז אַ טאָכטער פֿון אַ בוי־אַרבעטער וואָס מאַכט רעמאָנטן. דאָס יונגע פֿרײַלײַן באַזיצט אַ פֿאָלקסשולע, האָט געענדיקט אַ בוכאַלטעריע־קורס און לייענט ליבע־ראָמאַנען. זי דערלאַנגט מרדכין אַ קאַווע און זעצט זיך אַוועק אים אַנטקעגן מיט אַ פֿאַרלייגטן פֿוס. מרדכי שטרעקט אויס דעם האַלדז ווי אַ גאַנדז ווען זי דערשפּירט דעם ריח פֿון האָבער. ווען דאָס געשעעט גיט ער אַ לאַנגן און הויכן זופּ פֿון דער קאַווע. אַמאָל דערציילט ער איר דערבײַ אַ פֿעטן וויץ פֿון די צײַטן ווען ער האָט געאַרבעט אַלס שאָפֿער. זי לאַכט פֿון יעדן זײַן וויץ. דאָס איז איר באַווײַז, אַז דער וויץ איז אַ געלונגענער. ווי דרך־אגב גייט זי צו און שטעלט זיך צו אים צו ווי אַן אומשולדיק מיידל. ער נעמט זי אַרום, ווי ער זאָל זײַן איר טאַטע און זי טוליעט זיך צו אים. אָבער נישט איין מאָל האָט ער זי פֿון זיך אויך ווי אָפּגעשטופּט, ווי ער זאָל זיך האָבן אָפּגעבריט. דאָס איז געשען ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז נאָר זײַן סעקרעטאַרין. ער האָט זיך דערצו נאָכנישט צוגעוווינט.

מיט דער צײַט האָט די פֿרעמדקייט צו איר כסדר זיך געלינדערט. ער פּאַסט נאָר אויף, זי זאָל זיך צו אים באַציִען ווי צום בעל־הבית, אָבער ער דערציילט איר ווי אַזוי ער אונטערהאַנדלט מיט די סוחרים, וואָס פֿאַראַ באַדינגונגען ער שטעלט די בענק און ווי אַזוי ער איז זיי גובר. זי לאָזט אים רעדן, פֿאַרשטייט, אַז ער דאַרף זיך פֿאַר איר אַראָפּרעדן. דאָך האָט זי איין מאָל אים אַ זאָג געטאָן:

— איצט וועל איך דיר דערציילן ווי דאָס לעבן איז פֿאַרוויקלט...

— האָא?! — האָט ער נישט פֿאַרשטאַנען איר כוונה. אַ בייזלעכער גרימאַס האָט אויסגעקרומט זײַן פּנים. זי האָט שוין מער נישט גערעדט.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי דאָך צו אים געזאָגט: כ׳האָב געלייענט אין אַ בוך, ווי אַ דירעקטאָר פֿאַרפֿירט זײַן יונגע סעקרעטאַרין... ער האָט זי אָנגעקוקט מיט איין אויג פֿון דער זײַט. זי האָט אויפֿגעכאַפּט זײַן בליק און געוואָרן צעטומלט. מיט אַ מאָל איז איר מאָדנע קלאָר געוואָרן,

אַז אַזעלכע רייד טוען אים ווי. וועגן זײַן ווײַב און זײַן זון האָט ער קיינמאָל נישט דערמאָנט, ווי זיי זאָלן נישט עקזיסטירן. גאַנץ אָפּט, ווען זי איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן: יאָ, מיידל!... זי האָט שוין געוווסט וואָס דאָס באַדײַט. דעמאָלט האָט ער מיטאָגצייט פאַרשלאָסן דאָס ביוראָ און מיט איר געגאַנגען עסן מיטאָג. דערנאָך איז זי מיט אים געגאַנגען אויסקלײַבן אַ העמד אָדער אַ קראַוואַט. איר האָט ער געקויפט עפּעס אַ ביליקע זאַך.

מרדכי פירט זײַן פירמע. די אַרבעט טוען זײַנע שאָפערן און מירא. ער האָט אַ סך צײַט און לאַנגווײַליקט זיך. ער האָט פּשוט מיט זיך נישט וואָס צו טאָן. אויך זײַנע באַציונגען מיט מירען זענען פאַר אים שוין אַ רעגל. זײַנע אײַנקונפטן זענען געזיכערטע. ער שאָפט זיך מיט זײַנע אייגענע און פרעמדע מענטשן, אָבער ער איז עלנט, אָפּגעריסן פון זײַן משפחה און פון דער געזעלשאַפט. ער הערשט נאָר אין זײַן געשעפט, אָבער ער נייטיקט זיך אין אַ געזעלשאַפט וואָס זאָל אים איצט פּאַסן.

אַ געוויסע צײַט האָט ער זיך געפּרוווט דערנענטערן צו געוויסע סוחרים און העכערע באַאַמטע. מיט אייניקע פון זיי האָט ער זיך עטלעכע מאָל געטראָפן אין פאַרשידענע קאַפעען, אָבער זײַן אויספיר איז געווען: איך וועל מוזן צו זיי גיין מיט מײַן ווײַב... איר שאָטן איז אים נאָכגע־גאַנגען. אויך די שמועסן מיט זיי וועגן מסחר זענען אים גיך געוואָרן איבעריק. פּאָליטיק איז פאַר אים געווען נאָר אַ באַגריף. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט מיט זיי איבערגעריסן. ער האָט אויך אויפ־געהערט קומען אין די קאַפע־הייזער אויף אַלענבי־גאַס, ווו די באַזוכער זענען געווען באַלעבאַטישע מענטשן. ער קומט איצט אין די קאַפעען אויף דיזענגאָף־גאַס, ווו עס קומט די יוגנט. דאָרט איז ער אויך געזעסן אין מיטן טאָג ביי אַ שאָל קאַווע אָדער אַ גלעזל קאָניאַק און מיט דער אויסגעלאָשענער פּײַקע אין מויל.

אָבער אַמליבסטן האָט ער גערן געהאַט קומען אין קאַפע „ראָז", ווו עס איז זיך צונויפגעקומען די קינסטלער־באָהעמע. אַהין איז ער געקומען נאָך בײַ טאָג און געבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָרט האָט ער געגעסן און געטרונקען. כמעט יעדן אָוונט האָט ער אויסגע־

טרונקען צוויי־דריי גלעזלעך קאָניאַק. ער האָט דאָרט גערן געהאַט דעם רעש און די מענטשן, וואָס פירן זיך אויף אָן צערעמאָניע. די מענטשן דאָרט זענען געקומען, זיך צוגעזעצט צו יעדן איינעם אָן צו פרעגן און געשוויגן. זיי זיצן אָפּ אַ צײַט און גייען אַוועק אָן צו זאָגן אַ וואָרט. ער זיצט און הערט זיך צו צו די שמועסן פון די קינסטלער אָדער צו אַ פּאָליטישן וויכוח צווישן אַ גרופּע מענטשן. די אַלע ענינים האָבן אים אָבער נישט אינטערעסירט. אויך אין „ראָז" איז ער געבליבן נאָר אַ צושויער און ניט איינער פון זיי.

יעדן שבת פאַר מיטאָג איז זיך אין קאַפע צונויפגעקומען דער אָרטי־קער פּאַרלאַמענט. דאָרט זענען אַדורכגערעדט געוואָרן אַלע געשעענישן פון דער וואָך. אין איינעם פון די שבתים האָט מרדכי זיך אויך צוגעזעצט צו זייערן אַ טיש אַ נישט־געבעטענער און זיך צוגעהערט צו די וויכוחים. דער נידעריקער, ברייטבייניקער קעלנער מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז און צעשויבערטן קאָפּ, ווי אַ קופּע שטרוי, האָט אים אַוועקגעשטעלט אַ טעלער טשאָלנט. זײַן שכן בײַ דער זײַט, אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ לאַנגן פּנים, שפּיציקער גאָמבע און לאַנגער, דינער נאָז האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלעזל קאָניאַק און אים געזאָגט: לחיים!

— לחיים! — האָט מרדכי אים געענטפערט און זיי האָבן אויסגעטרונ־קען. אָבער אויך פון דאַנען איז מרדכי אַוועק אַליין.

לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן קומען אין די ביוראָען וווּ עס אַרבעטן פרויען. אין די בענק זענען די באַאַמטינס געווען באַשעפטיקט און נישט געהאַט קיין צײַט צו אים. אָבער אויך בײַ זיי האָט ער געפּרוווט זײַן מזל. גערן איז ער געקומען אין די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, וווּ עס האָבן געאַרבעט אַ סך פרויען, וואָס האָבן יאָ געהאַט צו אים צײַט. איינער האָט ער געוואָרפן אַ קאָמפּלימענט: אָ, וואָס פאַרא פיס!... און זיי באַוווּנדערט מעשה מבין. אַ צווייטער האָט ער געזאָגט: מיט אַזאַ פיגור דערגייט מען ווײַט... איינע האָט זיך נישט געמאַכט הערן זײַן באַמער־קונג, די צווייטע האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט פון מאָל צו מאָל אויך ווען פון זיי אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ. איינע האָט אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעטרייסלט פון אים. אַ צווייטע האָט אים אָנגעקוקט

מיט פאַרחלומטע אויגן. ער האָט זיך שוין אויך דערלויבט װעמען פון זיי אַ זאָג טאָן פון װײַטנס אויפן קול: „האו יו?"... אַלע זאָלן הערן, אַז ער רעדט ענגליש און אַז ער האָט צו טאָן מיט מיידלעך.

מיט דער צײַט איז ער געװאָרן נאָענט מיט מאַריאַסען — אַזוי האָבן אַלע אין ביוראָ זי גערופן. זי איז געװען אַ הויך. קאָרפּולענט פרײַלײַן. שוין אין די דרײַסיקער יאָרן. זי האָט געהאַט רויטע, צוגעשװירענע האָר, אַ לענגלעך פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, װאָס האָבן איר צוגעגעבן רייץ. זי מיט איר פֿאָטער האָבן געװוינט אין שכונת שפּאַק אין אַ דירה פון אַנדערהאַלבן צימער. ער איז געװען אַן אַלטער ייִד, אַ דאַרער און הויכער, מיט פרעמדע ציין, װאָס זענען אים געװען לויז אין מויל. ער האָט באַקומען שטיצע פון זײַנס אַ קרובֿ אין אַמעריקע. אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט איז ער געגאַנגען איבער די קלובן און קאַפעען, װוּ מען האָט געשפּילט שאָך און געקיבעצט. געשטאַמט האָט ער פון לעטלאַנד.

מאַריאַסאַ איז געװען אַ קװאַליפיצירטע באַאַמטין, זיך אויסגעקענט אין אַלע מיני פאַרזיכערונגען, אָבער זי איז נישט געװען באַליבט בײַ דער אַרבעט. די אַנדערע באַאַמטינס זענען געװען אַ סך ייִנגער װי זי. די מענער האָבן זי געמיטן. זי האָט גערן גערעדט ניבול־פּה און כּסדר געזעסן אין קאַפעען. כּמעט נישט געװען קיין קאַפע אין שטאָט, װוּ זי איז נישט געװען. זי האָט אין די קאַפעען געלייענט אַ בוך און אויך איבערגעקוקט די זשורנאַלן. זי האָט ליב געהאַט טאַנצן און נישט איבער־געקליבן די מענער. זי האָט געװוּסט פון פאַרויס, אַז יעדער מאַן איז בײַ איר נאָר אַ פאַרבײַגייענדער באַקאַנטער.

אַנדערש האָט זי זיך באַצויגן צו מרדכין. זי האָט נישט געװוּסט, און ס'האָט זי אויך נישט אינטערעסירט, צי ער איז אַ בעל־משפּחה. זי האָט אים געקענט פון די פאַרזיכערונגען װאָס ער האָט בײַ זיי געמאַכט. ער, דער עלעגאַנטער הער, שטענדיק מיט דער פּײַפע אין מויל אין די גרויסע לעדערנע הענטשקעס, מיט זײַן בלאָנדער צעשױבערטער טשופּרינע איז איר געפעלן. זי האָט צו אים געקלונגען און אָפּגעשטימט װוּ אַהין זי זאָל קומען, אָבער זי האָט שטענדיק אויף אים געװאַרט. זי האָט געװוּסט, אַז ער װיל עס.

זיי האָבן פאַרברענגט איז די פאַרנעמסטע לאָקאַלן, ווו די זשיראַנדאָלן האָבן געברענט אַ גאַנצן טאָג, ווו מען האָט געטראָטן אויף לינאָלעומס און טעפּיכער און די קעלנערס, וואָס האָבן באַדינט, האָבן צו יעדן געשמייכלט. ווען זיי האָבן געוואָלט, מען זאָל זיי נישט שטערן און נישט קענען, זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. געווען אויך אָוונטן, ווען זי איז מיט אים געקומען אין „ראָז” אָדער אין „קנקן”. זי איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז אַלע אירע באַקאַנטע זאָלן זען ווי זי פאַרברענגט מיט אַ סטאַבילן ידיד, אַ שיינעם, עלעגאַנטן הער. זיי זענען דערנאָך געפאָרן אין אַ דערבייַיִק שטעטל פאַרברענגען אין אַ האָטעל. דאָרט האָט זי זיך געפירט ווי די אַמאָליקע דאַמעס אין לעטלאַנד. ער האָט דאָס געטאָן אָן ווילן. ער איז געווען זיכערער ביַי איר אין שטוב. אָבער זי איז באַשטאַנען דאַרויף.

יעדעס מאָל ווען ער איז אַריַין צו איר אין שטוב, איז ער שטיין געבליבן פאַרן אַריַינגאַנג און זיך אומגעקוקט צי מען גייט אים נישט נאָך. ער האָט מורא געהאַט, צי ער שטעלט נישט איַין זיַין קאַריערע וואָס ער האָט שוין דערגרייכט.

ער איז אַרומגעגאַנגען און געשוויגן. מירען האָט ער נישט געקוקט אין די אויגן. אין שטוב איז ער געקומען שפּעט, ער זאָל נישט מוזן זיך אַדורכוווערטלען מיט רודלען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכליניעטער פון תענוג. מאַריאַסאַ האָט פאַר אים געעפנט די קורטינע און אים באַוויזן דאָס פאַרבאַרגענע אין לעבן, צו וואָס ער האָט אַזוי געשטרעבט.

אַלע, מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין געשעפטלעכן און אַרבעטס־קאָנטאַקט, האָבן אים אָקעגן געטראָגן דעם שלום. אָבער קיינער פון זיי האָט אים נישט געשעצט. כמעט אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז שוואַך אויף דער פעדער און אַז ער גריבלט זיך נישט אין די קליינע אותיות. זיי האָבן אָבער אָפּגעשאַצט זייַנע פעיִקייטן. אַלע האָבן געוווסט, אַז ער איז אַ נייַער עולה וואָס האָט זיך אַרויפגעאַרבעט. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געוווסט פון וואַנען און ווי אַזוי ער איז געקומען צו זייַנע געשעפטן.

ביַי די מענטשן אין גאַס איז ער געווען דער בעל־הבית פון דער

טראַנספּאָרט־געזעלשאַפֿט און זיי האָבן געזוכט זײַן קאָנטשאַפּט. אָבער בײַ זיך אין שטוב איז ער געווען דער מאַן פֿון דער אינטעליגענטער פֿרוי, וואָס שטאַמט פֿון אַ גוטער היים און זיך געמוזט היטן מיט יעדן וואָרט. לעצטנס איז ער געקומען אַהיים בלויז שלאָפֿן. געגעסן האָט ער אין שטאָט.

ער האָט געזען, אַז רודלס באַקן זענען אָפּגעצויגן, אירע אויגן אײַנגעפֿאַלן און אונטערגעהאַקט. ער האָט זי חושד געווען, אַז זי ווייסט וועגן זײַנע אַוואַנטורעס און האָט געטאָן אַלץ, זי זאָל נישט געפֿינען אַ מעגלעכקייט זיך מיט אים אָפּרעכענען. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל אים באַשולדיקן און דער סקאַנדאַל זאָל דערגיין צו די מענטשן פֿון זײַן איצטיקער ספֿערע.

רודל איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטע, מלא כּעס און געשוויגן. ער האָט אַרײַנגעטראַכט ווי אַזוי ער דאַרף רעאַגירן. ער האָט אָבער נישט פֿאַרשטאַנען, אַז נאָר פֿון בושה קאָן זי מיט אים נישט רעדן. בלויז אויפֿן געדאַנק, אַז זי וועט מיט אים מוזן רעדן האָט זי באַקומען האַרצקלאַפּעניש. זי האָט געפֿילט, אַז איר כּבֿוד איז צעטרעטן. זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט זיך צו אים ווענדן. זי האָט אויך נישט געוואָלט אים מאַכן אַ סקאַנדאַל, מענטשן זאָלן וויסן וואָס צווישן זיי קומט פֿאָר.

זי שלאָפֿט נישט די נעכט. זי שטייט אויף באַגינען און נעמט זיך פֿאָרען. זי רוימט, קאָכט, באַקט און וואַשט. זי אַרבעט איבער די כּוחות. זי וויל איר ווױנונג זאָל זײַן אַ שיינע, אויוטנע היים. אָפֿט זאָגט זי זיך: יאָ, ביין, איך גיי שוין... זי זאָל הערן איר אייגן קול, זיך איבערצײַגן, אַז זי איז נישט שטום. טעג שלײַכט זי זיך איבער די צימערן ווי נאָך איר אייגענעם שאָטן, אַ פֿאַרשמאַכטע. נאָר ווען זי דערהערט דעם זונס רוף „מאַמע!“ אָדער זײַן געשריי „קום“! דעמאָלט גיבן אירע אויגן אַ פֿינקל פֿון פֿרייד און זי גייט זען וואָס ער וויל. זי לעבט איבער איר טראַגעדיע. נישט איין מאָל, ווען זי פֿאַרטראַכט זיך איבער איר לאַגע, ווערט איר איבל ביז ברעכן און זי באַקומט קאָפּ־שווינדל. זי פֿאַרמאַכט

די אויגן און אירע פויסטן דריקן אויף אירע צעוויייטיקטע שלייפן. זי ווערט זיך מיט אַלע כוחות, זי זאָל נישט צוזאַמענברעכן.

דאָס אַלץ האָט זי געטאָן נישט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַרן זון. בעני איז איר טרייסט און פאַרגיטיקונג פאַר איר צעבראָכן משפחה־לעבן. פאַר בעניין, איר זון, זענען אָפּן געווען אַלע אירע לאַגלען מיט מאַמע־ליבע. זי צעלאַכט זיך ווען זי הערט ווי בעני רעדט צו זײַן אויסגעשטאַפּטן האָז: ב־לײַ־ב דאָ... אָדער ווען ער הייסט זיין הילצערן פערד: גיי, ש־נ־ע־ל...

אין אַ פאַרמיטאָג, זי האָט געשיילט קאַרטאָפל אין קיך, איז בעני צו איר אַרײַן אַ באַיאָפּעצטער און געזאָגט: טאַטע, ט־אַטע... און זיך צעוויינט. דאָס האָט ער געפרעגט ווו זײַן טאַטע איז, נאָר נישט געקאָנט עס באַ־גרינדן. זי האָט דערפילט אַ רויש אין קאָפּ און זיך געמוזט אָנשפּאַרן אין דער וואַנט. דער קאַרטאָפל און דאָס מעסער, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, זענען אַרײַנגעפאַלן אין טעפּל מיט וואַסער וואָס איז געשטאַ־נען אויפן טיש. זי איז צו זיך געקומען ווען בעני איז צוריק אַוועקגע־ריטן אויף זײַן שטעקן מיטן רעדל — זײַן פערד.

מרדכי האָט געזען, אַז רודל גייט אַרום אַ דערשלאָגענע און שווײַגט. ווען זי האָט שוין יאָ גערעדט, זענען דאָס געווען געציילטע ווערטער, וואָס זענען געווען האַרט און טרוקן, אָן אויסדרוק, ווי פון בויך אַרויס. ער האָט דערמיט זיך צו שטאַרק נישט איבערגענומען. ווען ער איז אַרײַן אין שטוב, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי די דירה איז צוגערוימט און צי אַלץ געפינט זיך אויף זײַן פּלאַץ, צי אין שטוב איז שטיל, צי דער זון שפּילט זיך אָדער שלאָפט. אָבער ווען ער האָט דערפילט די שטילקייט אין שטוב וואָס איז געווען אָנגעדראָלן, ווי זי זאָל וויברירן, איז ער אויך שטיל געבליבן, אָבער צוליב גאַנץ אַנדערע סיבות. די הויפּט־סיבה איז געווען: ער האָט נישט געוואָלט זײַן משפּחה־לעבן זאָל ווערן אויפפאַלנדיק בײַ די שכנים. ער האָט דורכאויס געוואָלט ווײַטער אָנגיין אַלס דער בכבודיקער שכן וואָס האַלט זיך אָפּגעזונדערט.

די שכנים האָבן טאָקע זיך דערציילט פאַרשידענע ווערסיעס וועגן זײַ רײַכקייט. ווען ווער פון די שכנטעס האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט

רודלען בײַם קרעמער אָדער אין גאַס, האָט זי אָנגעקוקט רודלען פון אַלע זײַטן. יעדער שכנטע האָט אויסגעקוקט אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט רודלען, געוואָלט זיך עפּעס פון איר דערוויסן וועגן איר.

אַנומלט ווען רודל איז אַרײַן אין דער שפּײַז־קראָם, האָט אַ דיקע, מיטלוווקסיקע פרוי, מיט אַ גרויען קאָפּ און אַ לאַנג קלייד ביז די קנעכל, זי פאַרטשעפּעט, געזאָגט שלום, אָבער רודל האָט זיך געמאַכט נישט וויסן ווי זי זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער שלום איז פאַר איר. זי האָט זיך אויסגעקליבן אַ ברויט, שנעל באַצאָלט דעם קרע־מער, נאָך שנעלער געזאָגט שלום און זי איז אַוועק. די שכנטעס האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער אַלע האָבן געשוויגן. זיי זענען געווען באַליי־דיקט. ראובן דער קרעמער, אַ מיטלוווקסיקער דיקער ייִד מיט אַ גלעזערן אויג, האָט ווי אַ שיקל געטאָן מיט זײַן צווייט אויג און אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ פון רוגזה. ער האָט פּשוט זיך געשעמט פאַר די פרויען.

רודל האָט געוווּסט וואָס די ווײַבער טראַכטן וועגן איר, אָבער זי האָט זיי געמיטן, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט קיין מענטשן, זי זאָל נישט מוזן רעדן. זי האָט איר צער אויסגעטראָגן אַליין און מיט קיינעם זיך נישט געטיילט.

אויך מרדכי האָט אַלץ געזען, רודלס כעס, איר אומבאַהאָלפנקייט און די בײַגעריקייט פון די שכנטעס, וואָס האָבן געוואָלט דורכדרינגען די געגליווערטע שטילקייט וואָס האָט געהערשט בײַ מרדכין אין שטוב. זיי זאָלן זיך דאָס נישט דערוויסן האָט מרדכי באַשלאָסן מפּייס זײַן רודלען. ער איז אויך איצט ווי פריִער אַוועק פון שטוב גאַנץ פרי און געקומען אַהיים גאַנץ שפּעט, אָבער אין אַ פרימאָרגן פון אַ געוויינלעכן וואָכן־טאָג איז ער אַהיימגעקומען פריִער ווי שטענדיק. ווי נאָר ער האָט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר, איז ער שטיין געבליבן אַ נישט־דעצידירטער. רודל איז אַרויס פון קיך. אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע זיך אָנגעקוקט ווי צוויי העמער.

— וואָס איז געשען? — האָט זי אַ שטאַמל געטאָן.

— פאַרבײַגעגאַנגען. זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ קוק טאָן וואָס מײַנע בני־

בית טוען — די הויט אויף זײַן פּנים איז געוואָרן גערינצלט. דאָס האָט ער זיך געצווונגען צו שמייכלען.

— אַזוי גאָר ? — האָט זי אים געזאָגט, ווי זי זאָל זיך וווּנדערן.

— וואָס דען ? איר זענט מיר נישט ביליק — האָט ער מיט געמאַכטער גערירטקייט און מיט איראָניע איר געזאָגט און נישט געווען זיכער, צי זי נעמט אָן זײַנע רייד.

— נישט איך און נישט דײַן זון פּילן דאָס — האָט זי אַ זאָג געטאָן סאַרקאַסטיש, ווי זי זאָל אַדורכשטופּן די ווערטער דורך די ציין. אַ פאַרשעמטע און אַ דערנידריקטע האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זײַן פּנים איז געוואָרן האַרב. ער האָט געוואָלט איר אָפּענטפערן, אָבער אַרויסגעקומען איז, אַז ער האָט זיך פאַר איר פאַרענטפערט: „איך האָב עניגים ביז איבערן קאָפּ. אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט דערטרונקען געוואָרן אין די דאגות".

— וואָס איז געשען ? — האָט זי אַן איבערראַשטע אים געפרעגט.

— יאָ, יאָ — האָט ער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ עטלעכע מאָל ווי אַ צעוויגטער בוים אין ווינט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש און אויך איר אונטערגערוקט אַ בענקל. — דער אינטעליגענט גורפינקל איז נישט קיין לײַכטער פּאַסאַזשיר. ער האָט געוואָלט מיך אַריבערוואַרפן פון שותפות. אָבער איך מיט מײַן קאָפּ (ער האָט מיט דער האַנטפלאַך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן) און מיט דער הילף פון מײַנע גוטע ברידער, איבערהויפּט אַרזי דער באַנק־דירעקטאָר צוזאַמען מיט די דירעקטאָרן פון די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן, האָב אים בײַגעקומען. איך האָב אים אויסגעצאָלט !... האָט ער זיך פאַר איר באַרימט און אַ צופרידענער זיך געקלאַפּט אין בויך אַרײַן.

— דאָס אַלץ האָסטו מיר נישט דערציילט — האָט זי אים פאַרגע־האַלטן — און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט חלילה קראַנק...

ער איז געבליבן אַן איבערראַשטער. געוואָלט איר ענטפערן, אָבער נישט געוווּסט וואָס איר צו זאָגן און מיט וואָס פאַרא טאָן. ער איז נישט געווען גרייט זייער שמועס זאָל אָננעמען אַזאַ ווענדונג. ער האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן און געענדערט דעם טאָן :

— אַ פרוי בלײַבט אַ פרוי...

זי האָט אין זײַנע לעצטע רייד דערפילט זײַן שטענדיקע צו איר גרינגשעצונג, אָבער זי האָט אים געפרעגט:

— דאָס איז אַ לעבן?... אַ מענטש עפנט נישט די טיר בײַ אונדז. איך וועל באַלד פאַרגעסן ווי מען רעדט צו אַ מענטש.

אַ געפלעפטער פון איר צער און כעס, האָט ער דאָך באַשלאָסן זי מפייס זײַן און דערבײַ זיך פאַר איר פאַרשטעלן ווער איר מאַן איז:

— איך פיר אַ גרויסע אונטערנעמונג. איך אַרבעט שווער, דאַרף פאַרזאָרגן מײַן משפחה.

— משפחה... משפחה... — האָט זי איבערגעחזרט דאָס וואָרט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ווי זיך באַדויערט. ער האָט פון איר נישט אַראָפּגע־נומען די אויגן. געוואַרט, געוואָלט הערן, וואָס זי וועט אים נאָך זאָגן.

מיט אַ מאָל האָט זי אים אַ פרעג געטאָן אָן אָטעם:

— און ווער קויפט דיר די העמדער און די קראַוואַטן וואָס דו ברענגסט מיר צו וואַשן און פרעסן?...

איר קול האָט געציטערט פון כעס און דערנידריקונג.

ער האָט נישט געוווּסט ווי ער זאָל האַנדלען קעגן איר, איר אָפּגעט־פערן צי איר פאַרשווײַגן. אָבער ער האָט געלאָזן איר געענטפערט:

— קויפן די זאַכן שיק איך מירען, דאָס מיידל, וואָס אַרבעט בײַ אונדז. דאָס טו איך פאַרן געשעפט. איך מוז דאָך טרעפן זיך מיט מענטשן...

זייער איצטיקער שמועס נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט האָט אויפגעטרייסלט איר געמיט. זי איז געזעסן ווי די כוחות זאָלן זי האָבן פאַרלאָזט. ער האָט געזען איר צושטאַנד און אַ טראַכט געטאָן וואָס אים לוינט. ער האָט באַשלאָסן צו ענדיקן דאָס געשפרעך און איר געזאָגט:

— איצט איז אונדזער צוקונפט אַ פאַרזיכערטע און איך וועל אַ טראַכט טאָן וועגן בײַטן די דירה.

ער האָט געגעדט פאַמעלעך, ווי ער זאָל דריוולען די ווערטער און אַ קוק געטאָן אויף איר ווי זײַן פאַרשלאַג האָט אויף איר געווירקט. זי איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ געגליווערטע. אירע שלייפן־אָדערן

זעבען געווען אַנגעשוואָלן. טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט איר שטערן. ער אָבער האָט ממשיך געווען:

— איך וויל מיר זאָלן פאַרלאָזן די סביבה. איך האָב שוין גערעדט מיט אַ מעקלער.

— די שכנטעס שטערן דיר? פאַרטראָגסט נישט זייערע בליקן?... האָט זי אים געפרעגט אַן אויפגעטרייסלטע.

פּונקט אַזוי ווי זי איז געווען דערשיטערט פון זיין פאַרשלאָג, אַזוי איז ער געווען געפּלעפט פון איר פראַגע. ער האָט איר שוין נישט געענטפערט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי ווייסט זיינע כוונות.

מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דעם זונס קול: ט־אַ־ט־ע!... ביידע האָבן זיי אויפגעציטערט. זי האָט געעפנט די אויגן. בעני איז אַריינגעקומען. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שטעקן — פערד און איז צוגעלאָפן צום פאָטער. מרדכי האָט אים אונטערגעהויבן. דאָס קינד איז אויף אים אַרויפגעקראָכן און זיך צו אים געלאַשטשעט. רודל האָט זיך צו זיי צוגעבויגן. זי האָט געוואָלט זיין צוזאַמען מיט זיי, געוואָלט פילן די וואַרעמקייט פון זייערע אָטעמס.

20

די וועטערן זענען קילער, דער הימל אַ טונקעלער, די רעגנס האָבן זיך פאַרהאַלטן. מרדכי האָט זיין צוזאָג רודלען פאַרווירקלעכט. שוין עטלעכע וואָכן ווי זיי וווינען אין זייער נייער דירה אויף שולמית, אַ זייטיקע גאַס פון דיזענגאָף. דאָס איז אַ דריי־צימעריקע וווינונג מיט באַלקאָנען איבער די פילאַרן אין אַ ניי־אויסגעבויט הויז. אַלץ אין דער דירה: די ווענט, די טירן און פענצטער בלענדן פון ווייסקייט, ווי אין אַ קליניק. אויף דער אַריינגאַנגס־טיר הענגט אַ מעשן שילדל, אויף וועלכן עס איז אויסגראַווירט „משפחה בערעזין".

אין אַ פאַרמיטאָג האָט מרדכי געברענגט דאָס ערשטע מאָל רודלען

מיטן קינד, זיי געוויזן די דירה. זי האָט געמיינט, אַז ער שפּאַסט, אָבער ווען ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זי געפירט איבער די צימערן, האָט ער זי איבערגעצײַגט, אַז דאָס איז זייער דירה. דאָך האָט זי אים אַ פרעג געטאָן:

— וויפל צאָלן מיר דירה־געלט?

ער האָט צעשטעלט די פּיס, פאַרריסן דעם קאָפּ און מיט גאווה איר געענטפערט:

— די דירה האָב איך געקויפט. דער קאָנטראַקט איז נאָך בײַם אַדוואָקאַט.

— אַזוי!? — האָט זי ווײַטער געפרעגט — האָסט זיך נאָר נישט פאַרשוולדיקט?...

— פאַרלאָז זיך אויף דײַן מרדכין — האָט ער איר געענטפערט מיט אַ פאַרשאַרטן שטאָלץ.

— דײַן מרדכי... — האָט זי איבערגעחזרט, ווי זי זאָל אים פרעגן צי עס איז אַזוי. ער האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ ווי ער זאָל נישט האָבן געהערט וואָס זי האָט אים געזאָגט, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער איז ער שטיין געבליבן אין מיטן צימער און ווי ער זאָל איבער איר אַריבערקוקן איר אָנגעזאָגט:

— פלוניתטע, דאָ וועלן מיר זיך פירן אַנדערש ווי אויף דער קאָנגרעס־גאַס. דאָ איז אַן אַנדערע סביבה און אויך אַנדערע מענטשן.

זי האָט אָפּגעזיפצט, פאַרביסן די ליפּן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט ממשיך געווען:

— דאָ וועסטו אײַנאָרדענען אַ שלאָפצימער, אַן אויפנעמצימער און אַ קאַבינעט פאַר מיר...

ער האָט מיט צוויי פינגער זיך אַרומגעווישט די ליפּן און צוגעגעבן:

וועסט גיין אין די געשעפטן און אָפּקלײַבן וואָס עס איז בייטיק, אויסהאַנדלען און באַצאָלן וועל איך שוין...

זײַנע רייד האָבן אָפּגעהילכט אין דער ליידיקער דירה. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי דער נאַקן זאָל זיך איר האָבן איבערגעבראָכן.

דאָס קינד האָט פון אַן אומבאַשטימטן פחד געטוליעט ס׳קעפּל צו דער מוטערס שויס. זי האָט אים געגומען אויף די הענט.

די אַלטע דירה האָט ער צוריקגעגעבן דעם בעל־הבית. די איינריכטונג האָט ער פאַרקויפט אַ הענדלער. מיט די שכנים האָבן זיי זיך נישט געזעגנט. זיי זענען ביז דער לעצטער רגע געבליבן זיך פרעמד. אין זייער נייַער דירה זענען זיי אַריבער ווי אַ פאַרפאַלק וואָס האָט נאָר־וואָס חתונה געהאַט. זיי האָבן מיטגענומען נאָר די בגדים, די וועש און זייער זון.

מרדכי האָט די דירה געקויפט צוליב זיין רענאָמע. אים איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז זיין פּריוואַטער אַדרעס איז די קאָנגרעס־גאַס; ער האָט זיך געשעמט פאַר די דירעקטאָרן און פאַר מאַריאַסאַן. זי האָט אים בייַ יעדער געלעגנהייט אַ זאָג געטאָן: אָבער ווו דו ווינסט ווייס איך נאָך אַלץ נישט... זי האָט יאָ געוווסט ווו ער ווינט און אין וואָס פאַראַ דירה. זי האָט אויך געוווסט ווער רודל איז, ווי זי זעט אויס און אויך געוווסט וועגן זון.

רודל איז געווען פאַרנומען בייַם איינאָרדענען די וווינונג. זי האָט דאָס געטאָן לויט איר געשמאַק, נאָר מרדכי זאָל זיין צופרידן. זי האָט צערוקט און צעשטעלט די מעבלען, עס זאָל זיין ברווח אין די צימערן. זי האָט צעלייגט די וועש און צעהאָנגען די מלבושים. זי טוט אַלץ אַליין און שווייַגט. נאָר בעני פאָדערט בייַ איר כסדר:

— מאַ־מע, היי־טי!...

רודל איז פאַרטאָן אָבער אויך אומרויִק. זי הערט ווי איר האַרץ טיקאַכקעט. זי טראַכט אַריין און איז נייַגעריק פאַר וואָס האָט מרדכי דווקא איצט געקויפט די דירה, געטאָן דאָס, וואָס זי האָט יאָרן נישט געקאָנט ביי אים פועלן. זי האָט זיך געפּאָרעט און געגרייט, אָבער אירע שלייפן האָבן געהעמערט ביז קאָפּ־ווייטיק. זי האָט געוואָלט דערגיין וואָס מרדכי באַהאַלט פאַר איר אויס. איר אינסטינקט האָט איר פאָרגע־זאָגט, אַז דאָס האָט ער נישט געטאָן פאַר איר. זי האָט געלעבט אין פחד און נייַגער און נישט געוואַגט אים פרעגן.

מרדכי אַליין, וואָס איז געווען געוווינט צו זיינע סוחרים און שאַפערן,

איז נישט געווינט געווען צו די מענטשן אין דער נײַער סביבה ווי ער וווינט איצט. ער האָט געפילט, אַז אויך אין זײַן פּריוואַטן לעבן איז אַרײַנגעטרעטן אַן ענדערונג; ער האָט זיך דערמיט געגרויסט. אָפט איז ער געקומען אַהיים פריִער און איז אַרויס שפּאַצירן איבער דער סביבה, באַטראַכט די אומגעבונג און די מענטשן. ער האָט געוואָלט די שכנים זאָלן אים זען און וואָס שנעלער זיך דערוויסן זײַן חשיבות. ער האָט נאָך עטלעכע מאָל זיך טרעפן מיט שכנים פון זען, זיי אָנגעהויבן זאָגן שלום. ער איז אויך געווען העפלעך. ער האָט אַפילו אַ פּרוי צוגעטראָגן איר פּעקל ביז דער טיר. מיט אייניקע פון זיי האָט ער זיך אויך פונאַנדער־גערעדט, זיי געפרעגט און געפאָרשט ווער זענען די איינוווינער אין דער סביבה און ווי ס'לעבט זיך זיי. ער האָט געוואָלט וויסן צו וועמען ער קאָן זיך דערנענטערן און פאַר וועמען ער דאַרף זיך היטן. פון מאָל צו מאָל איז ער אַרײַן צו אַ קרעמער, געקויפט אַ פּעקל שוועבעלעך אָדער ציגאַרן צי אַן אַנדערע קלייניקייט און זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט אַלס דער נײַער שכן פון שולמית. יעדער קרעמער האָט אים מיט זײַן משפחה געווונטשן מזל־טוב און אים געבעטן קומען קויפן. ער האָט יעדן געדאַנקט, אים געזאָגט „אויף ווידערזען" און איז אַוועק מיט געמאָסטענע טריט, די מענטשן זאָלן באַווײַזן אים באַטראַכטן.

אָבער בײַ זיך אין שטוב, הינטער די פאַרמאַכטע טירן איז ער געווען אַן דער מאַסקע. ער איז שוין נישט אַרומגעגאַנגען ווי אַמאָל אין דער פּיזשאַמע, נאָר אין אַ בלויען טריקאָ־טרעונינג און אין ספּאָרט־לעטשלעך. רודל איז נישט איין מאָל שטיין געבליבן אין אַ ווינקל און אַ פאַרגאַפטע באַוווּנדערט זײַן שיינקייט. אָבער יעדעס מאָל געבליבן מיט אַ צעבראָכן האַרץ. זי וואָלט געוואָלט וויסן, ווער זענען די וואָס עצהן אים ווי זיך אָנטון. זי אָנט אַפילו נישט, אַז דאָס טוט נאָר איין פרוי. זי אַליין האָט אין משך פון דער צײַט זיך נישט געקויפט אַפילו אַ שטוב־קליידל. עס איז איר נישט געווען נייטיק. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט, אַלץ געטאָן פאַר איר משפחה — דעם זון און מאַן.

ער האָט אויף דעם אַלעם נישט געלייגט קיין אַכט. ער האָט אין שטוב בדרך־כלל געשוויגן ווי ער זאָל זײַן פאַרטאָן אין זײַנע געשעפטן.

אָבער דאָס האָט ער נאָר אָנגעשטעלט. רודל האָט אים פּשוט מער נישט אינטערעסירט. ער האָט פון איר שוין גאָרנישט געדאַרפט. זי האָט אים מער נישט געקאָנט העלפן אין זײַן קאַריערע, להיפך, איצט האָט ער זיך באַמיט זי וואָס מער צו דערנידעריקן, זי זאָל אים נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. ער האָט צו איר גערעדט מיט האַרטע, אָפּגעהאַקטע זאַצן און איר געגעבן באַפעלן: נישט אַזוי! מאַך עס אַזוי! מען דאַרף פאַרשטיין!... ער האָט צו איר גערעדט ווי פון אויבן אַראָפּ און באַטאָנט יעדעס וואָרט, זי זאָל פילן, אַז יעדעס וואָרט זײַנס איז וויכטיק. זײַן זיכערקייט אין גאַס האָט ער אויך געבראַכט אין שטוב. ער האָט זיך שוין נישט געהיטן ער זאָל נישט זאָגן קיין איבריק וואָרט. אויך צו איר האָט ער זיך באַנומען ווי צו די מענטשן אין גאַס.

רודל האָט אַלץ אים פאַרשוויגן. זי האָט נישט געוואָלט זיך מיט אים פאַרײַסן. זי איז נאָך געווען איבערצײַגט, אַז דאָס אַלץ טוט ער פון אומבאַהאָלפנקייט אָדער וויל זי נאָך אַלץ איבערצײַגן, אַז ער איז שוין נישט מער מרדכי דער שאָפער.

אָבער אין אַ נאָכמיטאָג, ער האָט דעם טאָג געגעסן אין שטוב, די דירה איז געווען צוגערוימט און אַדורכגעלופטערט. דאָס קינד איז געשלאָפן. אַ מענטש פון דרויסן וואָלט געמיינט, אַז בײַ זיי אין שטוב הויזט די אידיליע. מרדכי איז אַרײַן צו איר אין צימער. זי איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און גערוט.

— איך מוז שוין גיין! וווּ איז מײַן נײַע פּײַקע?! — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן ווי ער זאָל איר צוואַרפן די ווערטער.

זי האָט דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ און זיך צעוויינט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער זי געפרעגט גלײַכגילטיק.

— דו האָסט שוין אַלץ דערגרייכט, ביסט שוין אַ חשובער מענטש און איך דײַן שפחה... — האָט זי אים געענטפערט, ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער אין אירע טרערן.

— יאָ, יאָ — האָט עס געקלונגען ווי ער זאָל ברומען.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע פאַרטרערטע אויגן, האָט געוואָלט זיך איבערצײַגן, צי ער באַשטעטיקט אירע רייד אָדער חוזקט פון איר.

זי האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן, איז אויפגעשפרונגען פון פּאָטעל און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט.

ער איז מיט שטילע טריט אַוועק צו דער טיר ווי ער זאָל מורא האָבן, זי זאָל אים נישט צוריקרופן.

זי איז געלעגן מיט אַן אײַנגעניאָרעטן קאָפּ צווישן אירע אויס־געשטרעקטע אָרעמס. אירע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט ווי אין אַ קאָנוווּלסיע. זי האָט געוויינט אָן טרערן.

זי איז לאַנג געלעגן, ווי אַ פאַרחלשטע, האָט נישט געהערט ווען מרדכי האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר. זי האָט געפילט די לאַסט פון איר קערפּער און נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען אירע געדאַנקען. זי האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל זיך געפּרוווט דערמאָנען וואָס איינער האָט געזאָגט דעם אַנדערן. אָבער מער ווי עטלעכע איינצעלנע ווערטער האָט זי נישט געדענקט.

זי איז אַזוי געלעגן ביזן אָוונט. בעני האָט די גאַנצע צײַט זיך געשפּילט אין קיך. ער האָט אויפן פּאָל געבויט און פונאַנדערגעוואָרפן זײַנע אויפגעשטעלטע פון קלעצלעך הײַזער און פּיראַמידן. אָבער ווען די זעונג אין קיך איז געוואָרן גרוי האָט ער דערזען שאָטנס אויף דער וואַנט.

— מ־אַ־מע!... — האָט ער אַ דערשראָקענער אַ רוף געטאָן. אַן אויפגעציטערטע איז זי אַראָפּ פון בעט.

זי האָט אים אַרומגעוואַשן, אים געגעבן צו עסן און געלייגט שלאָפן. אָבער דאָס מאָל האָט זי אים נאָר אַ גלעט געטאָן דאָס קעפּל. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח אים אַ קוש טאָן. אַ מידער איז ער באַלד אײַנגעשלאָפן.

זי האָט זיך געפּאָרעט בײַם קינד פּאַמעלעך, ווי אַ זקנה. אפילו די בגדים זײַנע זענען איר געפאַלן פון די הענט. די שלייפן אירע האָבן געהעמערט, איר קאָפּ־שיידל האָט געדריקט אויף די אויגן וואָס האָבן געברענט. זי האָט זיך געשלײַכט איבער די צימערן ווי אַ לונאַטיקערין, ביז זי איז אַרײַן אין בעט.

זי איז געבליבן אַ פאַרשמאַכטע. איר איז געווען טרוקן און זויער

אין מויל. נישט נאָר די אברים האָבן איר ווײ געטאָן, נאָר אויך אירע שפּיץ־פינגער. איר קאָפּ איז געווען הויל, איר האַרץ איז געווען פאַר־קראַמפּט. זי האָט געוואַרט אויף מרדכין און פון מורא, צי ער וועט קומען, געציטערט ווי פון קעלט.

אָבער נאָך האַלבער נאַכט האָט זי דערהערט טריט הינטער דער טיר. זי איז אַראָפּ פון בעט און אָנגעצונדן דאָס ליכט. זי האָט שנעל אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ שלאָפראָק און זיך צוגעגלעט די האָר. ער האָט צוגעקלאַפּט די טיר און איז שטיין געבליבן. די ליכט־שײַן האָט אים אַ בלענד געטאָן. זײַנע מלבושים זענען געווען צעקנאָדערט.

— שלום, מרדכי! — האָט זי אים געזאָגט, ווי עס זאָל צווישן זיי גאָרנישט האָבן געשען און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען. אָבער דער ריח פון אַלקאָהאָל, וואָס האָט זיך פון אים געפילט, האָט איר אַ דריי געטאָן אין נאָז. זי האָט אָפּגעאָטעמט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, האָט גוטמוטיק געפרעגט:

— מאַכן דיר אַ קאַווע?

— איך בין פאַרמאַטערט, דאַרף באַלד אויפשטיין צו דער אַרבעט און שטאַרב שלאָפן... האָט ער איר געענטפערט מיט רוגזה; ווי זי זאָל זײַן שולדיק וואָס ער איז אַזוי פאַרמאַטערט און ער איז אַרײַן אין שלאָפצימער. זי האָט פאַרשלאָסן די אַרײַנגאַנג־טיר און מיט אַלע פינגער פון בײדע הענט זיך אַ ריס געטאָן דאָס פלייש פון פנים. אָבער זי איז אים נאָכגע־גאַנגען.

נאָכן איבערוואַרטלען זיך מיט רודלען האָט מרדכי זיך אומגעקערט אין ביוראָ מלא כעס. ער איז געזעסן בײַם שרײַבטיש מיט פאַרלייגטע פיס. ער האָט געפּיפּקעט די פּײַקע כאָטש זי איז געווען ליידיק און געקוקט אויף דער סטעליע. מירע, אַ געבוקטע איבערן טיש האָט סומירט ציפערן. זי האָט געזען זײַן שטימונג און נישט געוואַגט זיך אַפילו אומקוקן. אָבער אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, איז מאַריאַסאַ צו אים אַרײַן אין ביוראָ.

— האַללאָ, מרדכי! — האָט זי אים אַ זאָג געטאָן שוין אויף דער

שוועל און אים באַגריסט מיט אַ האַנט־קוש. מרדכי, אַ דערשטוינטער האָט זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— זיך פֿאַרבענקט, דיך נישט געזען עטלעכע טעג... האָט זי שעלמיש אים געזאָגט. אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אויסרייד. זי האָט געוואָלט זען מירען ווי זי זעט אויס. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. ביידע האָבן זיי זיך פֿאַרשטאַנען, אַז זייער ציל איז מרדכי דער באָס. ביידע האָבן זיי זיך געקענט פֿון הערן — מרדכי האָט דערציילט איינער וועגן דער אַנדערער. מרדכי איז געזעסן אַ שטײַפֿער, אָפּירגעקוקט פֿון אונטערן שטערן און געוואַרט, ווי זײַנע פּרײַלײַנס וועלן פֿאַרענדיקן זייער באַגעגעניש.

ער איז געווען מלא חשד וואָס עס קאָן פּאַסירן צווישן די צוויי. נאָר אַ ווײַלע שפּעטער האָט מאַריאַסאַ אים אַ פֿרעג געטאָן: נו, וואָס זיצסטו? ווי זי זאָל ממשיך זײַן זייער געשפּרעך. מרדכי, אַן איבער־ראַשטער, האָט איר באַלד נישט געענטפֿערט, ער האָט געוואָלט געווינען צײַט. ערשט שפּעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מירע, דו ווייסט פֿאַרשליסן דאָס ביוראָ...

מאַריאַסאַ האָט מיט אַ פֿאַרשײַטן שמייכל צוגעגעבן:

— יאָ, קום מיט מיר הולטאַיען.

זי איז געווען צופֿרידן וואָס איר איז געלונגען צערייצן מירען. מירע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

מרדכי איז אויפֿגעשטאַנען און אָפּירגעגאַנגען פֿון טיש. מאַריאַסאַ האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען אַן אַ שלום אַוועק.

מירע האָט געפֿלאַמט פֿון כעס. זי האָט געביסן די ליפּן און געבײַלט די פֿויסטן און כסדר זיך אונטערגעהויבן פֿון בענקל ווי זי זאָל זיי וועלן נאָכלויפֿן.

דער צומאָרגנס איז געווען אַ פֿאַררעגנטער. עס זענען געפֿאַלן דינ־טשיקע טראָפּנס, וואָס האָבן זיך אָפּגעזעצט ווי אַ נאַכט־טוי. מרדכי איז געקומען אין ביוראָ שפּעטער ווי שטענדיק. ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין איינער פֿון די קאַפֿעען אויפֿן וועג, דאָרט אויסגעטרונקען אַ קאָניאַק און אַ שוואַרצע קאַווע. ער האָט געוואָלט לעשן זײַן קאַצניאַמער נאָך דער

נעכטיקער האָליאַנקע מיט מאַריאַסאַן. אים האָט אפשר נישט אַזוי געבערענט זײַן קאַצניאַמער, ווי ער האָט געוואָלט באַרויִקן זײַן געוויסן, פאַר וואָס ער האָט דערפירט צו אַ קריגערײַ מיט רודלען. זי איז דאָך זײַן אָפיציעלע פרוי. ס׳קאָן זיך אין אים נוקם זײַן.

מרדכי האָט שוין אויף דער שוועל פון ביורא געזאָגט מירען אַ ברייטן שלום, ווי עס זאָל נעכטן גאָרנישט האָבן געשען צווישן זיי. מירע, וואָס איז געזעסן איבער אַ שטויס רעכענונגען, האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט פון זיך אַראָפּגענומען דעם רעגנמאַנטל, זיך אוועקגעזעצט בײַם שרײַבטיש און זי אָנגעקוקט, ווי ער זאָל איבער איר אַריבערקוקן. פון אויפרעגונג האָט ער כסדר זיך אונטערגעהויבן. אים האָט דענערווירט די שטילקייט און מירעס שווײַגן. זי איז דווקא הײַנט, אינעם רעגן־טאָג געקומען אין אַ קאָלירט קליידל. זי איז אויך געזעסן אָן איבערגעבויגענע איבערן טיש, ווי זי זאָל אים ווײַזן אירע ברוסטן. אָן אויסגעמאַטערטער פון דער נאַכט איז ער געווען גלײַכגילטיק צו איר. ער האָט אַרויסגענומען פון טיש־שופלאָד די פײַקע מיטן טאַרבעלע טאַבאַק, געלאָסן זי אָנגעשטאָפּט און פאַררויכערט.

מירע איז אויפגעשפרונגען, ווי זי זאָל װעלן צו אים צולויפן, זיך וואַרפן אויף אים. זי איז אָבער נאָר שטיין געבליבן מיט פאַרקרעמפּטע פינגער און צעגליטע פון האַס אויגן און זיך צו אים אַ ווענד געטאָן מיט כעס:

— איך בין דיר נישט גענוג?... וואָס װעלן זאָגן מענטשן?!

אירע רייד האָבן אים דווקא הנאה געטאָן. נאָר פון איר לעצטער פראַגע וואָס װעלן זאָגן מענטשן האָט ער אויפגעציטערט און זיך אײַנגעקאַרטשעט ווי אַ מוילקעפּל וואָס דערפילט געפאַרן.

זי האָט זיך ווײַטער געריסן:

— דו ביסט אַ גרוביאַן, האָסט נישט קיין מענטשלעכע געפילן און ווייסט זיך נישט ווי צו באַגיין מיט אַ פרוי! דו מיינסט, אַז איך בין פון די וואָס ווינען אין די שמאָלע הינטערגעסלעך פון יפו?!... ניין!... — האָט זי אַ קוויטש געטאָן און מיט צעווייטיקטן כעס אַ טופע געטאָן מיט די פיס. די סלינע האָט אַ שפריץ געטאָן איר פון מויל.

אַ היפּשע צײַט איז זי געשטאַנען אַ געבוקטע מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און געסאָפּעט. מיטאַמאָל האָט זי זיך אויסגעגליכן, האָט אָפּגעאָטעמט און שוין שטיל און געלאַסן גערעדט:

— איך פאַרלאָז די אַרבעט, בין דיר מוחל דײַן גוטס...

זי האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיטן קאַפּעליוש און אָן צו זאָגן שלום איז זי אַוועק. דער שטויס פּאַפּירן איז ליגן געבליבן אויפן טיש.

ער האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן און נאָר געפּיקט די פּײַקע, וואָס איז געווען שוין פאַרלאָשן. ערשט איצט האָט ער אַוועקגעלייגט די פּײַקע און פאַרלייגט די הענט, ווי ער זאָל זיך אַרומנעמען. מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער זיך פאַרקוקט אין איין פּונקט. אים האָט געאַרט מירעס חוצפּה און העזה, אָבער ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט מיט איר געענדיקט. אַ פאַרטראַכטער האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַ געדאַנק, אַז זי איז דאָך נאָך אַ קינד... מאַריאַסאַ איז אַ געניטע פרוי... אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי עמעץ וואָלט אונטערגעהערט זײַנע געדאַנקען און ער האָט אויפגעציטערט און זיך אַרומגעקוקט. ער איז געווען אינגאַנצן אַליין... ער האָט זיך צעלאַכט פון זײַן אומזיסטער מורא.

מירע האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן מיט גיכע שריט, ווי זי זאָל זיך אײַלן. זי האָט דערזען אַן עפנטלעכן טעלעפאָן און ווי זי זאָל זיך האָבן עפּעס דערמאָנט איז זי צוגעלאָפן, נערוועז גענומען נישטערן אין איר בײַטל, געפונען אַן אַסימון און אָנגעדרייט דעם נומער, וואָס זי האָט געדענקט פון אויסנווייניק:

— האַללאָ! פרוי בערעזין? זײַט וויסן, אַז אײַער געשעצטער מאַן שלעפּט זיך אַרום מיט פרויען. איך בין איינע פון די!...

אַ צערייצטע און פול מורא האָט זי אַוועקגעוואָרפן דאָס טרײַבל און איז אַוועק, ווי מען זאָל זי נאָכיאָגן.

21

דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט, נאָר אַמאָל, אַמאָל האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ העלער אויסגעלײַטערטער פֿלעק, ווי דאָס זאָל זײַן אַ פֿונאַנדערגעגאָסענע אַזיערע. דער אָנגעקומענער פֿרילינג האָט געקעמפֿט מיטן אָוועקגייענדיקן ווינטער.

מרדכי הערשט און באַפֿעלט. ער רעכנט זיך נישט מיט קיינעם, איז זיכער בײַ זיך. זײַן לעבנסוועג ליגט פֿאַר אים אויסגעשפּרייט ווי אַ טעפּיך. אויף וועלכן ער טרעט אין שטוב. ווי נאָר ער טרעט איבער די שוועל ברענגט ער מיט אין שטוב די אָנגעשטרענגטקייט פֿון זײַנע קאָנספּיראַציעס פֿון דער גאַס. זײַן הויפּט־זאָרג איז איצט, אַז וועגן זײַן פֿאַרברענגען מיט מאַריאַסאַן מיט וועמען ער דערשײַנט אויך עפּנטלעך, זאָלן וואָס ווייניקער מענטשן וויסן און אַוודאַי נישט רודל.

אין שטוב גייט ער אַרום אָן אָנגעשטרענגטער, אַמאָל מיט אָנגעיאָ־זשעטע ברעמען, אַמאָל מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן און רעדט נאָר דאָס נייטיקע. רודלען האָט ער נישט וואָס צו זאָגן. זײַן דאגה איז נאָר, צי רודל וועט ווען עס איז אים נישט פֿאַרוואָרפֿן, אַז ער שלעפּט זיך אַרום מיט מאַריאַסאַן.

די שטילקייט אין שטוב איז אַ דערדריקנדיקע, אָבער ער וויל זי נישט ענדערן. זײַן אָנשטרענגונג איז אַן אכזריותדיקע. אים דאַכט זיך, אַז יעדער מענטש וויל פֿון אים אוועקגזלנען זײַן פֿאַרהאָרעוועט גוטס. אַפֿילו רודל, זײַן ווײַב, קוקט אויס די רגע — אַזוי דאַכט זיך אים. אַמאָל נעמט ער שפּאַנען איבער די צימערן, בלײַבט שטיין פֿאַר אַ וואַנט, באַטראַכט זי, צי זי האָט נישט קיין שפּאַלט. אַמאָל עפֿנט ער די שאַנק און קוקט, ווי ער וואָלט קאָנטראָלירט, צי עס פֿעלט נישט עפּעס. פֿון לאַנגווײַל זעצט ער זיך אַוועק בײַם שרײַבטיש מיט דער ליידיקער פּײַקע אין מויל איבער אַ שטויס פּאַפּירן, אָבער ער קוקט זיי נישט איבער. אויך צום זון באַציט ער זיך ווי צו אַ פֿרעמד קינד. נישט זעלטן, ווען ער קומט אין שטוב און בענצי, אַ גליקלעכער שרײַט „אבא!" און וויל צו אים

צולויפן, דרייט ער זיך אַוועק, ווי ער זאָל אים נישט זען. בעני מאַכט אַ לעמפּעלע, האַלט קוים אײַן זײַנע טרערן.

אַנומלט איז בעני צו אים צוגעקומען און אים געוויזן זײַן נײַעם בלעכענעם אויטאָ, וואָס די מוטער האָט אים געקויפט. האָט מרדכי מיט זײַן גרויסער האַנטפלאַך אַנגענומען בעניס קליין אַקסעלע, אים אַוועק־געשטופּט און געזאָגט: „פלאָנטער זיך נישט צווישן די פיס...״ דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. רודל איז אַרײַן און אים גענומען אויף די הענט, אים געקושט און באַרויִקט: שאַ, קינד, שאַ... און איז מיט אים אַרײַן אין צווייטן צימער.

רודל שטייט אויף באַגינען — זי קאָן נישט אײַנליגן אין בעט, דעם טאָג קומט זי ווי עס איז איבער. זי טוט אַלץ אַליין, נישט ווײַל זי וויל שפּאָרן, נאָר ווײַל זי וויל איבערקומען די צײַט. זי רוימט, קאָכט, באַקט און שײַערט די טעפּ, זי פלעגט דאָס קינד און פאַרשפּילט אים. זי איז די מאַמע און פאַרטרעט אים דעם טאַטן. אין די פרײַע פאַרמיטאָג־שעהען בײַט זי דאָס קלייד און טוט אָן שיך אויף הויכע קלעצלעך, זי שמירט זיך אָן די ליפּן און גיט אַ קוק אויף די נעגל, צי זיי זענען אין אָרדנונג. זי נעמט דאָס קינד מיטן וועגעלע און גייט מיט אים שפּאַצירן. אויפן וועג קויפט זי אײַן.

זי גייט פּאַמעלעך און באַטראַכט אַלץ און אַלע אין גאַס. דער שפּאַציר איז איר אײנציקער קאָנטאַקט מיטן לעבן אַרום. דערמאָנט זי זיך אָבער אין איר מצב זיפצט זי אָפּ און פאַרפרעסט די ליפּן. דאָס געשעט ווען אַ טאַטע גייט פאַרבײַ און פירט זײַן קינד בײַם הענטל אָדער ווען אַ געאָרעמט פּאָרל שפּאַצירט פאַרבײַ.

אין די נאָכמיטאָג־שעהען, ווען בעני שלאָפט, פּרוווט זי זיך פאַרטיפן אין אַ בוך אָדער הערט שטילע ראַדיאָ־מוזיק. אָבער אירע נערוון האַלטן נישט אויס. אַ רעזיגנירטע וואַרפט זי זיך אויפן בעט, אויף דער סאָפע און שלוכצט, שלינגט די טרערן. אַ פאַרזאָרגטע האָט זי זיך געפרעגט: צו וואָס?.. פאַר וועמען?.. אָבער זי איז באַלד אויפגעשפּרונגען אַ דערשיטערטע פון איר פראַגע. זי איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען

צום קינדס בעטל, געקוקט ווי ער שמייכלט אין שלאָף און האָט מיט־געשמייכלט.

אין די נעכט ליגט זי מיט אָפענע, צעברענטע אויגן, אײַנגעקוקט אין דער פינצטער ווי זי זאָל וועלן דערגרונטעווען איר טיפן עלנט. איר אומבאַהאָלפנקייט שרעקט זי און זי האָט מורא זיך אַ ריר טאָן כאָטש זי הערט מרדכיס אָטעם, אָן טרערן וויינט איר אַנגעווייטיקט געמיט.

די פאַרגאַנגענע נאַכט איז זי ביז שפּעט אין דער נאַכט געלעגן אין בעט אָן אײַנגעקאָרטשעטע און מיטאַמאָל האָט זיך פון אירע פאַר־טרוקנטע ליפּן אַרויסגעריסן אַ פליסטער: אָן אויסוואָרף... אַ דערשי־טערטע האָט זי זיך אויפגעזעצט. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי אַראָפּ פון בעט. אַ באָרוועסע איז זי אַרײַן אין קיך און האָט אָנגעלענט איר צעהיצטן קאָפּ אויף דער וואַנט. עס האָט זי באַהערשט אַ מורא, צי מרדכי האָט נישט געהערט איר פליסטער. זי האָט נישט געדענקט, אַז ער איז די נאַכט נישט געקומען אַהיים און אַז זי שלאָפט אַליין אין בעט.

מרדכי האָט שוין נישט געדענקט, אַז בײַ אים האָט געאַרבעט מירע. ער דערמאָנט זיך נאָר ווען ער געפינט ערגעץ־ווו אין אַ שופלאָד אירס אַ האָרנאָדל. אַ פאַרטרוקנטן ליפּשטיק אָדער אַ נעגל־פייל. דאָקעגן רודל האָט נישט פאַרגעסן מירעס קול אין טעלעפאָן, וואָס קלינגט איר נאָך איצט אין די אויערן. ביז מירע האָט מיט איר גערעדט, האָט זי דאָך נישט געגלייבט, אַז ער פאַרברענגט מיט פרויען, כאָטש ער האָט זיך באַצויגן צו איר אַראָגאַנט און ווולגאַר.

אַנומלט איז זי שטיין געבליבן אין מיטן דער אַרבעט מיט אַראָפּגע־לאָזטע הענט אַ פאַרטראַכטע און מיט ווייטיק זיך אַ פרעג געטאָן: בין איך אַזוי העסלעך? זי האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער ווי אַ וואַנזיניקע, ביז זי האָט זיך פאַרמאַטערט און אַוועקגעזעצט מאַטלאָז. שפּעטער איז זי שטיין געבליבן פאַרן שפּיגל, זיך אָנגעקוקט ווי זי זעט אויס. אין אָוונט איז זי אַרויס פון באָדצימער אַ נאַקעטע און אָנגעקוקט אין שפּיגל איר קערפּער. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט, אײַנ־געניורעט איר פּנים אין די הענט און געהעשעט.

אין די ווייניקע שעהען וואָס מרדכי געפינט זיך אין שטוב האָט ער

געזוען ווי רודל פײַניקט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז זיך משער אָדער ווייסט אַפילו ווי ער פּירט זיך אויף. ער האָט געזען איר מוטלאָזן בליק און ווי זי שטיקט זיך מיט איר צער אין שווײַגן. ער האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען. ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט נישט קיין אויסוועג און זי איז אָנגעוויזן אויף אים.

אין שטוב האָט ער געהערשט, אָבער אין גאַס האָט ער זיך געהיטן פאַר די וואָס קענען אים. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די טרעגערס און די שאָפערן זאָלן אים מקנא זײַן. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז זיי קוקן נאָר אויס די געלעגנהייט זיי זאָלן זיך אין אים קאָנען נוקם זײַן.

ער האָט זיך געהיטן, אָבער נישט מוותר געווען אויף זײַן פירן זיך. די איינציקע צו וועמען ער האָט זיך צוגעהערט איז געווען מאַריאַסאַ. זי איז בײַ אים געווען אַזאַ, וואָס שטאַמט פון אַדל, קען שפּראַכן און קומט אין די הויכע ספערן. זי האָט אויסגענוצט זײַן אַרט דענקען און אים דאָס אײַנגערעדט מיט פאַרשידענע מיטלען. זי האָט בײַ יעדער גע־לעגנהייט אים געזאָגט: איך פאַרשטיי אַזוי... איך טו אַזוי... זי האָט נישט איין מאָל אים אויך געזאָגט: איך בין אַ פרוי מיט פאַרשטאַנד... אַן אַנדײַט, אַז זי געהערט צו אַן אַנדערע ספערע מענטשן. ער האָט איר געגלייבט, ווײַל אים האָט געלאָקט די רײַכע געזעלשאַפט וועגן וועלכער ער האָט נאָר געהערט, — און געשטרעבט זיך אַהין אַרײַנצובאַקומען, ווײַל מאַריאַסאַ האָט כסדר אים דערציילט וועגן די אָרגיעס אין זייערע סאַלאָנען. זי האָט גערייצט זײַן פאַנטאַזיע און צעגעזאָגט אים אַרײַנצופירן אין זייער געזעלשאַפט.

זי האָט נישט געלייגט קיין אַכט ווי ער פירט זיך. אַלע אירע באַקאַנטע האָבן זיי געזען צוזאַמען. אָבער אויך זי, די געניטע און דורכגעטריבענע פרוי, איז נישט איין מאָל זיצן געבליבן מיט פאַרזשמורעטע אויגן ווי זי זאָל אים שפּיזן, ווען זי האָט געזען ווי ער קוקט זיך איבער מיט עפּעס אַ פרעמדער פרוי...

לעצטנס טרעפן זיי זיך יעדן טאָג, יעדעס מאָל אין אַן אַנדער קאַפע אויף אַן אַנדער גאַס. זי וויל וואָס מער מענטשן זאָלן זיי זען צוזאַמען און דאָס זאָל אויך דערגיין צו רודלען. זי ווייסט, אַז זי קאָן נישט קאָנ־

קורירן מיט רודלען אין אַלע היגזיכטן, אָבער זי האָט באַשלאָסן ממשיך זײַן איר אַוואַנטורע מיט מרדכין. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן. ער איז איר געפֿעלן און זי האָט זיך געטראַכט: אפֿשר דאָך...

זי האָט אויף אים די פֿולע שליטה. זי הייסט אים צוגרייטן קאַרטן אין טעאַטער. זי זאָגט אים אָבער אָן, אַז דאָס מוזן זײַן פּלעצער אין די דרײַ ערשטע רייען און אין דער מיט. דאָרט זיצן די פֿאַרנעמע מענטשן. ער קומט אָן אויסגעפּוצטער, אָנפֿאַרפֿיומירט און אויסגעפּעצט די האָר. ער זיצט אַ שטײַפֿער און וויקלט אַ שטיקל פּאַפּיר צווישן די פֿינגער און קוקט זיך אַרום איבערן זאַל. אים איז לאַנגווײַליק בשעת דער פֿאַרשטעלונג.

אין אַ נאָכמיטאָג זענען זיי ביידע געזעסן אין קאַפֿע „פּאַלמאַ", ער מיט דער ליידיקער פּײַקע אין מויל און בײַ אַ גלעזל קאָניאַק, זי בײַ אַ קאַווע. דאָס איז געווען אַ פּיקאַנטיקער לאָקאַל. צו דער הילצערנער סטעלע זענען געווען צוגעשרויפֿט עטלעכע זשיראַנדאָלן, וואָס זענען נאָך נישט געווען אָנגעצונדן. די טישלעך זענען געווען באַזעצט מיט באַלעבאַטישע פּרויען און מענער, וועלכע זענען נאָך זייער נאָכמיטאָג־שלאָף געקומען געניסן פֿון אַ שטאַרקער אַראָמאַטישער קאַווע. אַלע האָבן גערעדט שטיל, עס האָט זיך נאָר געהערט אַ געדיכט פּלוישן.

מרדכי מיט מאַריאַסאַן האָבן אויך גערעדט שטיל. ווי זיי זאָלן זיך היטן, מען זאָל זיי נישט אונטערהערן. זייער שמועס איז געווען אָן איבערגעהאַקטער. איינער האָט געמאַכט אויפֿמערקזאַם דעם אַנדערן אָדער אים געפֿרעגט: צו ווען איז ענלעך דער גאַסט, וואָס איז איצט אַרײַנגעקומען? קוק, ווי יענער דאָרט אין ווינקל איז פֿאַרנעם אָנגעטאָן? ווער איז דער מיטן דיקן קאַרק?... זיי האָבן נישט געהאַט איבער וואָס צו רעדן און נישט געוואָלט זיך לאַנגווײַלן. אָבער ווען זי האָט מרדכין אַ זאָג געטאָן האַלב־ערנסט און אויך מיט איראָניע: די־אַ מיטן ברייטן בוזעם און פֿעטן בויך, האָט זיך אַוועקגעזעצט דיר אַנטקעגן, דו זאָלסט זי זען. גיב אַ קוק אויף איר, נאָר דײַן ווײַב זאָל זיך נישט דערוויסן...

ער האָט זי אָנגעקוקט, צי זי מיינט עס ערנסט און איר געענטפֿערט:

מיַין וויַיב פאַרנעמט זיך נישט מיט די ענינים. זי איז אַן אַנדער סאָרט פרוי...

— אויך דו ביסט איר מותר? — האָט זי אים געפרעגט און נאָך מער צעשויבערט זיַין שוין צעשויבערטע טשופּרינע. ער האָט נישט געענטפערט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, צי ער האָט רודלען פאַרטיידיקט צי באַשולדיקט. זי האָט פון זייערע שמועסן שוין געוווּסט, אַז ער פילט זיך מינדערוועריק כלפּי רודלען. אינצווישן האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים און געזען ווי שיין ער איז מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן, זיך פאַרטראַכט און זיך אַ ווענד געטאָן צו אים, ווי זי זאָל רעדן צו זיך:

— עס איז מיר שוין נמאס זיך אַרומשלעפּן איבער די קאַפעען. יעדער מענטש דאַרף זיַין ווינקל...

ער האָט זי אָנגעקוקט און האָט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט. פון מיטלייד האָט ער איר אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ, אָבער נישט מער.

זי האָט דערויף נישט רעאַגירט. ערשט שפּעטער האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ צעשמייכלטע געזאָגט, אַז מיטוואָך אין אָוונט גייט מען אין „עלדאָראַדאָ". זי האָט געוואָלט זיי זאָלן זיך נישט טרעפן עטלעכע טעג.

— פאַר וואָס נישט אין „ראָז"? דאָרט טרעפט מען היימישע מענטשן און עס איז לוסטיק...

זי האָט אים אָנגעקוקט בייז. זי איז געווען אין כעס אויף אים פאַר דעם גלעט איבערן קאָפּ און זיַינע נאַרישע רייד און אים געענטפערט אַן אויפגערעגטע: „שוין ציַיט דו זאָלסט אויפהערן גיין אַהין. ווער קומט אין „ראָז"? אַלטע אימפּאָטענטן און קוואַלירן וואָס האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן. דאָס זענען די נישט־דערגאַנגענע פּערזענלעכקייטן און געוועזענע פּאַרזיצערס"... מרדכי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיט אַ מינע ווי ער זאָל זי באַדויערן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער דאַרף איר ענטפערן.

אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, געוואָלט זיך מיט אים רייצן פאַר זיַין אומגעלומפּערטן באַנעמען זיך און אים געלערנט: אין „עלדאָראַדאָ" קומען מענטשן פון דער ברייטער וועלט, געזעלשאַפטלעכע מענטשן,

געבילדעטע מענטשן און פאַבריקאַנטן... זי האָט אים אַ שפּיז געטאָן מיט אַ שאַרפן בליק און געוואַרט וואָס ער וועט איר זאָגן. אָבער ער האָט אַלץ נאָך געשוויגן. פון איין זײַט איז ער געווען זיכער, אַז ער איז פעיִקער ווי די אַלע וואָס זי האָט אויסגערעכנט, פון דער אַנדערער זײַט איז ער געווען אָנגעברוגזט, וואָס ער געהערט נאָך נישט צו יענער געזעלשאַפט.

זי האָט געוווּסט זײַנע פאַרלאַנגען און בכדי אים צו באַרויִקן האָט זי אים געגומען רימען: „אַ מענטש מיט דײַנע פעיִקייטן און דײַן שטאַנד דאַרף פאַרקערן מיט זײַנס גלײַכן. דו מוזט היטן דײַן רעפּוטאַציע"... זי האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און מיט תקיפות אים ווי צווויסן געטאָן: „איך וועל דיך צו זיי ברענגען און מיר וועלן מיט זיי פאַרקערן"...

ערשט איצט האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז ער איז מסכים. אַביסל שפּעטער האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און איר געזאָגט, אַז ער מוז גיין, אַ וויכטיקע זיצונג.

— גיי, איך בלײַב זיצן — האָט זי לאַקאָניש אים געזאָגט. זי האָט געוווּסט אַז ער גייט אַהיים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איר געזאָגט „שלום" און איז אַוועק. אויפן וועג האָט ער באַצאָלט דעם קעלנער.

דער קעלנער, אַ מיטלוווּקסיקער, מיט אַ לענגלעך פּנים און ברייטער גאָמבע האָט אָנגעצונדן די ליכט. די געסט האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנ־דערצוגיין. מאַריאַסע איז געזעסן און דורכגעקוקט די אילוסטרירטע זשור־נאַלן, אָבער ווי נאָר עס איז ווער אַרײַן האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט, צי עס איז נישט געקומען ווער פון אירע באַקאַנטע און ווײַטער געבלעטערט דעם זשורנאַל.

22

רודל האָט זיך געפּאַרעט פון באַגינען ביז שפּעט. זי האָט אַלץ געטאָן אין שטוב און יעדן טאָג געוואַרט אויף מרדכין ביז שפּעט. זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט ווען ער וועט קומען. ער איז געקומען

ווען אים איז געווען באַקוועם. זי האָט זיך געפּאָרעט, אָבער אירע באַוועגונגען זענען געווען פּאַמעלעכע און קורצע ווי זי זאָל זיך שלײַכן נאָך אַ שאָטן. זי האָט געטאָן אַלץ, אָבער מיט די לעצטע כּוחות. זי איז געווען אײַנגעבראָכן, האָט געליטן און געשוויגן. זי האָט פאַרשוויגן איר ווייטיק און צאָרן פון איר צעבראָכן לעבן.

אָפּט, ווען זי האָט דערפילט די אימהדיקע שטילקייט אַרום זיך, איז זי אַרײַן צום קינד, האָט מיט אים גערעדט אַן אַ טאָלק: ווילסט עסן? עס טוט דיר עפּעס ווי? קינדעלע, עס זאָל דיר גוט זײַן אין לעבן, זאָלסט קיינמאָל נישט דאַרפן וויינען... פון איר האָט אַרויסגערעדט איר צער. זי האָט גערעדט, געוואָלט הערן איר קול. אירע ליפּן זענען געווען ווײַס, אירע אויגן אויסגעטרוקנט, די באַקן אײַנגעפאַלן. זי איז געווען אָנמעכטיק ווי אַ פיש אין אַ נעץ, עלנט. יעדער נײַער אויפגייענדער טאָג האָט זי געשראָקן.

זי איז געווען אויפגערעגט און געהאָרכט, געוואַרט, דער טעלעפאָן זאָל קלינגען. זי איז געווען זיכער אַז די פרוי, וואָס האָט מיט איר גערעדט, וועט נאָך אַ מאָל אָנקלינגען.

דעם לעצטן מיטוואָך אין דער פרי האָט דער טעלעפאָן טאַקע געקלונגען. זי איז צוגעשפּרונגען און אַ כאַפּ געטאָן דאָס טרײַבל. זי איז געבליבן אָן אַן אָטעם. אַן אויסגעצויגן, נערוועז פרויען־קול, וואָס האָט זיך באַמיט רעדן לײַכט האָט זי געפרעגט: האַלאָ! פרוי רודל?... און זיך פאַר איר פאָרגעשטעלט: איך בין הויך און קאָרפּולענט, נישט אַזוי שיין ווי איר, אָבער שטאַרק אין כּוח און אין כאַראַקטער. איך בין מרדכיס פרײַנדין...

דאָס האָט גערעדט מאַריאַסאַ און נישט מירע.

רודלען האָבן זיך די קני אונטערגעבראָכן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך אָנגעלענט אויף דער וואַנט. איר האַרץ האָט פּולסירט האַסטיק.

דער טעלעפאָן האָט נאָך אַ מאָל געקלונגען. דאָס טרײַבל אין רודלס האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. דאָס האָט ווידער געקלונגען מאַריאַסאַ און זי האָט ממשיך געווען זייער איבערגעריסן געשפּרעך.

— איך בין אַ פּרוי פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ הויכע באַאַמטין. איך געניס פֿון לעבן און טו עס צוזאַמען מיט מרדכין...

רודל האָט געשוויגן. אירע געדאַנקען זענען געווען פּאַרפּלאָנטערט. זי האָט נאָר אַ קרעכץ געטאָן „אוי!” אָבער מאַריאַסאַן האָט עס נישט געאַרט און זי האָט ממשיך געווען:

— מרדכי האָט איך געזאָגט, אַז ער פֿאָרט קיין חיפה און וועט דאָרט בלײַבן נעכטיקן, אַ יאָ? איך טו איך צוויסן, אַז הײַנט אין אָונט וועלן מיר פֿאַרברענגען צוזאַמען אין „עלדאָראַדאָ”. קומט צו, וועט איר זיך איבערצײַגן...

און מאַריאַסאַ האָט זיך היסטעריש צעלאַכט און האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

רודל האָט דערפֿילט אַ רויש אין קאָפּ. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און אַן אוממעכטיקע אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער וואַנט. דאָס טרײַבל איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון האַנט.

מאַריאַסאַ מיט מרדכין זענען אויסגעשטיגן אויפֿן דיזענגאָף־סקווער. מרדכי האָט באַצאָלט דעם שאָפֿער און געלאָזט זיך גיין. באַלד האָט ער דערזען, אַז ער גייט אַליין. ער האָט צוגעוואַרט. זיי זענען געגאַנגען און נאָר געזען די סילועטן פֿון די מענטשן. די נאַכט איז געווען אַ פֿינצטערע. זי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ זײַטיק געסל וואָס האָט נישט געהאַט קיין אויסגאַנג. דאָרט זענען געשטאַנען דרײַ איינשטאָקיקע הײַזלעך. דאָס אָרט האָט אויסגעזען ווי אַ ווינקל. זיי האָבן זיך פֿאַר־האַלטן פֿאַר דעם לעצטן הײַזל. אין געסל איז געווען שטיל און פֿינצטער, מען האָט נאָר געזען די קאָנטורן פֿון דעכער און די גערטנדלעך פֿון פֿראָנט. די שײַן פֿון אַ לעמפּל אונטערן דאַך האָט באַלויכטן די וואַנט פֿון הײַזל און די דרײַ ברייטע אַרײַנגאַנג־טרעפּ.

ווי נאָר זיי זענען אַריבער די טרעפּ האָט אַ מונדירטער פּאַרטיער זיי געעפֿנט די טיר און זיך פֿאַר זיי פֿאַרנייגט. אין פֿאָיע האָט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מאַן מיט שיטערע, אָנגעפּעצטע האָר צוגענומען בײַ מרדכין דעם פֿאַלטן מיטן קאַפּעליוש. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן קאָסטיום און אין האַנט געהאַלטן אַ קליין טעשעלע.

דער לאָקאַל איז געווען רחבותדיק און הויך, אָן אַ סטעלע נאָר מיט אַ שיפּן דאַך פון רויטע דאַכעלקעס, וואָס איז געלעגן אויף קראָקוועס. פון צווישן די קראָקוועס האָבן אַראָפּגעהאָנגען עטלעכע קאָלירטע איבער־געבראָכענע פלעשער מיט אַ לעמפּל אינעווייניק. די לופט אין זאַל איז געווען אַ פאַרנעפּלטע. די גרויע ווענט זענען געווען באַמאָלן מיט גע־מעטרישע פיגורן פון אַלע קאָלירן. מאַריאַסאַ האָט זיך אוועקגעזעצט בײַ אַ טישל אין אַ ווינקל. דאָ האָט זי געקאָנט זײַן אַליין מיט מרדכין און אַלע אָבסערווירן. מרדכי האָט זיך אַוועקגעזעצט איר אַנטקעגן. דער קעלנער, אַ הויכער, דאַרער פאַרשוין מיט אַ דין אויסראַזירט וואָנצעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרץ שנירל, האָט באַלד אָנגעצונדן דאָס ליכט אויפן טיש, וואָס איז געווען אָנגעטריפט אויף אַ שטיקל האָלץ.

— איך וויל אינטימקייט — האָט מאַריאַסאַ אַ זאָג געטאָן, ווי זי זאָל זיך האָבן באַליידיקט און זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט. דער קעלנער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון דער זײַט און איז אַוועק. מרדכי האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן זיך אַרומגעקוקט מיט נײַגער און נאָך אַלץ געשוויגן. אין זאַל איז געווען שטיל. צו זיי איז נאָר דערגאַנ־גען דער אָפּהילך פון די דינע פידל־טענער. דער פידלער, אַ מיטלוווקסי־קער, דאַרער, מיט אַ לענגלעך פּנים, האָט שפּאַצירט צווישן די באַזעצטע טישלעך און געשפּילט.

מיט אַ מאָל האָט מאַריאַסאַ אַ זאָג געטאָן: מרדכי, באַשטעלן וועל איך... אויך איצט האָט ער איר נישט געענטפערט. זי האָט אויסגע־שטרעקט אַ פינגער. דער קעלנער, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— אַ וויסקי און אַ קיראַסאַ — האָט זי בײַ אים באַשטעלט.

ווען דער קעלנער האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די משקה, האָט מרדכי באַלד אַ זופּ געטאָן און זיך פאַרקרומט. זי האָט עטלעכע מאָל אַ שמעק געטאָן צום גלעזל און צום סוף גענומען זיך פון ליקער.ביידע האָבן געשוויגן. מרדכי האָט פון מאָל צו מאָל אַ זופּ געטאָן פון זײַן גלעזל און כסדר זיך אַרומגעקוקט. ער האָט באַטראַכט די געסט ווי זיי זענען אָנגעטון, ווי זיי זיצן שטײַף, עסן פּאַמעלעך און רעדן שטיל. די

מוזיק האָט כסדר זיך געביטן, אַמאָל סענטימענטאַל, אַמאָל פריילעך. די קעלנערס שטילע, עלאַסטישע טריט האָבן געשאַרכט ווי זיי זאָלן טרעטן אויף טעפּיכער.

מרדכי האָט געזען און ווי אָנגעטאַפּט דעם דיסטאַנץ פון אים ביז דעם אָרום. ער האָט געפילט, אַז די מענטשן דאָ זענען נישט זײַן קלאַס. ער איז דאָ געווען אַ פרעמדער. זי האָט כסדר געשמעקט צום גלעזל וואָס זי האָט געהאַלטן מיט צוויי פינגער, ווי זי זאָל שמעקן צו אַ וויי־רויך, און באַטראַכט מרדכין. זי האָט פאַרשטאַנען זײַן שווײַגן, אָבער איר באַנעמען זיך צו אים איז געווען אַדורכגעטראַכט און געהאַט אַ ציל. זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיך איבערצײַגן, אַז נאָר זי און נישט ער געהערט צו דער געזעלשאַפט.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי מיטן פוס אונטערן טיש אָנגעטרעטן זײַן שפּיץ שוך, אים איבערגעריסן זײַנע מחשבות. ער האָט זי אָנגעקוקט, ווי ער זאָל זיך וווּנדערן, אָבער געזאָגט האָט ער:

— מאַריאַסאַ, איך קויף זיי אַלע אָפּ און באַצאָל פאַר זיי. איך האָב מער געלט ווי זיי גאווה. מײַן פאַרמעגן האָט מײַן טאַטע מיר נישט געגעבן און אויך נישט געלאָזט בירושה. דאָס האָב איך פאַרדינט מיט די־אַ צען פינגער...

די ווערטער האָט ער אויסגעזעצט ווי אַ ברוקער וואָס ברוקירט אַ שטיין נאָך אַ שטיין. זי איז געבליבן געפּלעפּט.

דער קעלנער האָט אויסגענוצט זייער שווײַגן און איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— צוויי מאָל געבאַקענע פיש און אַ שאַמפּעין! — האָט זי באַשטעלט.

— פאַר מיר אַ טאָפּלטע וויסקי, אָבער אָן ציטרין — האָט ער צוגעגעבן.

דער קעלנער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַוועק. זי האָט געוווּסט, אַז אים איז דאָ אומהיימלעך און אַז די געזעלשאַפט איז אים פרעמד. זי האָט זיך איבערגעלייגט וואָס זי זאָל אים זאָגן, אָבער איצט האָט ער דווקא ממשיך געווען און איר געזאָגט מיט גאווה:

— דער מענטש מוז שטרעבן און קלעטערן. די לייטער דערצו איז דאָס טשעק־ביכל...

דער קעלנער האָט זיי צוגעטראָגן צוויי פּאָרצעליי־פּלאַטן; אויף יעדער האָט זיך געפונען אַ געבאַקענע בורי (אַ ים־פיש), קליינע אויסגעשיילטע געבראָטענע קאַרטאָפעלעך און עטלעכע געזײַערטע שוועמלעך. ער האָט אויך געבראַנגט אַ געניקלט פעסעלע מיט אײַז־קלעצלעך און אין זיי די פלאַש שאַמפּיין. מרדכין האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ הויך, שמאָל גלאָז וויסקי. דער קעלנער האָט אַרויסגעצויגן מיט אַ קנאַק דעם קאָרק פון פלעשל און איר אָנגעגאָסן דעם באָקאַל. ער האָט זיך פאַרנייגט און אַוועק.

בײדע האָבן געגעסן — ער מיט צענומענע עלנבויגנס, זי — לויט אַלע כללים, און געשוויגן. זי האָט געוואָלט, ער זאָל זען ווי זי עסט. זי האָט מיט דעם געוואָלט באַווײַזן ווער זי איז פון דער היים. שפּעטער האָט זי אים אויך דערציילט, אַז יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך און לעבט מיט זײַן פאַרגאַנגענהייט. אויך זי האָט איר יוגנט פאַרברענגט אין אַ סביבה ווי די מענטשן דאָ. איר מאַמע איז געשטאָרבן ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. איר פאָטער איז געווען אַ האָלץ־סוחר, געהאַקט וועלדער אין רוסלאַנד און צעשיקט דאָס האָלץ איבער דער וועלט. נאָכן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זענען זיי אַריבערגעפאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט קיין ישראל.

ער איז זיצן געבליבן מיטן מעסער און דעם גאָפּל אין די הענט און זיך אין איר אײַנגעקוקט. ער האָט צו איר דערפילט אַ נאָענטקייט ווי צו אַ קרובה. ער אַליין האָט זיך דערזען אין די פּאַלעסיער וועלדער אָבער ער האָט נישט איבערגעריסן דאָס עסן. בײדע האָבן געשוויגן. מאַ־ריאַסאַ האָט די ערשטע זיך צערעדט, ווי זי זאָל ממשיך זײַן זייערס אַן איבערגעריסענעם געשפּרעך:

— אַזאַ מענטש ווי דו, מיט דײַנע פעיִקייטן טאָר זיך נישט באַגנו־גענען מיט עפּעס אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. דו דאַרפסט ווערן אַ פאַב־ריקאַנט אָדער פאַרלייגן אַן אַסעקוראַציע־אַגענץ. איך וואָלט זי דיר געפירט...

דאָס פּנים זײַנס האָט זיך אויסגעצויגן פון כּעס. דער אַלקאָהאָל האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל. זי האָט פאַרשטאַנען זײַן רוגז. צו מילדערן דעם אײַנדרוק פון איר פאַרשלאָג האָט זי אים געזאָגט ווי זי זאָל שלינגען די ווערטער: אָדער ווער אַ בוי־אונטערנעמער און בוי דאָס לאַנד.

ער האָט אָוועקגערוקט די ליידיקע שוין פלאַטע, האָט אויסגעטרונקען דאָס ביסל וויסקי און אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל וועלן עפּעס זען. ער האָט טאַקע געזען זײַן ביורא און זיך בײַם שרײַבטיש מיט דער פּײַקע אין מויל, באַלד דערנאָך זיך, אַ נאַקעטן אין ים, ווו ער שעפּט זשוויר. ער איז געווען דערציטערט און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ. די טענער פון „ציגײַנערוויַזע" האָבן זיך צו זיי דערנענטערט.

— אַ יידיש זמרל! — האָט מרדכי אַ באַפעל געטאָן דעם פידלער שוין פון ווײַטנס. דער פאַרמאַטערטער און פאַרשוויצטער פידלער האָט אים אויפגעשפּילט „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל". מרדכיס אויגן זענען פײַכט געוואָרן. ער האָט דערזען זײַן טאַטן, דעם הויכן, ברײַט־ביינערן ייד מיט דער לאַנגער באָרד און די מאַמע, אַ לײַביקע פרוי אינעם פּאָלעסיער דאָרף. ווען דער פידלער איז שטיין געבליבן זיי אַנטקעגן און פאַר זיי געשפּילט, האָבן צוויי טרערן זיך באַוויזן אין מרדכיס אויגן־ווינקלען. די געסט פון אַרום, צוזאַמען מיט מאַריאַסאַן, וואָס האָבן די גאַנצע צײַט אים אָבסערווירט האָבן אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. ווען דער פידלער האָט פאַרענדיקט די מעלאָדיע האָט מרדכי אַרײַנגעשטופּט אים אין וועסטל־טעשעלע אַ באַנקאָט. דער פידלער האָט זיך פאַרנייגט און אַוועק ווײַטער.

— וואָס צאָל איך? — האָט מרדכי געפרעגט דעם קעלנער וואָס איז ווי צופעליק פאַרבײַגעגאַנגען.

דער קעלנער האָט אים אָוועקגעלייגט דעם גרייטן שוין חשבון. מרדכי האָט אַ קוק געטאָן אין חשבון מיט איין אויג און אײַליק אַרויפגע־וואָרפן אויפן טיש עטלעכע באַנקנאָטן און איז האַסטיק אויפגעשטאַנען. ער האָט ווי מיט כּוח גענומען מאַריאַסאַן אונטערן אָרעם און מיט איר אַוועק צום אַרויסגאַנג. זי, אַן איבעראַשטע, האָט אים פאַרשוויגן און

זיך נישט אָקעגנגעשטעלט. דער קעלנער האָט זיך אַרומגעקוקט צי ווער פון די געסט האָט באַמערקט די פּאַסירונג.

אין דרויסן איז געווען פינצטער און קיל, די לופט אַ נאַסע, כאָטש עס האָט שוין נישט גערעגנט אַ מעת־לעת. מרדכי האָט אָפּגעאָטעמט, ווי ער זאָל פון זיך האָבן אַראָפּגעלאָזט אַ משא און אַ זאָג געטאָן ווי מיט פּאַריבל: „צווישן אייגענע איז גאָר אַנדערש”... ער האָט געמיינט זיינע פון אַמאָל, שאָפערן און טרעגערס ביי היימען. ער האָט גענומען גיין. זי איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי זי זאָל וועלן זען ווי צו שטעלן דעם פוס.

ער האָט פאַרהאַלטן אַ טעקסי. זיי זענען איינגעשטיגן.

— פאַר צו איר — האָט ער געזאָגט דעם שאָפער.

— וווּ? — האָט דער שאָפער אַ פאַרווונדערטער אים געפרעגט.

— אויף מעלטשעט־גאַס — האָט זי געזאָגט.

רודל איז צו זיך געקומען, ווי זי זאָל זיך האָבן איבערגעוועקט נאָכן טעלעפאָן־געשפּרעך און אַ דערשטוינטע זיך אַרומגעקוקט. נאָר ווען זי האָט זיך דערמאָנט וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט זי פונאַנדערגעלייגט די הענט אַ רעזיגנירטע. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, פאַרמאַכט די אויגן און זיך געפרעגט, ווי עס זאָל פון איר אַרויסרעדן: אפשר איז דאָס אַלץ דאָך נישט אמת? פאַר וואָס קומט דאָס מיר? איז דאָס מעגלעך? און זי איז זיצן געבליבן אַן איינגעקאָרטשעטע ווי די כוחות זאָלן זי האָבן פאַרלאָזט.

אַ צייט שפּעטער איז זי אויפגעשטאַנען. אירע אויגן זענען געווען אויסגעגלאָצטע און זי האָט זיך געקלאָגט: צו וואָס איך בין דערגאַנגען — רודל דאַרף קעמפן איבער מרדכין... זי האָט די ווערטער געזאָגט מיט סאַרקאַזם, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי געטראַכט, אַז זי האָט אים ליב און איז זיך מוסר־נפש פאַר אים... אָבער זי וועט מיט די אַלע פון דער גאַס נישט קעמפן...

ערשט איצט, נאָך אַ לאַנגער צייט, האָבן טרערן באַנעצט אירע איינגעפאַלענע באַקן.

די רעשט טאָג איז זי ווי עס איז איבערגעקומען. זי האָט געבאָדן דאָס קינד, אים געגעבן צו עסן, זיך מיט אים געשפּילט און אים געלייגט שלאָפן, נאָר אין שטוב האָט זי גאָרנישט געטאָן, אפילו נישט אָפּגעוואַשן די טעלער פון זונס מאָלצייט. זי אַליין האָט דעם טאָג נישט גענומען קיין ביסן אין מויל.

אויף דער נאַכט איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. די פינצטערניש איבער איר איז געווען געדיכט, דאָס צימער גרויס און ווי ליידיק, די שטילקייט אימהדיק. זי האָט זיך געשראָקן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז שאָטנס באַוועגן זיך און אַז זי הערט באַרוועסע טריט. אַ פאַרמאַטערטע האָט זי מיט אָפענע אויגן אַ דרימל געטאָן און באַלד וואַך געוואָרן.

מיטן קאַיאָר. אין שטוב און אין גאַס איז געווען נאָך פינצטער, נאָר אויפן ווייַטן האָריזאָנט האָט קוים געגרויט. רודל איז אַראָפּ פון בעט, זי האָט עס צוגעבעט און זיך אָרומגעוואַשן. זי האָט זיך אָנגעטאָן און זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל וואַרטן.

ווען דער טאָג איז געוואָרן העלער און אויך אין שטוב איז שוין געווען גרוי, האָט דער שליסל אין דער טיר זיך שטיל און פּאַמעלעך אַ באַוועג געטאָן. מרדכי האָט נישט געוואָלט איבערוועקן רודלען — ער האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר, שטיין געבליבן און געהאָרכט. רודל האָט זיך צעיאָמערט. איר געוויין איז געווען האַרצרייסנדיק איר אָנשטרענגונג און דערנידעריקונג פון גאַנצן מעת־לעת האָט זיך איצט אויסגעלאָדן.

מרדכי איז געשטאַנען אַ געפּלעפטער. ער איז נישט געווען גרייט צו אַזאַ באַגעגעניש. אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט ער גענומען זיך טאָרעווען אַ וועג, געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי ער זאָל זיך היטן ער זאָל עפּעס נישט אומוואַרפן. ער האָט געוואָלט זי פאַרבייַגיין און זיך לייגן שלאָפן. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז אירס אַ צייטווייַליקער צוזאַ־מענבראָך ווי אַ סך מאָל שוין און זי וועט זיך באַלד באַרויִקן.

זי האָט אים אָבער פאַרשטעלט דעם וועג. ער האָט אין דעם גרויען מאָרגן נישט געזען איר פּנים, נאָר איר געשטאַלט. אָבער אין מאָמענט

איז ער ניכטער געוואָרן. זי איז דאָס ערשטע מאָל אים שטיין געבליבן אין וועג.

— רודל! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן בײַם נאָמען.

דערהערנדיק איר נאָמען האָט זי אַ ציטער געטאָן. אָבער ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, זי ווי געוואָלט אַרומנעמען, האָט זי זיך אָוועקגערוקט. אויך ער איז געוואָרן איבערראַשט און זיך פאַר איר פאַר־טיידיקט: איך בין פאַרמאַטערט, אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרהאָרעוועט אין חיפה...

— דו ביסט געווען אין „עלדאָראַדאָ" און נישט אין חיפה — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ טרוקן און הייזעריק קול וואָס האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

— וואָס פאַלט דיר אײַן? — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

זי האָט היסטעריש אַ לאַך געטאָן. דאָס לאַכן איז געווען פול געוויין. זי האָט זיך באַהערשט און אים געזאָגט: די פאַסקודסטווע אַליין האָט מיר געקלונגען, איך זאָל קומען אײַך זען... פון איר האָט אַרויסגערעדט איר באַליידיקטער כבוד.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען? — האָט ער אַ שפּאַס געטאָן. געוואָלט אַזוי אַרום פאַרלײַכטערן די אָנגעשטרענגטקייט צווישן זיי.

— דאָס איז נישט פאַר מײַן כבוד — דאָס פּאַסט פאַר אַ שאָפער! — האָט זי אים געענטפערט. דעם באַגריף „שאָפער" האָט זי דאָס ערשטע מאָל איצט באַנוצט פון זינט זיי האָבן חתונה געהאַט.

ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין. זי האָט אים דערמאָנט, דאָס וואָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן — זײַן אָפּשטאַם.

— דו וועסט מיר נישט דיקטירן וואָס איך זאָל טאָן! — האָט ער, אַ צערייצטער געקלאַפּט מיט די פויסטן אין שאַנק. דער אָפּהילך פון זײַן שרײַען האָט זיך געטראָגן נישט בלויז איבער דער וווינונג, נאָר אויך איבער דער שטילער סביבה.

זי האָט נישט געצווייפלט און אים געזאָגט:

— איך אָדער זי!

זי האָט גערעדט פּאַמעלעך, ווי יעדעס וואָרט אויסגעצויגן באַזונדער פון דער קעל. איר קול האָט געציטערט אָבער איז געווען האַרט.

דער קלאַנג פון אירע ווערטער האָט איר געקלונגען אין די אויערן און געשטיקט איר אָטעם.

זי איז צו זיך געקומען ערשט ווען זי האָט דערהערט, אַז ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ער איז אַוועק פון שטוב אָן איר צו זאָגן אַ וואָרט. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן איר העזה.

זי האָט געהעשעט אָבער ווען בעני, אָן איבערגעוועקטער און דער־שראָקענער האָט זיך צעשריגן „מאַמע! מאַ־מע!" איז זי אַריין צו אים. זי האָט אים אַרומגעאַרעמט, זיך צו אים געטוליעט און געהעשעט, גע־וויינט אָן טרערן. דאָס קינד האָט אַריינגעשטעקט זיינע בײדע הענטלעך אין אירע האָר, זי געצויגן צו זיך און אויך געוויינט. אַ צייט לאַנג האָבן בײדע, די מאַמע מיטן זון געוויינט צוזאַמען.

23

דער פּיאַלעטער הימל איז זייער הויך, דער חלל איז העל און לופטיק. די אויסגערוטע אינעם ווינטער זונען־שטראַלן וואַרעמען ווידער, ווי זיי זאָלן געלטן. די מענטשן באַוועגן זיך פריי און האַפּערדיק. דער אָנקו־מענדיקער פרילינג זאָגט צו.

נאָר רודל שווייגט. זי האָט פאַרשוויגן איר באַליידיקונג און דער־נידעריקונג. אירע מויל־ווינקלען זענען ווי איינגעשניטן. אירע אויגן זענען איצט געזעסן טיף און געווען אונטערגעהאַקט. אָבער ביי דעם אַלעם איז זי באַחנט און שאַרמאַנט. זי זעט אויס נאָך העכער און שלאַנקער ווי זי איז.

אָפט, ווען דאָס קינד איז געשלאָפן אָדער זיך געשפּילט, האָט זי זיך געשלייכט איבער די צימערן ווי אַ פרעמדע, וואָס איז געקומען אָנקוקן די דירה. זי האָט באַטראַכט איר שלאָפצימער, די פּירטירקע נוס־שאַנק, דאָס ברייטע טאָפּלטע בעט און די טאַאַלעט־שענקלעך מיטן אָוואַלן שפּי־

גל: דאָס אויפנאַם־צימער, דעם מאַהאַגאָן־טיש מיט די געבעטע בענקלעך, דעם לאַנגן בופעט, די גרוי־באַצויגענע סאָפע, דאָס טישל מיט דעם ראַדיאָ און די צוויי האַלבע פאָטעלן. אַמלענגסטן האָט זי זיך פאַרהאַלטן אין קאַבינעט, ווי זי זאָל זיך עס וועלן אײַנקריצן אין זכרון: דעם שרײַב־טיש און דעם לעדער־פאָטעל, די ביכער־גאַבלאָטקע מיט זײַן פוילישן לעקסיקאָן פון פאַרנט און די שמאָלע סאָפע. דאָס צימער איז דאָס קלענסטע אין דער דירה, אָבער פון שטענדיק אָן האָט זי גערן געהאַט דרימלען אויף דער סאָפע אָדער סתם ליגן. נאָר דער טעלעפאָן אויפן שרײַבטיש האָט איר איצט געשטאָכן די אויגן. פון זינט זי האָט דער־האַלטן די אַנאָנימע טעלעפאָנען איז זי צו אים נישט צוגעגאַנגען.

זי איז עלנט, אַליין. איר איינציקע טרייסט אין איר צעטרעטן משפחה־לעבן איז דאָס קינד. זי איז געווען עלנט און פאַרלאָזט אָבער רויִק און געפאַסט. זי באַדויערט נישט דעם באַדינג וואָס זי האָט געשטעלט מרדכין: איך אָדער זי... זי איז נישט גרייט זיך טיילן מיט נאָך אַ פרוי און אוודאי נישט מיט נאָך פרויען. אָבער זי איז ווידער רודל פון אַמאָל. זי האָט באַשלאָסן זײַן מוטיק און איז עס מקיים. אָפט צעזינגט זי זיך אַפילו כדי צו פאַרטרײַבן דעם אומעט פון שטוב. בעני, אַ צופרי־דענער האָט איר אַרײַנגעשריגן: מאַ־מע, שיין!... „יאָ, מײַן קינד" — האָט זי אים געענטפערט אָבער נישט ממשיך געווען. זי האָט לאַנג נישט געקאָנט מיט זיך קעמפן.

אַנומלט איז בעני שטיין געבליבן פאַר איר און זי געפרעגט: מאַ־מע ווען קומט דער ט־אַ־טע?! און ער האָט פאַרצויגן די ליפּלעך ווי צום וויינען זי איז געבליבן מיטן פרעסאײַזן אין האַנט אַ געבוקטע ווי אַ זקנה. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי מיט אַ גראָבן פינגער זיך אויסגעווישט אַ טרער אין אויג.

— די מאַ־מע וו־יי־נט... האָט בעני געזאָגט.

— ניין, מיין קינד, דײַן מאַמע איז שטענדיק פריילעך, — האָט זי אים געענטפערט און זיך אויסגעגליכן.

בעני איז פאַרטאָן און לעבט אין זײַן וועלט. די מאַמע זאָרגט, ער זאָל זיך אויסלעבן אין זיין קינדער־וועלט און אים זאָל גאָרנישט פעלן.

ער איז איצט דאָס איינציקע באַשעפעניש וואָס פאַרבינדט זי מיטן לעבן. אַ גליקלעכע באַטראַכט זי אים ווי ער איז פריילעך און צעשפּילט.

אָן איבערגעוואָרפענער שטריק איבערן בענקל־אָנלען איז די לייץ פון זײַן פערד וועלכן ער באַפעלט: וויאָ! אָדער זאָגט אים: אויס! ער ציט די לייצן, טאַרעוועט דעם פערד אַ וועג אַרום דעם טיש און שרײַט צו אים: שנעלער! אַ צווייט מאָל ציט ער דאָס שטריקל פון זײַן היל־צערנעם אויטאָ. ער פאָרט מיט אים איבער די חדרים און שרײַט ווי ער זאָל טראָמביען, ער זאָל נישט ווע‌מען איבערפאָרן. אַן איבערגעקערט בענקל, אויף וועלכן ער זיצט, איז זײַן באַן אויף וועלכער ער פאָרט. ער פײַכט: האַ־האַ־האַ. דאָס איז זײַן באַוויַז אַז די באַן פאָרט. אָפט בלײַבט די מוטער שטיין אין טיר־דורכגאַנג אַ צעשמייכלטע און קוקט זיך צו אַ גליקלעכע ווי זאַרגלאָז איר קינד פאַרברענגט.

אָבער איר פרייד איז אַ טיילווײַזע. זי איז דאָך געווען איינזאַם און נישט געהאַט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. זי איז אויך געווען דערווײַטערט פון אירע שכנים און שכנות. מער ווי „גוט מאָרגן" אָדער „אַ גוטן אָוונט" צי „שלום" האָט זי קיינעם פון זיי נישט געזאָגט. אַלע פרויען אין הויז, אין דער סביבה האָבן זיך געוווּנדערט און נישט פאַר־שטאַנען רודלס אויפפירן זיך. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זי דערפאַר נישט פאַרטראָגן און אויך פאַראַכט איר גאווה. געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען געווען זיכער, אַז זי היט אַ סוד פאַר די שכנים. אַ טייל פון זיי האָבן זי אויך איגנאָרירט און זי גערופן „די מאַדאַם".

אַפילו מיט מיכלען, דעם קרעמער פון צווייטן געסל, בײַ וועמען זי האָט איצט אײַנגעקויפט, האָט זי נישט גערעדט. מיכלען, דעם נידריקן ברייטפּלייציקן ווי אַ פּניאַק פאַרשוין מיט אַ געלער שוין עטלעכע טעג נישט ראַזירטער באָרד, האָט זי נאָר געזאָגט „שלום" און בײַ אים געבעטן וואָס איר איז געווען נייטיק. מיכל, וואָס האָט זיך געוויגט אין גייען, ווי עס זאָל אים שווער זײַן טראָגן דעם בויך, האָט זי באַדינט העפלעך און אויך געשוויגן. ערשט בײַם אוועקגיין האָט ער איר געזאָגט „שלום" און זיך איבערגעקוקט מיט די קונים וואָס האָבן געוואַרט. אַלע זענען זיי געווען פאַראינטריגירט און געשוויגן.

אויך פון שטאָט איז קײנער צו רודלען נישט געקומען. אין גאַס האָט מען זי נאָר געזען שפּאַצירן מיטן קינד. אַלע אין דער סביבה זענען געווען נײַגעריק פּאָר וואָס זעט מען נישט לעצטנס מרדכין. די מיסטע־ריעזע משפּחה האָט אַלעמען אינטריגירט. בײַ יעדער געלעגנהייט האָט איין שכן געפרעגט דעם אַנדערן: ווער זענען זיי? פון וואַנען זענען זיי געקומען? געווען שכנים, וואָס זענען זיכער געווען, אַז מרדכי איז אַוועקגעפאָרן קײַן אויסלאַנד געשעפטלעך. זיי האָבן געהערט אַז ער איז אַ גרויסער אונטערנעמער. געווען פרויען, וואָס ווען זיי האָבן באַגע־געגט רודלען אין הויף צי אויפן וועג צו מיכלען, זענען זיי שטיין געבליבן, געוואַרט, רודל זאָל זיך אויך פאַרהאַלטן, אָבער זי איז זיי פאַרבײַגעגאַנ־גען. פון בושה האָט זי נישט געוואָגט צו זיי צוגיין.

אָבער רודלען איז געווען אומעטיק. איר זענען געווען נייטיק מענטשן, זי זאָל זיך קאָנען אַדורכרעדן, הערן זייער און איר קול. דערפאַר איז זי טאָקע וואָס ווייניקער געזעסן אין שטוב. זי האָט געצויגן אין גאַס צו מענטשן. ווי נאָר זי איז זיך אָפּגעקומען מיט דער שטוב־אַרבעט, איז זי מיטן קינד אַוועק שפּאַצירן. זי האָט יעדן פרימאָרגן געפירט דאָס קינד אין וועגעלע איבער די זעלבע זײַטיקע גאַסן, וווּ די שטילקייט איז געווען אַ געגליווערטע, קיין אויטאָ איז אַהין נישט אַרײַנגעפאָרן. זי האָט שוין געקענט געוווּסט וווּ און אויף וועלכן הויז איז אָפּגעהאַקט דער טינק, אין וועלכן פענצטער שטייט די עלטערע פרוי וואָס קוקט אַרויס, וווּ און אויף וועלכן באַלקאָן זיצט דער ייִד מיט דער צײַטונג אין האַנט. זיי האָבן שפּאַצירט ביז זיי זענען צוגעקומען צום שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער.

דער שפּיל־פּלאַץ איז געווען אַ פּירקאַנטיק סעדל. אינעם סעדל זענען געוואַקסן עטלעכע עקאַליפּטוס־ביימער, עטלעכע פּאַלמעס און דרײַ פיקוס־ביימער. אַלע האָבן געגעבן שאָטן. אין סעדל זענען געשטאַנען עטלעכע בענק צו זיצן און אַ קאַסטן מיט זאַמד, אין וועלכן די קינדער האָבן זיך געשפּילט. דאָס סעדל איז איצט געווען אַ טייל פון בעניס היים. ער האָט דאָ געהאַט זײַנע חברים און חבֿרטעס, די בלאָנדע ענת, דעם שוואַרץ־האָריקן גדי און דעם באַחנטן אסף. מיט אספן, וואָס ער האָט ספּעציעל ליב געהאַט. האָט ער געבויט טונעלן און פּיראַמידן פון זאַמד.

ער איז אויך געווען אַ שאַפער וואָס האָט געטראַמביעט און אונטערגע־שטופּט זײַנע קינדערשע אויטאָס וואָס האָבן נישט געקאָנט פאָרן.

אַ צעשפּילטער און צעיאַכמעצטער האָט ער כסדר זיך אומגעקוקט, צי די מאַמע זיצט, צי זי האָט אים נישט איבערגעלאָזט, ווי דער טאַטע. די מאַמע האָט געפילט זײַן אומרו. זי האָט געזען ווי ער זוכט זי כסדר מיט די אויגן. זי האָט אים מיטגעפילט, אָבער נישט געקאָנט פאַרגרינ־גערן זײַן אומרויִק קינדיש געמיט.

רודל האָט מיט דער צײַט זיך צוגעוווינט צו איר איצטיקן שטייגער לעבן. אָבער לעצטנס איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שפּיציקע אַקסלען. זי האָט מיט ווייטיק אָבער מיט שטאָלץ אויפגע־נומען מרדכיס שיידונג. זי האָט אָבער געהאָפט, אַז ער וועט דאָך צוריק־קומען צו איר. זי האָט זיך אײַנגערעדט, אַז זײַן אוועקגיין איז געווען אַ ספּאָנטאַנער און אַ צײַטווײַליקער. אָבער איצט האָט זי שוין געוווּסט, אַז אין אַ צײַט אַרום וועט זי מיט איר קינד נישט האָבן פון וואָס צו לעבן. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, געזוכט אַרבעט, איבערגעקוקט די צײַטונגס־אַנאָנסן, געזוכט אַן אַרבעט, זי זאָל נישט מוזן אוועקגיין פון שטוב. זי האָט נישט געהאַט ווו צו לאָזן דאָס קינד, אויפן געדאַנק, אַז פרעמדע וועלן אין משך פון טאָג זיך פאַרנעמען מיט איר זון, האָבן אירע וויִעס אַ ציטער געטאָן און זי איז געוואָרן אוממעכטיק.

שוין עטלעכע וואָכן ווי רודל אַרבעט. די אַרבעט טראָגט איר אַ סך נישט אַרײַן. אָבער איר אַרבעט איז אַ שטוביקע. זי אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, אָבער מיט איבעררײַסן. זי ציט אויף פאַרביקע קרעלן. די אַרבעט האָט זי טאַקע באַקומען דורך אַ צײַטונג. די קרעלן האָט זי אויפגעצויגן לויט אַ שאַבלאָן. די אַרבעט איז איר נישט געווען שווער אָבער אַ זשמודנע. זי איז שעהען געזעסן אַ געבוקטע און אָנגעשטרענגט די אויגן, און מיט אַ לאַנגער נאָדל אויפגענומען אַ קרעל נאָך אַ קרעל. אין צווישן האָט זי צוגעשטעלט צו קאָכן און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן וואָס בעני טוט. טאָמער איז ער צו לאַנג געווען שטיל, האָט זי, אַן אומרויִקע אים אַ רוף געטאָן: או־או!... ער האָט איר געענטפערט: יאַ־יאַ!... דאָס איז געווען זייער אַפּמאַך און פאַראָל.

איר פּאַרדינסט האָט נישט געדעקט איר געברויך. זי האָט געזאָרגט פּאַר זייער מאָרגן, אָבער אויך געוועןן אַנטשלאָסן נישט בעטן הילף בײַ מרדכין. דאָס האָט דער שטאָלץ אירער נישט דערלויבט איר.

אַזוי האָט זי אויך געהאַנדלט אין אַ זוניקן פּאַרמיטאָג ווען זי איז מיט בענין געקומען אין סעדל אַרײַן. ווי נאָר זי איז אַרײַן אין סעדל איז זי שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און פאַרמרוזשעטע אויגן. זי האָט געוואָלט זיך איבערצײַגן, אַז זי האָט נישט קײַן טעות.

— רודל! — האָט סטעלע אַ צעיאָכמערטע פון אויפרעגונג זי אַ רוף געטאָן מיט אַ היסטעריש קול. סטעלע האָט געוואַרט אונטער דעם צעצווייגטן עוקאַליפּטוס.

רודל האָט איר נישט געענטפערט. איר אויסגעצויגן פּנים איז געווען אַ מאַסקע. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי פאַרקערוועט דאָס וועגעלע מיטן קינד און אַוועקגעפאָרן.

סטעלע איז באַלד אַוועק מיט אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און שלאַבעריקן שריט ווי זי זאָל גיין נאָך אַ מת.

רודל, אַן אויפגעטרייסלטע האָט זיך אומגעקערט אַהיים... די פּלוצימדיקע באַגעגעניש מיט סטעלען האָט זי דערמאָנט זייער אַמאָליקע פרײַנדשאַפט. זי האָט אָבער אויך נישט פאַרגעסן איר גרינגשעצונג צו מרדכין און אַוודאי נישט די נאַכט וואָס זי האָט איבערגענעכטיקט בײַ סטעלען. זי איז געווען אין כּעס אויף סטעלען פאַר וואָס זי איז צו איר נישט געקומען די גאַנצע צײַט, אַפילו נישט ווען זי האָט געבוירן בענין. סטעלע ווידער האָט רודלען נישט מוחל געווען פאַר וואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט מרדכין. רודל האָט איצט נישט געוואָלט איר רחמנות און אפשר אויך מוזן אויסהערן אירע פאַרוואורפן. פאַר איר איז מרדכי איר מאַן וואָס זי האָט ליב און דער טאַטע פון איר זון.

24

ווען מרדכי איז אַוועק פֿון רודלען איז ער די טרעפּ ווי אַראָפּגע־לאָפֿן, ערשט אויף דער גאַס, ווו די קילע מאָרגן־לופֿט האָט אים אַ ווייע געטאָן אין פּנים האָט ער אָפּגעאָטעמט. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי ער זאָל מאַכן אַ מאָרגן־שפּאַציר. ער האָט נישט געהאַט מיט זיך וואָס צו טאָן. דערזעענדיק דעם רעסטאָראַן־בופֿעט „טעם" וואָס מען האָט נאָר־וואָס געעפֿנט איז ער אַהין אַרײַן. דער קליינער לאָקאַל איז געווען אָנ־געדראָלט מיט אַ געמיש פֿון אַלקאָהאָל, ניקאָטין און געפּרעגלט פֿעטס נאָך פֿון נעכטן. ער האָט אָפּגעזיפֿצט.

— אַ קאָניאַק! — האָט ער אַ זאָג געטאָן דעם הויכן, שלאַנקן מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ שוואַרצע האָר, באַרמאַן. דער באַרמאַן מיט אַ צע־כראַסטעט העמד האָט אים אָנגעקוקט מיט איין אויג. ער האָט אים אַוועק־געשטעלט דאָס גלעזל. מרדכי האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין שלונג. ער האָט באַצאָלט און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זײַט. אַ פּאַרמאַטערטער איז ער אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן בענקל. דער קאָניאַק האָט אים אויסגעניכטערט פֿונעם שכרות אין „עלדאָראַדאָ", אָבער זיין קאָפּ איז געבליבן הויל. ער האָט נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען.

ווען דער פּאַרקער אין גאַס איז געוואָרן האַסטיקער און מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען אין „טעם" איז מרדכי אַוועק. ער האָט נישט געוואָלט, אַז באַקאַנטע מענטשן זאָלן אים דאָ זען.

ווען מרדכי איז אַרײַן צו זיך אין ביוראָ איז ברוך שוין געזעסן בײַם שרײַבטיש. ברוך איז געווען אַן אַלטער קאַוואַליר מיט איין אויג און אַ געניטער בוכאַלטער. ער האָט געאַרבעט אויף מירעס אָרט. ער איז געווען דאַר און מיטלוווקסיק. זײַן קאָפּ איז געווען אַ לענגלעכער קאַנוס. ברוך האָט מיט איין אויג, ווי ער זאָל קוקן שיף, אַרויסגעלייענט פֿון אַ פּאַפּיר וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— גוט מאָרגן! — האָט ברוך אים געזאָגט.

מרדכי האָט אים נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַוועקגע־

זעצט בײַ זײַן שרײַבטיש. אַ צײַט איז ער געזעסן אַן איבערגעבויגענער איבער זײַנע אָריבערגעלייגטע איבערן טיש עלנבויגנס און געדרימלט. ברוך האָט אַרײַנגעשריבן ציפערן אין דער קאַרטאָטעקע. מיט אַ מאָל האָט מרדכי זיך אָפּגעריסן פון טיש און אַ פרעג געטאָן ווי עס זאָל פון אים אַרויסרעדן: אַלע מאַשינען זענען אַרויס קיין חיפה?

— יאָ — האָט ברוך אים געענטפערט מיט אַ הוילער שטימע אָן איבערצורײַסן די אַרבעט.

מרדכי האָט אָנגעקלונגען: האַללאָ! מאַריאַסאַ? קום שוין צו גיין, איך דאַרף דיך נייטיק האָבן!... ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און זיך אַ ווענד געטאָן צו ברוכן: גיי אַריבער צו רודיקן און גלײַך מיט אים אויס דעם חשבון. איך וויל די חשבונות זאָלן זײַן אַקוראַט.

— איך גיי שוין! — האָט ברוך אים געענטפערט. ער האָט נאָר צונויפגעלייגט די קאַרטאָטעקע און איז אַוועק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט באַלד דאָ זײַן אַן איבעריקער.

מאַריאַסאַ איז אײַליק אַרײַן.ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. אָבער נישט פון פרייד, וואָס זיי טרעפן זיך שוין ווידער. יעדער פון זיי האָט געלאַכט ווי דער צווייטער זעט אויס נאָך דער נאַכט הול־טאַיען. אָן צו זאָגן אים שלום האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ פון טיש מיט איין פוס פאַרלייגט איבערן צווייטן און אים אַ פרעג געטאָן: טשטאָ סלישנאָ?... דאָס האָט זי אים דערמאָנט, אַז זי איז דאָס די וואָס רעדט שפּראַכן.

— איך בין אַוועק פון רודלען — האָט ער איר געענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטערן שטערן, ווי עס האָט אויף איר געווירקט די ידיעה.

זי האָט זיך צו אים צוגעבויגן, אים אַרויפגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען, ער זאָל פילן אירע ברוסטן און מיט פּאַטאָס, פול פרייד אים געענטפערט:

— דו האָסט געהאַנדלט ווי אַ מאַן און מענטש. דו האָסט דאָס שוין לאַנג געדאַרפט טאָן!...

אירע אויגן האָבן געגליט פון פרייד.

ער אָבער האָט זיך אַוועקגעבויגן, זיך אָפּגערוקט פון איר און געזאָגט:

— איך דאַרף אַ וווינונג.

— ביי מיר! — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ פאַרשאַרטן געלעכטער און געוואַרט אויף ענטפער.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

זי האָט פאַרשטאַנען זיין ענטפער. זי האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז זי מוז איצט זיין טעטיק, אים נישט לאָזן אַליין. און צו פרעגן אים האָט זי אָנגעקלונגען און געפרעגט: פענסיאָן בראַנד? עס רעדט די סעקרעטאַרין פון הער ברעזין דעם אינהאָבער פון דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט. ער זוכט אַ קוואַרטיר. זי האָט אויסגעהערט וואָס מען האָט איר געזאָגט און געענטפערט: יאָ, פרוי בראַנד. הער ברעזין וועט ביי אייך זיין אין אָוונט.

— נו, ווי בין איך צו דיר? צוזאַמען וועלן מיר דעראָבערן די מדינה! — האָט זי ווי אַ שפּאַס געטאָן מיט אים.

— אָבער דערווייל האָב איך נישט אין וואָס צו גיין אין גאַס. דו מוזט גיין מיט מיר און מיר איינהאַנדלען עטלעכע מלבושים — האָט ער איר געזאָגט.

— מיר וועלן אָפּעסן מיטאָג, — האָט זי זיך ביי אים באַשטעלט, — דערנאָך וועלן מיר גיין מאַכן פּאַקופּקעס... מרדכי האָט איר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַז ער איז מסכים.

זי האָט אים געמאַכט אַן ערנסטע מינע און אים געזאָגט: אָבער איצט מוז איך דיך לאָזן אַליין. איך מוז שוין גיין אין ביוראָ. די קליענטן וואַרטן אויף מיר... זי האָט אים צעשויבערט זיין בלאָנדע טשופּרינע, דאָס וואָס האָט אים אַזוי געקליידט און זי איז אַוועק אָן אַ שלום אַפילו. ער האָט זיך אַריינגעזעצט טיפער אין בענקל און געפרוווט דרימלען.

דער פענסיאָן בראַנד איז באַשטאַנען פון אַן איינשטאָקיק הויז, צען צימערן מיט אַן עסזאַל. דער אויסבליק פונעם רוב פענצטער איז געווען אויפן ים אַרויף. דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ גאָרטן, וואָס איז געווען געצוימט מיט אַ געמויערטן פּלויט. אין גאָרטן זענען געוואַקסן סעקולענטן־

קוסטן וואָס האָבן פאַרטראָגן די געזאַלצנקייט פון ים. דער פּענסיאָן האָט נישט געהאַט קיין שילד. נאָר אויף דער פלויט־פורטקע איז געהאַנגען אַ קליין מעשן טעוועלע, ווי אויף אַ פּריוואַטער ווױנונג „פּענסיאָן בראַנד“. אויך די אינערלעכע אײַנריכטונג איז געווען אַ באַשיידענע, מיט פּשוט לאַקירט מעבל. אָבער אין עס־זאַל איז געשטאַנען אַ שוואַרצער פליגל, וואָס האָט געגלאַנצט. אויך דאָס עסן האָט מען צוגעגעבן אין פאַר־צעלײַ־כלים.

פרוי בראַנד, אַ הויכע פרוי מיט אַ גרוי פאַרקעמטן קאָפּ, איז נאָך איצט אין אירע יאָרן געווען שלאַנק. כמעט שטענדיק האָט זי געטראָגן אַ קלייד מיט מאַנקעטן און אַ זשאַבאָט. זי האָט דעם פּענסיאָן געפירט אַליין. זי איז געווען אַן אלמנה. איר מאַן איז געווען אַן אינדוסטריעלער, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווי נאָר די נאַציס זענען געקומען צו דער מאַכט.

בײַ איר האָבן געאַרבעט עטלעכע מענטשן. סערווירט דעם טיש האָט זי אַלײַן. דערלאַנגט צום טיש האָט פּאולאַ אַ הויכע, יאָדערדיקע פרוי, אַ שאַטינקע מיט אַ געלאָקטן קאָפּ. זי איז געווען אַ פרוי בײַ די דרײַסיק מיט אַן אָוואַל צעשמייכלט פּנים. זי האָט אויך געשטאַמט פון דײַטשלאַנד און געוווינט אין פּענסיאָן.

אין די חדרים דאָרט האָט געהערשט אַ היימישע, אינטימע שטילקייט, ווי די מענטשן זאָלן טרעטן אויף טעפּיכער: נישט אַלע צימערן זענען געווען באַוווינט.

ווען מרדכי איז איבערגעגאַנגען אַהין וווינען האָבן צום טיש זיך געזעצט צוויי עלטערע הערן, ביידע מיטלוווקסיק, איינער מיט אַ קנאָכיק פּנים, ביידע מיט ווײַסע ווי שניי קעפּ. איינער האָט געשטאַמט פון קעלן, דער צווייטער פון האַמבורג. צוויי עלטערע דאַמען, וואָס האָבן געשטאַמט פון ענגלאַנד. ביידע זענען געווען הויכע, דאַרע, מיט פלאַכע ברוסטקאַסטנס. ביידע האָבן געטראָגן ברייטע, מיט פאַלדן קליידער און שיך מיט נידריקע קלעצלעך. זיי זענען געווען אַלמנות און חברטעס נאָך פון מאַנטשעסטער. עס האָבן אויך געוווינט דריי עלטערע ייִדן פון פראַנקרײַך. איינער האָט געהאַט געפאַרבטע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגעלעגן אונטערן

שניי גראָז. ער איז געווען הויך און דאַר. די צוויי אַנדערע זענען געווען נידריקע און מיט בײַכלעך. בײדע האָבן זיי געהאַט שוואַרצע צוגעשוירענע וואָנצעס און גרויע קעפּ. אַלע דרײַ זענען געווען פּאַרטרעטערס פון פּירמעס. מרדכי איז געווען דער אַכטער פּערזאָן בײַם טיש.

מרדכי האָט געפּרוווט זיך אַרײַנפּאַסן אין דער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעטוּענער. ער האָט געטראָגן לאַק־שיך און אַ טונקל־גרויען אַנצוג מיט צוויי שניטן אין דער מאַרינאַרקע פון הינטן. ער איז שטענדיק געקומען אין שטוב מיט אַ פּעקל צײַטונגען אונטערן אָרעם און אַ גרויסן, דיקן ציגאַר אין מויל. ער איז כסדר פּאַרפּאַרן מיט רעש אַלע זאַלן וויסן, אַז ער איז געקומען מיט זײַן נײַעם, לאַנגן „דאָדזש״.

אָבער זײַן אָנשטעלן איז געבליבן אין דרויסן פאַר דער טיר. אינע־ווייניק זענען זײַנע טריט אויך געווען שטילע. דאָ האָט יעדער אויפגע־פּאַסט אויף זיך. זעלטן ווען האָט ווער פון די עסערס אַרויסגערעדט אַ וואָרט בײַם טיש, מרדכי האָט זיך נישט געפילט באַקוועם. ער האָט דאָ געמוזט אײַנהאַלטן זײַן ראָזמאַך און געדענקען וואָס פאַראַ באַוועגונגען ער דאַרף טאָן. דערפאַר האָט ער אַפילו נישט געפילט דעם טעם פון עסן. ער האָט אויך נישט פאַרטראָגן די געקאָכטע לײַכטע מאכלים. אים האָט געפעלט אַ געבראָטענע פּולקע, אַ גלעזל קאָניאַק און אַ פּופּיק. ער האָט נישט פאַרטראָגן און נישט טועם געווען דאָס אויסגעוועפּטע סאָדע־וואַסער, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש.

ער איז געזעסן בײַם טיש ווי צווישן פרעמדע. די אײנציקע, מיט וועמען ער האָט געהאַט קאָנטאַקט דאָס איז געווען פאַולאַ. מיט איר האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ בליק אָדער ווונק. זי האָט אים געענטפערט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל. זי איז אין אירע פרײַע שעהען אויך געקומען צו אים אין צימער. דאָס האָט זי בדרך־כלל געטאָן אין די נאָכמיטאָג־שעהען, ווען פרוי בראַנד האָט זיך צוגעלעגט. פרוי בראַנד האָט עס געוווּסט און איז נישט געווען צופרידן וואָס זי גיט זיך אָפּ מיט קוואַרטיראַנטן און דערצו מיט אים. אָבער זי האָט נישט געוואָגט מאַכן פאַולאַן אַ באַמערקונג. פרוי בראַנד האָט נישט פאַרטראָגן מרדכין.

ער מיט זײַן באַנעמען זיך איז פאַר איר געווען אַ „פּלעבעער", אַן אויפגעקומענער גביר. אָבער איר באַציִונג צו אים איז געווען קאָרעקט ווי צו אירס אַ קוואַרטיראַנט. פּאַולאַן דאַקעגן האָט געלאָקט זײַן בלאָנדע טשופּרינע און זײַן גבֿרא׳שקייט וואָס האָט אין אים ווי געווירן.

דער פּענסיאָן איז איצט געווען מרדכיס היים. פאַרברענגט האָט ער ווײַטער מיט מאַריאַסאַן. ער האָט זי געפירט עסן און מיט איר געגאַנגען טאַנצן. זי האָט עס אויסגענוצט. אירע באַקאַנטע, די שטאַם־געסט אין די קאַפע־הײַזער זאָלן זי וואָס מער זען מיט אים. זי האָט געוואָלט, מרדכי זאָל מיט איר חתונה האָבן. דאָס איז געווען איר ציל. זי איז איצט, נאָך דעם ווי ער איז אַוועק פון רודלען, געווען כמעט זיכער, אַז זי וועט עס דערגרייכן. איר איז שוין געווען נמאס זיך אַרומשלעפּן מיט אים איבער די פאַרשידענע לאָקאַלן. זי האָט געוואָלט זײַן אַ שטוביקע פרוי. זי האָט כסדר אים אײַנגעלאַדן צו זיך און אַלץ געטאָן, ער זאָל זיך בײַ איר פילן פרײַ און היימיש. זי האָט אים געגרייט זײַנע באַליבטע מאכלים פון דער היים. זי האָט אַלץ געטאָן, איר שטוב זאָל זײַן דער המשך פון זײַן אַמאָליקער היים אין פּאַלעסיע.

אין אַן אָוונט — ער איז געזעסן בײַ איר בײַ אַ געדעקטן טיש. נישט נאָר דער זשיראַנדאָל האָט געברענט, נאָר אויך דער שטיי־לאָמפּ. די ליכט־שײַן פון אויבן און אונטן האָט זיך צונויפגעגאָסן. די העלקייט האָט פאַרגאָסן דאָס צימער. מרדכי, אַן דער מאַרינאַרקע, איז געזעסן בײַם טיש מיט אויסגעצויגענע פיס און געוואַרט. מאַריאַסאַ, אַ פאַרפאַרעטע האָט געגרייט אָוונטברויט. זי האָט געהאַט אויף זיך אַ סעלעדין־גרינעם צעלאָזענעם שלאַפראָק וואָס האָט פאַרהילט איר לײַביקע פיגור. אָבער בײַ יעדער איר באַוועגונג באַווייזן אירס אַן אָפּגעדעקטע פליישיקע קני.

זי האָט זיך צו אים צוגעזעצט און אים געזאָגט: הייב אָן! ער האָט איר צוגערוקט איינס פון די צוויי שוין אָנגעגאָסענע מיט קאָניאַק גלעזער.

— לחיים! — האָט זי אים געזאָגט און אָפּגעטרונקען פון זײַן גלעזל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און אים אָנגעקוקט.

— לחיים! — האָט ער אַ מורמל געטאָן. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און מיט איין שלונג אויסגעטרונקען דאָס גלעזל.

זי האָט אים צוגערוקט דאָס טעלערל. ער האָט זיך איַינגעריבן די הענט און גענומען עסן. ביידע האָבן געגעסן, יעדער אַ פּריטש לאַקערדע און צוגעגעסן דיק געשניטענע פּעניצלעך ראַזאָווע ברויט. זיי האָבן געגעסן און געשוויגן. מרדכיס ליפּן זענען געווען אויסגעפּעצט. פלוצים האָט זי אים אַ זאָג געטאָן: איך האָב ליב מיַין ווינקל. עס איז מיַין נעסט וואָס וואַרט נאָר אויפן „זכר".

ער האָט איר אַפילו נישט געענטפערט. ער האָט אויסגעענדיקט די לאַקערדע. זי האָט נאָר אָפּגעגעסן אַ שטיקל פון איר פּאַרציע. פאַר איר איז לאַקערדע געווען אַ פּראָסט עסן.

זי איז אין צווישן אַריַין אין קיך און נאָך אײדער ער האָט געענדיקט די פאַרשפּיַיז האָט זי אים אַוועקגעשטעלט אַ טעלער מיט רוסקי באַרשטש, פון וועלכן עס האָט געשלאָגן אַ פּאַרע ווי אַ וואָלקן. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס פאַר אים צוגעגרייטע גלעזל קאָניאַק און געגעסן וויַיטער. ער האָט געגעסן שנעל, פולע לעפל און זיך פאַרכליניעט. זי האָט געקוקט מיט וואָס פאַראַ תאווה ער עסט. זי אַליין האָט נישט געגעסן, אָבער ער האָט דאָס נישט געזען. זי האָט געהאַט ציַיט צו טראַכטן. פלוצים האָט זי, ווי אומשולדיק, אים געזאָגט, ווי זי זאָל זיך אָננעמען רודלס עוולה: דו האָסט איבערגעלאָזט דיַין וויַיב און גאָרנישט...

ער האָט איר נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ ווי באַשטעטיקט.

— דו דאַרפסט איר געבן אַ גט — האָט זי אים געזאָגט.

ער האָט דערויף איר בכלל נישט געענטפערט. נאָר ווען זי האָט אים אַ זאָג געטאָן: דעם זון וואָלט איך אויפגעצויגן... ווי דאָס זאָל זיַין אַ נעבן־ענין, איז ער געבליבן מיט אַ פולן לעפל אין האַנט און זי אָנגעקוקט, אָבער באַלד געגעסן וויַיטער.

שפּעטער, ווען זי האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער מיט געפּרעגלטן אין אייער וווּרשט, איז זי געזעסן און געקוקט ווידער מיט וואָס פאַר אַ תאווה ער עסט. זי האָט ביַי אים צוגענומען אַ פּריטשע וווּרשט און געגעסן. זעענדיק ווי ער עסט האָט זי אויך באַקומען אַפּעטיט.

ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט ער אויסגעטרונקען נאָך א גלעזל. זי האָט געזען, אַז ער איז שוין בגילופֿין און ווידער איס געזאָגט: דו דאַרפסט אַ היים מיט אַ פרוי, זי זאָל אויפנעמען געסט, דיר שאַפן אַ געזעלשאַפט...

ער האָט אויך איצט איר נישט געענטפערט. ער איז געווען זאַט, בגילופֿין און אויפגעלייגט. אָבער זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט, איס געזאָגט: איך פּאַס דערצו...

— הם... האָט ער אַ ברום געטאָן. זי האָט נישט געוווסט צי דער ברום באַדייט יאָ צי ניין.

אַ ביסל שפּעטער האָט זי אים אָוועקגעשטעלט אַ הייס גלאָז טיי און אַ טעלערל מיט הארטן צוקער. ער האָט אַ וואָרטשע געטאָן „עה־ו״, אַ וואָרף געטאָן מיט דער האַנט מיט ביטול און זיך אויפגעלאָזט דעם הויזן־פּאַסיק, געמאַכט זיך באַקוועם.

— שטעל מיט מיר אַ חופּה — האָט זי אים פאָרגעשלאָגן און אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער זײַט מיט מורא, צי ער באַפאַלט זי נישט.

ער איז אויפגעשטאַנען און נאָר אַ קוק געטאָן אויף איר ווי פון אויבן אַראָפּ. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אויסגעלאָשן די ליכט אין דער הייך, און זיך אויסגעצויגן אויף דער סאָפע. ליגנדיק שוין האָט ער מיט איין פוס אַראָפּגענומען דעם שוך פון צווייטן פוס. בײדע שיך זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן פּאָל. זי האָט אויסגעלאָשן אויך דעם שטיילאָמפּ. ער האָט באַלד געכראָפּעט. זי האָט אין דער פינצטער אַראָפּגענומען פון טיש און זי איז אַרײַן אין קיך וואַשן די כלים.

מאַריאַסאַ האָט פאַרקוקט אַלע זײַנע וויבריקעס און דערבנידעריקונ־גען. זי האָט זיך אין אים געהאַלטן, נישט געוואָלט אים פאַרלירן. זי האָט נישט געוואָלט ווידער בלײַבן אַליין און יעדעס מאָל זוכן אַ פרישן פאַרטנער. זי האָט כסדר צו אים געקלונגען און אים פאָרגעשלאָגן פאַר־שידענע פאָרשלאָגן: מאַך אַ לעבנס־פאַרזיכערונג; אַז עס איז פאַראַן אַ ביליקע פּאָליסע פאַר לאַסט־אויטאָס... זי האָט אים צווויסן געטאָן, אַז איצט וועלן די מענער טראָגן אַ מאַרינאַרקע מיט אַ ווייכן קאָלנער, אַ הויז אָן אַ מאַנקעט און שפּיציקע שיך. זי האָט אים באַלד אויך אַ פרעג

געטאָן כלומרשט אַ פּאַרזאַרגטע: אָבער איך בין נישט זיכער, צי די אַלע זאַכן וועלן דיר קליידן און צי דו וועסט זיך פילן גוט אין אַזעלכע בגדים... זי האָט כסדר צו אים געקלונגען, זיך מיט אים אָפּגערעדט ווו צו טרעפן זיך. אָפט איז זי אויך אים געקומען נעמען פון זײַן ביוראָ. זיי האָבן זיך געטראָפן און פאַרברענגט כמעט אָוונט־אָוונט, אַ מאָל בײַ איר, אַ מאָל אין אַ קאַפע אָדער רעסטאָראַן און אויך אַ נאַכט־לאָקאַל. זי איז מיט פאַרגעניגן אײַנגעשטיגן אין זײַן „דאָדזש" און זיך געפילט זיכער ווען זי איז געזעסן נעבן אים.

זי איז צו אים אויך געקומען אין פּענסיאָן. זי האָט זיך גוט געפילט אין דער פּשוטער דאָרט אײַנגעאָרדנטער נגידישקייט. איר האָבן אימפּאָנירט די קוואַרטיראַנטן דאָרט, די מענטשן פון דער וועלט וואָס זייער באַנעמען זיך און אָרט רעדן איז פאַר איר געווען קולטור. זי האָט זיך אויך באַצויגן מיט רעספּעקט צו פרוי בראַנד, דער מאַדאַם מיטן גרויען קאָפּ, וואָס יעדע איר באַוועגונג און טריט איז געווען מאַיעסטעט. אויך זי האָט געוווסט ווי זיך צו באַנעמען און זיך אַרײַנפּאַסן אין דער געזעלשאַפט. פרוי בראַנד האָט זי גערן געזען בײַ זיך.

אין אַן אָוונט איז זי מיטגעקומען מיט מרדכין. דער עסזאַל איז שוין געווען באַלויכטן. אַ צײַט זענען זיי געזעסן אין אַ ווינקל און שטיל געשמועסט. ווען די מענטשן זענען זיך צונויפגעקומען און זיך געזעצט צום טיש האָט מרדכי אויך באַשטעלט בײַ פּאַולאַן אַן אָוונטברויט פאַר מאַריאַסאַן.

בשעת דעם עסן האָט געהערשט אַ שטילקייט. אויך פּאַולאַ האָט שטיל געטרעטן, אָבער יעדעס מאָל וואָס און ווען זי האָט עפּעס דערלאַנגט איז זי געשטאַנען מרדכין אַנטקעגן און אים געשאָנקען אַ בליק פון דער זײַט. פון העפלעכקייט האָט זי אים אויך צוגערוקט אָדער אָפּגערוקט אַ טעלער. אַ קוים מערקבאַר שמייכעלע האָט פאַרמרוזשעט מרדכיס אויגן. בײַם סוף האָט פּאַולאַ אים אויך אַרײַנגעגאָסן דאָס ביסל מילך אין דער טיי. זי האָט געוואָלט מאַריאַסאַ זאָל זען זייער פרײַנדשאַפט.

ווען זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט פון טיש האָט מאַריאַסאַ זיך אַרומגעקוקט. ווען זי האָט געזען, אַז פרוי בראַנד איז נישטאָ, האָט זי מרדכין

אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיט אים אַוועק צו אים אין צימער. דאָס האָט זי געוואָלט פּאולאַ זאָל זען ווי אינטים זי איז מיט מרדכין.

אַ ביסל שפּעטער האָט פּאולאַ אָנגעקלאַפּט בײַ מרדכין אין טיר, זי געעפֿנט האַסטיק און שנעל זי צוגעמאַכט הינטער זיך.

— מרדכי! — האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו אים פּער „דו".
אָבער זי האָט נישט באַוויזן ממשיך זײַן. מאַריאַסאַ איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל און זי אַדורכגענומען מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק, ווי זי זאָל איר זאָגן „זײַ נישט חוצפּהדיק". פּאַולאַ האָט אויסגעהאַלטן איר בליק, ווי זי זאָל איר ענטפֿערן: „אונדזערע פּריווילעגיעס בײַ אים זענען די זעלבע" און זי איז אַרויס צוריק פֿון צימער. זי האָט דערגרייכט וואָס זי האָט געוואָלט. פֿון כעס האָט איר געפֿלאַמט דאָס פּנים און זי האָט געמרוזשעט די אויגן.

מאַריאַסאַ מיט אַ צעפֿלאַמט פּנים און פֿאַרמוזשעטע אויגן האָט אים געזאָגט:

— איך וויל עס נישט לײַדן...

ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און איראָניש איר געזאָגט:

— מאַך נישט קײַן טראַגעדיע, סתם אַ יעקעטע וואָס באַדינט... —
ער האָט זי אָנגעקוקט און דערזען די קנייטשן אַרום אירע אויגן און די איינצעלנע שוין גרויע האָר אויף איר קאָפּ. דאָך האָט ער זי אַרומגענומען. זי האָט אָפּגעעטעמט און איז הענגען געבליבן אויף זײַנע אָרעמס.

25

רודל איז ווי העכער געוואָרן, ווײַל זי איז נאָך דאַרער ווי זי איז געווען. איר פּאַס גרויע האָר פֿון דער לינקער זייט גיט איר צו אַנזען און חן. זי לײַדט און שווײַגט. זי איז בלײַך אויפֿן פּנים, אָבער שוין נישט פֿאַרביטערט. זי האָט זיך געוווינט צו איר לאַגע. בײַ געוויסע אומשטענדן גיט זי אויך אַ שמייכל. אירע שכנות פֿון הויז און דער סביבה ווייסן שוין וואָס זי לעבט איבער. אַלע שעצן און רעספּעקטירן זי.

שוין עטלעכע חדשים ווי זי ציט שוין נישט אויף קיין קרעלן. זי פירט איצט ביי זיך אין שטוב א קאנדיטאריע פון היימיש געבעקס. צו דער באשעפטיקונג איז זי געקומען צופעליק. רינה, א פריילין פון דער זעקסטער קלאס, מיט צוויי שווארצע צעפ איבערגעהאנגענע איבער די ברוסטן האט א לענגערע צייט אבסערווירט רודלען ביז זי האט איר אנגעהויבן זאגן „שלום" און אויך זיך שפילן מיט בענין. מיט דער צייט האט זי פארגעשלאגן רודלען, אז ווען זי דארף גיין אין גאס, וועט זי בלייבן מיט בעניען און אין דער צייט מאכן אירע לעקציעס. רודל האט איר געדאנקט אבער נישט געזאגט יא און אויך נישט ניין. איר שטאלץ האט עס איר נישט דערלויבט. אבער מיט דער צייט איז די יונגע רינה געווארן אן איינגייערין ביי רודלען. זי האט ליב באקומען בענין און בעני זי. זי האט אים פארשפילט ווי זי זאל זיין זיין עלטערע שוועסטער.

איין טאג האט רודל געמוזט ביז א געוויסע שעה אפטראגן א פארטיע אויפגעצויגענע קרעלן. רינה איז געקומען זי פארטרעטן. פארן אוועקגיין האט רודל זי מכבד געווען מיט א שטיקל פון איר געגאסענער באבקע. צומארגנס האט חנה, רינהס מוטער, א נידריקע, דארע פרוי אנגעקלאפט ביי רודלען אין טיר און שוין אויף דער שוועל, ווי נאר זי האט געזאגט שלום, איר געזאגט:

— אייער קוכן שמעקט זייער מיין טאכטער. איך וויל אייך בעטן איר זאלט מיר אפבאקן אזא קוכן...

רודל איז רויט געווארן ביז איבער די אויערן. זי האט נישט געוווסט, צי זי דארף זיין צופרידן אדער באליידיקט. אבער זי האט איר געענטפערט:

— פאר רינהן וועל איך עס טאן.

חנה איז געבליבן מיט דער שפיץ צונג צווישן די ליפן, אבער זי האט זיך דעצידירט און געזאגט רודלען: איך וויל באצאלן.

רודלס פנים האט א פלאם געטאן. פון בושה האבן אנגעסטן זי באשיט.

חנהן איז דאס לשון אפגענומען געווארן. זי האט געזען, אז רודל האט זיך באליידיקט. זי האט אוועקגעדרייט דעם קאפ און א פארשעמטע אן צו זאגן א ווארט איז זי אוועק אהיים. רודל האט אפגעזיפצט און גענומען זיך צו איר ארבעט.

חנה האָט איבערגעגעבן מלכהן, דער הויכער, דיקער שכנה פון דריטן שטאָק, וואָס פאַרא געשמאַק געבעקס רודל באַקט. מלכה האָט איבער־געגעבן אַלע אין הויז און דער סביבה שכנות, די שכנות זייערע באַקאַנטע. אַלע זענען געקומען צו רודלען באַשטעלן ווער אַ קוכן און ווער אַ טאָרט. פון אָנפאַנג האָט רודל זיך געפילט געטראָפן. איר איז נישט אָנ־געשטאַנען ווערן אַ „לעקעך־ייִדענע״ — אַזוי האָט מען בײַ זיי אין שטאָט גערופן באַטען וואָס האָט אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן אין די ייִדישע הײַזער צוקערלעקעך. רודל האָט זיך אָבער געפּאַסט און באַשלאָסן, אַז אַרבעטן איז נישט קיין חרפה, און זי וועט זיך צופאַרדינען. זי האָט אויפגענומען באַשטעלונגען בײַ יעדער פּרוי וואָס איז צו איר געקומען.

איר קליענטן־קרײַז האָט כסדר זיך פאַרגרעסערט, אַזוי ווײַט ביז זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט בײַ אירע באַדינגונגען נישט קאָנען אויספירן די אַרבעט און מוז מרדכיס קאַבינעט פאַרוואַנדלען אין אַ בעקערײַ. זי האָט געקויפט אויף אויסצאָל אַ גרויסן עלעקטרישן באַק־אויוון, אַ מיש־מאַשין און פאַרשידענע פאָרמען און כלים צו דער אַרבעט. זי האָט אויך זיך פאַרבונדן מיט צוויי קאַפע־הייזער: „דער בעכער״ און „מיילער״, געוואָרן זייער ליווערַאַנטין.

הײַנט איז זי די קאָנדיטאָרין. איר העלפן צוויי פרויען און אַ מאַן. די פרויען זענען לײַביקע, נאָר איינע איז אַ הויכע, די צווייטע אַ מיטל־ווּקסיקע. אָבער ביידע האָבן זיי דיקע פיס און טראָגן גאַנצע, געשנירטע שיך. מאָריס, דער מאַן, אַן עלטערער נידריקער הער מיט אַ גרויער צוגעשווירעבער וואָנצע. ער שטאַמט פון פּוילן און איז געקומען פון די לאַגערס. פון זײַן משפּחה איז נאָר ער געבליבן. ער איז אַ געוועזענער פּאַפּיר־סוחר. בײַ רודלען סדרט ער אָן, פּאַקט די סחורה. ער טראָגט זי אויך אָוועק און קאַסירט געלט.

זי קאַרגט זיך איצט נישט און אין שטוב פעלט גאָרנישט. זי איז צופרידן וואָס איר פּרנסה טראָגט איר אַרײַן, זי איז באַשעפטיקט און האָט נישט קיין צײַט צו טראַכטן. איר ליבע צום קינד און זײַן פרייד פאַרגרינגערן איר די פּראַצע וואָס פילט אויס איר טאָג. צו איר קומט איצט אסתר, אַ שילערין פון פּרעבל־סעמינאַר. זי שפּאַצירט און פאַרשפּילט

בענין. זי לייענט אים פאר, לערנט אים אונטערשיידן פארבן און דער־קלערט אים: מענטשן גייען, פייגל פליען... זי דערקלערט אים אויך, אז זומער איז הייס אוןווינטער רעגנט און עס איז קאלט; פרילינג בליען די ביימער און הארבסט פאלן די בלעטער.

בעני האט זיך צוגעבונדן צו אסתרן. ער ווארט און קוקט זי אויס און פרעגט די מוטער ווען זי וועט קומען. רודל איז צופרידן און אויך אייפערזיכטיק. זי באדויערט וואס זי קאן זיך איצט נישט אזוי אפגעבן דעם זון ווי פריער. אבער דאס טראגישע איז פאר איר ווען בעני צעוויינט זיך אין מיטן שפילן, ער קומט צו און פרעגט זי א טרויעריקער: ווו איז דער טאטע? פארוואס קומט ער נישט?... רודל לאזט איבער די ארבעט, זי נעמט אים אויף זיך און בארויקט אים: שא, קינד מיינס, וויין נישט, איך האב דיך ליב. איך וועל דיר קויפן א פייערלעשער־אויטא. אבער ער דאס זייניקע: קום צום טאטן... זיינע פארטרערטע אויגן גלאנצן. ער ווארט, די מוטער זאל מיט אים גיין צום טאטן. זי וויגט אים איין און גייט מיט אים אין שלאפצימער. אויך אירע אויגן זענען נאס. די צוויי פרויען קוקן זיך איבער. אויך זייער בליק איז א טרויערי־קער. אויך מאריס האט אראפגעלאזט די אויגן פון אויפרעגונג. אלע דריי שאקלען מיט די קעפ. זיי באדויערן דאס קינד.

נאך יעדער אזא פאסירונג האט רודל פונסניי זיך פארטראכט, צי עס וואלט נישט כדאי געווען אסתר זאל צופירן בענין צום פאטער. זי האט אבער זיך נישט געקאנט דעצידירן. זי האט נישט געוואלט, בעני זאל זי אנהייבן פרעגן: ווו איז דער טאטע? איך וויל צום טאטן... זי האט אויך נישט געקאנט ביי זיך פועלן, אז דאס קינד זאל טיילן זיין ליבע צווישן איר און דעם פאטער וואס האט זיי איבערגעלאזט. זי איז אויך נישט געווען זיכער, צי דער פאטער וויל, אז דער זון זאל אים קומען באזוכן.

אנומלט, בשעת אין די ווינקלען פון די צימערן האבן אנגעהויבן זיך באוויזן שאטנס, די ארבעטער און אסתר זענען שוין געהאט אוועק, האט בעני איבערגעלאזט דעם שטעקן, אויף וועלכן ער איז געריטן, איז אריינגעלאפן צו דער מוטער און זי ווידער געפרעגט: ווו וווינט דער

טאַטע ?... איר איבערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן און זי האָט פאַר־מאַכט די אויגן. בעני, וועלכער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געפרעגט און ער איז צוריק אַוועק צו זײַנע שפּילצײַגן. אָבער זײַן מאַמע האָט געעפנט די אויגן און געטראַכט: מילא, איך בין אים איבעריק, אָבער ווי קאָן אַ טאַטע אַזוי זיך דערווײַטערן פון אַן אייגן קינד ?... און האָט זיך צעוויינט.

אָבער דאָס פאַרבענקטע צום טאַטן קינד האָט פון זינט מאָריס אַרבעט בײַ זײַן מאַמען זיך צו אים געלאַשטשעט. בעני איז נישט איין מאָל שטיין געבליבן אַ פאַרגאַפטער, אים באַטראַכט און געוואַרט דער „זיידע" זאָל אים נעמען בײַ דער האַנט. מאָריס, אַן עלנטער און פרי פאַרעלטערטער, האָט געזען ווי בעני באַטראַכט אים. דאָס קינד האָט אין אים צוריק דערוועקט די שוין אָפּגעטויטע אין אים פון לאַנג פאָטער־געפילן.

אין אַ פרימאָרגן, ווי באַר מאָריס איז אַרײַן אין שטוב און געזאָגט שלום, איז בעני אין דער פּיזשאַמע אים אַנטקעגן געלאָפן אַ צעשמייכלטער. מאָריס, אַ צענומענער פון קינדס שמייכל האָט אַ בלאָז געטאָן פון זיך און אים אויסגעשטרעקט אַ פינגער. דאָס קינד האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פינגער און אַ ציִ געטאָן מאָריסן. ביידע האָבן געשפּאַנט איבער די צימערן ווי איינער זאָל פירן דעם צווייטן. ביידע, דאָס קינד און דער אַלטער זענען געווען גליקלעך.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום שפּילצײַג האָט מאָריס אַרײַנגענומען צווישן די פיס דעם שטעקן מיטן פערדקאָפּ און אים אַ זאָג געטאָן „דיאָ!" בעני האָט זיך האַרציק צעלאַכט. דער הילך פון קינדישן געלעכטער האָט אויפגעטרייסלט מאָריסן. ער האָט געציטערט ביז טרערן. רודל איז געבליבן פאַרשטיינערט. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי אַוועק צום באַק־אויוון.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך געשאַפן צווישן דעם אַלטן און דעם קינד פאַרבונדנקייט. נישט איין מאָל האָט בעני גענומען מאָריסן בײַ דער האַנט, אים אַרײַנגעפירט אין צווייטן צימער און פון אים פאַרלאַנגט: בוי מיט מיר דאָס הויז פון די קלעצלעך. מאָריס האָט דאָס געטאָן מיט

פרייד, האָט אים אויך געמאַכט פון אַ קאַרטאָן אַ הויז מיט אויסגעשני־טענע און באַמאָלטע טירן און פענצטער. אַ גליקלעכער איז בעני אַוועק־געלאָפן צו דער מוטער און איר געבערענגט זען דאָס הויז. מאָריס האָט אויך געמאַכט אַ וועגעלע: צוגעקלאַפּט צו אַ הילצערן קעסטעלע פיר רעדלעך און צוגעבונדן אַ שטריקל. בעני האָט אויף דעם וועגעלע אויפגע־לאָדן וואָס ס'איז אים געקומען אונטער דער האַנט. ער איז געפאָרן איבער די צימערן און געשריגן: דיאָ, דיאָ! און אונטערגעיאָגט דאָס „פערד". מאָריס האָט אים אויך נישט איין מאָל געגומען אויף די קני, אים געהאָצקעט, ווי ער זאָל רייַטן און געמליאַסקעט מיט דער צונג, ווי אַ פערד זאָל לויפן. בעני האָט געקוואַלן און געשריגן: שנעלער! שנעלער!

יעדעס מאָל ווען רודל האָט געכאַפּט אַ קוק און געזען ווי דאָס קינד מיט דעם אַלטן ייִד שפּילן זיך, איז איר פּנים געוואָרן אַ מאָל רויט, אַ מאָל בלייך. זי האָט געציטערט פון אויפרעגונג. זי האָט געוווּסט וואָס דער אַלטער און דאָס קינד געפינען אין זייער פרייַנדשאַפט. זי האָט זיך אויסגעווישט אַ טרער אין אויג און זיך אַרומגעקוקט צי עס האָט ווער געזען. זי האָט זיי נישט געוואָלט שטערן און אויך נישט געקאָנט דאָס זען.

26

אין אַ פאַררעגנטן פרימאָרגן האָט דאָס טיר־גלעקל אַ לייַכטן קלונג געטאָן.

— איך וויל רעדן מיט פרוי בערעזין — האָט דער אַרייַנגעקומענער געזאָגט. רודל, וואָס האָט געוואַרט און זיך צוגעהערט, האָט דערהערנדיק איר פאַמיליע־נאָמען אַ ציטער געטאָן. דער נאָמען האָט זי מיט אַ מאָל דערמאָנט ווער זי איז. זי איז שנעל צוגעגאַנגען צו דער טיר. מאָריס איז צוריק אַוועק צו זייַן אַרבעט.

רודל האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך ווי אָפּגעשאָקלט דערזעענדיק דעם פרעמדן. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער בליק פון זייַן איינציק גרוי אויג עקבערט זי אַדורך.

— װער זענט איר? — האָט זי אַ דערשטױנטע און אַן איבערראַשטע אים אַ פרעג געטאָן.

— איך בין ברוך, אײַער מאַנס בוכהאַלטער... ער האָט געװוּסט װאָס עס קומט פאַר בײַ זײ אין דער משפּחה.

איר פּנים האָט באַקומען אַלע פאַרבן. אַ מאָל האָט עס געפלאַמט, אַ מאָל איז עס געװען בלײך, אָן אַ טראָפּן בלוט.

— װער האָט אײַך געשיקט? — האָט זי אים געפרעגט. איר קול איז געװען האַרט און האָט געציטערט.

— איך בין געקומען פון מײַן אײגענער איניציאַטיװ. איך װיל אײַך פרעגן, צי איר זענט נישט דאַקעגן איך זאָל איבערפירן הער בערעזינען צו מיר? ער איז געװען זיכער, אַז זי װײסט װאָס אים איז געשען.

— װאָס איז אים געשען?! — האָט זי היסטעריש אַ קװיטש געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט אין ראַנד פון טיש, זי זאָל נישט אומפאַלן. עס האָט איר געשװינדלט אין די אױגן און די ערד זאָל זיך אונטער איר טרײסלען.

ברוך, װי ער זאָל דאָס אַלץ נישט זען, האָט איר געלאָזן געענטפערט:

— מיט דרײַ װאָכן צוריק, שפּעט אין דער נאַכט האָט אַ פּאָליצײ־קאַרעטע געטראָפן שטײן אַן אױטאָ אין מיטן װעג. דער שאָפער — הער בערעזין, איז געלעגן אָן אַנגעלענטער אױפן רודער אַ פאַרחלשטער. די דאָקטױרים האָבן בײַ אים פעסטגעשטעלט אַ האַרץ־אָנפאַל. דאָס האָב איך זיך דערװוּסט בײַ אײנע פון די קראַנקן־שװעסטער, װאָס פלעגן אים. קײנער, אַחוץ מיר האָט אים די גאַנצע צײַט נישט באַזוכט. דעם לעצטן זאָץ האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל עס װיסן.

רודל האָט אָפּגעזיפצט, פאַרבראָכן די הענט און שטאָלץ אים געענטפערט:

— איך דאַנק אײַך פאַר אײַער מי. איך גײ שױן צו אים!... זי האָט פאַרביסן די ליפּן און אים אָנגעקוקט. אירע אױגן זענען געװען טרױעריק.

— שלום! — האָט ברוך שטיל איר געזאָגט און זיך אַרױסגעשלײכט פון צימער.

רודל האָט אױף זיך אַרױפגעצױגן דעם רעגנמאַנטל און געזאָגט די צװײ פרױען, זײ זאָלן ממשיך זײַן די אַרבעט. מאָריסן האָט זי געזאָגט:

פאַסט אויף אויף בענין ביז איך וועל צוריקקומען. זײַענדיק שוין אין טיר האָט זי אים געזאָגט:

— אויב בענין וועט אויף מיר פרעגן, זאָגט אים, איך קום באַלד צוריק... און זי איז אַוועק.

די שטוביקע האָבן געזען ברוכן. דעם שמועס מיט רודלען האָבן זיי נישט געהערט, אָבער זיי האָבן זיך משער געווען, אַז עפּעס אויסטער־לישס איז געשען.

רודל איז אַרײַן צו מרדכין נאָך דעם ווי זי האָט גערעדט מיטן דאָקטער, וואָס באַהאַנדלט און דערלידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן.

ער האָט דערקענט איר קול. ער האָט אויפגעריסן די אויגן און אונ־טערגעהויבן דעם קאָפּ, אָבער אים צוריק אַראָפּגעלאָזט, ווי דער נאַקן זאָל זיך אים האָבן איבערגעבראָכן פון איבערראַשונג.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער און מיטן פינגער איבער די ליפּן אים אַ פּליסטער געטאָן:

— רעג זיך נישט אויף...

זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט. ער האָט געוואָלט רעדן, זי האָט אָבער צאַרט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן מויל און געזאָגט:

— דו שווײַג. איך וועל רעדן. איך האָב שוין אַלץ דערלײדיקט און וואַרט אַן אַמבולאַנס זאָל קומען אונדז נעמען...

ער האָט מיט בײדע הענט אָנגענומען איר האַנט, געוואָלט זי קושן. זי האָט לאַנגזאַם זי אַרויסגעצויגן פון זײַנע הענט. אירע ליפּן האָבן נאָר געפּליסטערט: באַרויִק זיך, זײַ רויִק...